STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08896

IN KRIG

N. Sigalovski

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נ. סיגאַלאָווסקי

אין קריג

טרילאָגיע

אַרויסגעגעבן פון

קולטור-גרופּע „יידיש“

נוואַרק, ניו דזשוירזי, 1942.

IN KRIEG

Trilogy

Copyright by N. SIEGALOVSKY
Newark, New Jersey, 1942

Printed in U. S. A.

POSY-SHOULSON PRESS
19 West 21st St., New York
255

בוך איינס

קינדער

דעם ליכטיקן אָנדענק פון מיינע עלטערן

הערשל און חיה, ז״ל

קאַפּיטל איינס

שוין עטלעכע אָוונטן אַז די פּויערים און די יידן פונם קליינעם ווינקעלע אין דאָרף רייקי האָבן ניט געהערט דאָס געזאַנג פון די קליינע ווייסע חברה׳ניקעס. זיי זיינען נאָך קיין דערוואַקסענע שקצים ניט געווען, נאָך גאָר שנעקעס, צוועלף און דרייצניעריקע, — אָבער זיי האָבן זיך שוין געשניטן אויף כלאָפּציעס, זיך געלאָזט וואַקסן היפּשע היטשקעס האָר, זיך געטשעפּעט צו שיקסלעך און אין די אָוונטן שוין געזונגען לידער באַגלייך מיט די דערוואַקסענע. זיי האָבן ביים זינגען ברייט געעפנט די מיילער און זיך אָנגעשטרענגט, אַז די שטימען זאָלן אַרויס־קומען וואָס ברייטער און גרעבער...

און נאָר דער זאַפּיעוואַלי האָט ביים זינגען געהאַלטן פאַרריסן דאָס קליינע, טונקל־ברוינע קעפּל און זיך פאַרגאַנגען ווייט און לאַנג, און ברייט מיט אַ דינער, הילכיקער שטימע.

אַ זאַפּיעוואַלי איז אין רייקי געווען ניט קיין קליינער יחוס, און דערפאַר האָבן אַלע אויף אים געקוקט ווי־אויף אַ העלד און מען האָט אים געגעבן אַ צונאָמען, וואָס האָט אים זייער געפּאַסט: „קאַנאַריק״... אין דער אמת׳ן האָט ער געהייסן שמעון (כייקל רייקי׳רס עלטסטער אינגל) אײדער מען האָט אין אים אַנטדעקט זיין שטימע, האָט ער ביי זיינע חברים געהייסן שימקאָ, אָבער כאַקעליאָווי. ווען ער איז געוואָרן אַ פאַרזינגער, האָט מען אים געקרוינט מיטן מוזיקאַלישן נאָמען, און אַזוי האָבן אים שוין כמעט אַלע דאָרפסלייט גערופן.

און אָט האָט זיך דער ידישער קאַנאַריק ניט געוויזן צווישן זיינע קריסטליכע זינגער. זיי האָבן זיך געוואונדערט, געפּרואווט זינגען אָן אים, און ס׳איז ניט געגאַנגען. שמעונ׳ס קאָנקורענט, פלאַניעטאַ (דאָס איז דערפאַר, וואָס ער איז געווען בלינד אויף איין אויג און דאָס זעענ־דיקע האָט אויף זיין גרויסן פנים געשיינט, ווי אַ שטערן...) האָט זיך אונטערגענומען פאַרזינגען, אָבער די קליינע זינגער האָבן זיך פון אים ניט געלאָזט פירן.

ס'איז אַוועק איין אָוונט און צוויי און דריי — אַזוי איז אַוועק א וואָך... און אָט איז זיך חברה פאַרנאַכט צונויפגעקומען אין גאָס און באַטראַכט די פראַגע וועגן אַ זאַפּיעוואַלי. מאַקאַר'ן האָבן זיי דעם כבוד ניט געוואָלט אָנטאָן... וואו איז אַהינגעקומען קאַנאַריק???

יאָברעם יאַגניציאַ, אַ דאַר, זשוואַווע שייגעצל מיט שטייענדיקע בלוי־אויסגעוואַשענע אויגן, האָט פאַר'משפט שמעונ'ען מיט די ווערטער:

— זשיד זשידאָם, זיך געמאַכט פאַר אַ פּאַני בראַט, און איצט קומט ער אַפילו ניט אַרויס צו אונדז.

דיניס קאַליקע, העכער און ברייטער פון יאַכרעמ'ען, דער שטאַרקסטער אין דער גרופּע, האָט פאַרשמעלט זיינע — אַזוי אויך — שמאָלע, קאַרע אויגן און געזאָגט: — אַ מאָזשע זדאָך?...(און אפשר איז ער גע'פּגר'ט.)

די אינגלאַך האָבן געלאַכט.

דער הינקענדיקער פּאַווליזשע האָט מיט אַ שוואַך דין קול צוגע־וואונטשעוועט די יידן:

— הלואי וואָלטן אַלע יידן געפּייגערט — און ער מיט זיי!

חברה האָט געשמאַק געלאַכט, געוואָרפן מיט די קעפּ, אונטער־געשפּרונגען. די גלאַנציקע צלמ'לאַך האָבן זיך אויף זייערע העלדזער געוואָרפן און קליינע, בלענדנדיקע זונען האָבן אין זיי געבליצט, זיך אויסגעלאָשן און ווידער אויפגעפלאַמט אַקעגן דער זומערדיקער פאַר־גייענדיקער זון.

זיי האָבן זיך אויסגעזעצט אויף וואַסקאַ סאַנדראַצקי'ס ספּריזבע, וואָס צו דער גאָס און געוואַרט, אַז די שיקסלאַך זאָלן אָנקומען. ס'איז נאָך אָבער געווען פרי, טאָן איז ניט געווען וואָס, — האָט מען נאָכן שווערן אורטייל אויף קאַנאַריק'ן מיט אַלע יידן — דאָך באַשלאָסן זיך דורכגיין צו דער יידישער קרעטשמע און טאַקי מיט די אייגענע אויגן זען, וואָס אזוינס האָט פּאַסירט מיט דעם כאַקעליאָוון, וואָס מען זעט אים ניט...

ס'איז געווען לאַנגווייליק צו גיין, האָט מען זיך אויסגעשטעלט אין אַ לאַנגער ריי, אויף עטלעכע שפּאַן אָפּגעטראָטן איינער פונם אַנדערן... דיניס האָט אַ קאָמאַנדעווע געטאָן: „ררראַז!" אַלע האָבן אים פאַרשטאַנען... דער וואָס איז געשטאַנען גאַר הינטן, איז זיך צולאָפן און אַריבערגעשפּרונגען איבערן צווייטן, וואָס האָט באַצייטנס צוגעבויגן דעם קאָפּ... דיניס איז שוין געשפּרונגען איבערן דריטן, איבערן פערטן... אָבער דער צווייטער איז אים נאָכגעשפּרונגען...

און אזוי איז מען צוגעקומען צו דער אַלטער, פּריצ׳ישער קרעטשמע, אָפּן בערגל, קעגן קלויסטער.

ס׳איז געווען פּרייטיק. פון דער יידישער שטוב האָט אַרויסגעשמעקט חלה, פיש און נאָך עפּעס אַזאַ וויינינקס, וואָס האָט געקיצלט אין דער גאָז און זיך געבעטן עסן. די שקצים האָבן זיך באַלעקט און זיך איבערגעקוקט.

אויפן הויף איז צו אַ קורצן פלאָקן געווען צוגעבונדען די קו; אויפן גאָרטן האָט זיך געפּאַשעט דאָס קעלבל; הינער זיינען שוין געגאַנגען אויף זייער געלעגער. קאַנאַריק׳ן האָט מען ניט געזען...

זיי זיינען אַרומגעגאַנגען אַרום פּלויט, דערנאָך — אַרום גראָבן וואָס אַרום גאָרטן און ערשט האָבן זיי דערזען שמעונ׳ען אין הינטערשטן קרעטשמע־גאַניקל, צום גאָרטן צו. ער איז געזעסן אויף אַ ראָגאָזשע און לעבן אים זיינען געשטאַנען שיך, גרויסע, קלענערע און גאָר קליינע...

שמעון האָט, פּוצנדיק די שיך, אַרויסגעשטעקט אַ שטיקל צונג... ער האָט די באַרשט געטונקען אין צעמאָלענער ווייסער ליים און ווידער געפּוצט...

די שקצים האָבן זיך איבערגעוואונקען... זיי האָבן זיך אַראָפּגעזעצט און אויסגערופן אין כאָר:

— קראַ קראַ קראַקראַטשי!!!

שמעון האָט באַלד דערהערט דאָס געזאַנג און פאַרשטאַנען, ווער דאָס איז... זיי האָבן זיך דאָרטן מיט איין מאָל געגעבן אַ שטעל אויף, און ער האָט זיי דערזען... זיי האָבן געלאַכט. ער איז געווען פאַרשעמט. ער האָט אָפּגעווישט די איינגעשמירטע הענט אָן גראָז און צוגעגאַנגען צום הויכן, פאַרוואַקסענעם אַנשיט איבערן ריוו. ער האָט צוגעלעגט אַ פינגער צום מויל און מיט די אויגן זיי געבעטן שטיל זיין. ער האָט זיך מיט מורא אומגעקוקט אויף דער גרויסער, כמורנער שטוב און זיך געבעטן ביי די חברים:

— איך קאָן מער צו אייך ניט אַרויסקומען.

— ביסט רייך געוואָרן? — האָט פּאַוולושאַ אויסגעצויגן געפרעגט.

שמעון האָט אומגעדולדיק געדרייט מיט זיין טונקל־ברוינעם קעפּל אויף ניין...

— ניט דאָס — האָט ער געזאָגט.

— וואָס דען? — האָט עמיצער פון דער חברה געפרעגט.

— נאָך ערגער — האָט שמעון געענטפערט.

— אַ שטשאָ? האָט מען פון דער חברה ווידער געפרעגט.

און שמעון האָט זיי דערציילט:

— איך ווער דרייצן יאָר אַלט, און איך טאָר מער קיין עבירות ניט טאָן...

— ווערסט, הייסט עס, אַן אמת׳ער זשיד פאַרך — האָט דיניס געזאָגט און אין שפּאָט פאַרשמעלט זיינע קאַרע אויגן.

— אָ — האָט שמעון געזאָגט — אַזוי ווי מיין טאַטע און אַזוי ווי מיין זיידע.

— און מער וועסטו מיט אונדז ניט זינגען? — האָט שוין טימקאָ לאַווריוו זיך אָנגערופן. זיינע שטילע, בלויע קלויסטער־אויגן האָבן דראָענדיק דורכגענומען דעם יידן...

— ווי קאָן איך? — האָט שמעון זיך פאַרענטפערט.

דיניס האָט אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט.

— דו — האָט ער געזאָגט — שימקאָ, טויף זיך בעסער, וועסטו זינגען, וויפיל דיין האַרץ גלוסט, און וועסט פאַרשפּאָרן זיך שאָקלען איבער דיין טאַטנס הייליקע ספרים. וועסט חתונה האָבן מיט יאַוודאָכען, נעמען פעלד, האָבן אַ ליכטיקע וועלט... און אַז דו וועסט שטאַרבן, וועסטו גייען מיט אונדז אין גן עדן אַריין...

— אָט אַ פלינקער! האָבן די חברים באַוואונדערט דיניס׳ מענה לשון.

ביים וואָרט „יאַוודאָכע״ איז שמעון רויט געוואָרן. ער האָט אויס־געמיטן צו קוקן די שקצים אין די אויגן...

— איך האָב מורא — האָט ער געזאָגט — דער טאַטע וועט מיך נאָר דערזען אָט דאָ, לעבן אייך, וועל איך שוין אַריינכאַפּן.

שמעון האָט די עטלעכע ווערטער אָפּגעזאָגט שנעל און איז אַוועק צו זיינע שיך. און זיינע חברים האָבן באַין ברירה אויסגעקליבן מאַקאַר פלאַניעטאַ׳ן פאַר זייער נייעם פאַרזינגער.

קאַפּיטל צוויי

כייקל רייקי'ר האָט געדינט אין דער עקאָנאָמיע, און איז זעלטן געפאָרן אין שטאָט אַריין אויפן יאַריד. לכבוד דעם זונס בר־מצוה האָט זיך דער פאָטער אָפּגעבעטן ביים פּריץ אויף אַ טאָג און איז אַליין געפאָרן אין שטאָט אַריין איינקויפן. די תפלין זיינען שוין פאַרן זון געווען באַשטעלט ביים יאַרמעליניצ'ער סופר, און היינט איז כייקל געפאָרן זיי אָפּנעמען.

דער סקאַרבאַווער וואָגן איז געווען הויך אָנגעבעט מיט שטרוי און איבערגעדעקט מיט אַ דינער רעדיזשקע. אַ פּאַרובאָק פון דער עקאָנאָמיע איז געזעסן אויפן וואָגן און געהאַלטן די לייצעס אין די הענט. די בייטש האָט געשטעקט אין דער שטרוי.

ס'איז געווען אַ שטילער, כמורנער פרימאָרגן. דער פּאַרובאָק האָט אומגעדולדיק געקוקט אויף די פענסטער פון דער אַלטער קרעטשמע און ער האָט ניט פאַרשטאַנען, ווי קלייבט מען זיך דאָס אַזוי לאַנג, ווען מען דאַרף ערגעץ פאָרן.

נאָר אָט האָט זיך געעפנט די טיר און שייע, דער אַלטער פאָטער כייקל'ס, איז אַרויסגעקומען. זיין העל־גראָע באָרד איז געווען ברייט צעקעמט און די געדיכטע, טונקעלע ברעמען איבער די ביסטרע אויגן — אָנגעסופּעט.

— אַ גוטינקען מאָרגן — האָט זיך דער פּאָרובאָק געגריסט.

— געב, גאָט, געזונט — האָט שייע געענטפערט, און ווי ער וואָלט געטראָפן דעם פּאַרובאָקס געדאַנקען — צוגעגעבן: — באַלד קומט שוין כייקל אַרויס.

און ווירקלאַך, כייקל איז באַלד אַרויסגעקומען. ער איז געווען אַביסל נידריקער פונ'ם פאָטער. זיין ריזשע, געדיכטע באָרד — אונטערגעשוירן און דער קאַשקעט אויף זיין היפשן קאָפּ הויך אויפגעשטעלט. ער האָט זיינע אַרבעטער־קליידער היינט ניט געטראָגן און איז געווען אָנגעטאָן אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע אַן אויסגעפּרעסט העמד און אַ

שוואַרצן שניפּס. זיין רונד, רויטלאַך פּנים האָט פֿויעריש אַרויסגעקוקט פון די יידישע, יום־טוב׳דיקע קליידער. זיינע מילדע, קאַרע אויגן האָבן פייערליך געפינקלט. ער האָט ניט געוואָרט, אַז דער פּאַרובאָק זאָל אים פריר אָפּגעבן דעם „גוט מאָרגן" און זיך, דער ערשטער ברייט און פראָסט פויעריש געגריסט.

דער שייגעץ האָט אָנגעקוואָלן און ער האָט אַזוי געזאָגט:

— אַ קוק טאָן אויף אייך, פּאַני כייקל, זענט איר אַ פריץ, און רעדן רעדט איר ווי אַ מענטש...

כייקל האָט אים דערויף ניט געענטפערט און איז פלינק אַרויף אויפן וואָגן.

אויפן גאַניק זיינען שוין דערווייל געשטאַנען: די אַלטע שייעכע, די כאַקעליאָווע, — די אַלטע אין אַ טיכל און די שנור — אין אַ גע־קווייטלטער קאָסינקע, פּאַרבונדן אַרונטער. לעבן די פרויען זיינען געשטאַנען די פּאַרשלאָפענע קינדער, די שוואַרצאויגיקע חנה׳לע און ניומטשיק מיט גרויסע, ווי איבערגעשראָקענע אויגן. דאָס זיינען געווען כייקלס צוויי קלענערע קינדער. דער בעל שמחה אַליין האָט געפעלט. ער האָט זיך ערגעץ באַהאַלטן און געוואָרט, אַז די פור זאָל שוין אָפּפאָרן.

און אָט האָט ער דערהערט, ווי דער טאַטע זאָגט „זייט געזונט" און דער פּאַרובאָק זאָגט אויך אויף יידיש „זייט געזונט" און לאַכט פון זיין אייגענער חכמה.

— אַ ביכל!.. ברייננ מיר אַ ביכל! — האָט ניומטשיק נאָכ־געשריגן.

— און מיר אויך!.. און קרעלן, גרויסע רויטע קרעלן! — האָט חנה׳לעס שטימע געהילכט פון וווייטן.

דער וואָגן האָט זיך גערירט. שמעון איז אַרויס פון זיין באַהעל־טעניש. ער איז אַריין אין בעט און זיך איבערגעדעקט איבערן קאָפּ. ס׳איז אים געווען אומעטיק: איבעראַכטאָג אין דער צייט וועט ער שוין דאַרפן זיך היטן אַן עבירה טאָן, מיט די שקצים זיך מער ניט שפּילן, אויף יאַוודאָכע׳ן מער ניט קוקן; ער וועט דאַרפן זיצן באַגלייך מיט ניומטשיק׳ן איבער די ביכער און קאַנאַרכען.

ער האָט זיך דערמאָנט אַלע זיינע פּאַרברעכנס, וואָס ער איז באַגאַנגען... ער האָט כמעט אַלע טאָג געזאָגט אַ ליגן. ער האָט ניט נאָר געלייקנט פון שלום ווענן, נאָר אָפּט אויסגעטראַכט זאַכן, אָפּגע־נאַרט און הנאה געהאַט, וואָס מען האָט אים געגלויבט... ער האָט געפרעסן גוי׳איש ברויט און זיך ניט נאָר געוויטעט מיט שיקסלאַך, נאָר

אַפּילו געקושט יאַוודאָכע׳ן, ווען זי איז געזעסן ביי אים אויף די קני. ער האָט זי געקושט און האָט איר צוגעזאָגט, אַז ער וועט ווערן אַ גוי!...

פון שרעק און בזיון האָט אים דאָס פּנים געפלאַמט. ס׳איז אים געוואָרן אַזוי הייס, אַז סע האָט אים פאַרכאַפּט דעם אָטעם, און ער האָט אַרויסגעקוקט פון אונטער דער קאָלדרע. ער האָט געהערט ווי אין קיך האָבן זיך געפּאָרעט די מאַמע און די באָבע. חנה׳לע האָט געראַמט און געזונגען אַ גוי׳ש לידל. שמעון האָט זיך אין דעם איינ־געהערט און זיין האַרץ האָט האַסטיק געקלאַפּט.

— גאָט! — האָט ער געזאָגט און זיך דערשראָקן פאַרן געדאַנק וועגן דעם אַלמעכטיקן, אַלצזעענדיקן און אַלצוויסנדיקן — גאָט! — האָט ער זיך אין פאַרצווייפלונג געווענדעט צום באַשעפער: — פאַרוואָס, פאַרוואָס בין איך ניט באַשאַפן געוואָרן קיין מיידל?... סע וואָלט דאָך מיר איצטער געווען אַזוי גוט, אַזוי גוט!...

ער האָט צוגעמאַכט די אויגן און האָט געהערט, ווי חנה׳לע האָט געזונגען דאָס גוי׳שע ליד העכער און פרייער. טרערן האָבן אים גע־שטיקט און ער האָט דערפילט, ווי זיי רינען אים איבערן פּנים.

ניומטשיק, זיין עלפיעריקער ברודער, האָט מיט אַ טרוקענער שטים געזאָגט דאָס גאַנצפריעדיקע דאַוונען.

— חנה! — האָט די מאַמע פון דער קיך גערופן — גיי נאָר, טו אַ רוף שמעונ׳ען!

— באַלד — האָט חנה׳לע פריילאַך געענטפערט. זי איז אַרויס־געלאָפן אין דרויסן און פון דאָרט האָט זיך איר העלע שטימע געטראָגן אַהער...

— קאַנאַריק! — האָט זי געהילכט איבערן גאָרטן — קאַנאַריק! דער טאַטע איז שוין אַוועקגעפאָרן! קאַנאַריק, קאַנאַריק! וואו ביסטו?...

זי איז דורכגעלאָפן אין גאָרטן, ביי די פענסטער, דערנאָך איז זי אַריין אין שטוב, דערנאָך — אין אַלקער, וואו שמעון איז געשלאָפן. זי איז צו צום געלעגער און אַראָפּגעריסן די קאָלדרע פונם ברודער. שמעון האָט זי געבעטן, זי זאָל זיין שטיל. זי האָט מיט גוטע, פאַר־שטענדיקע אויגן באַטראַכט שמעונ׳ען. זי האָט אים איינגעדעקט און געזאָגט:

— ווילסט, וועל איך דיך צוריק איבערדעקן...

— איך דאַרף שוין אַלצאיינס אויפשטיין — האָט שמעון געענט־פערט. ער האָט געקוקט אויף דער קליינער, צעניעריקער שוועסטער, געקוקט און געקוקט און שטיל געזאָגט:

— חנה!

— וואָס?

— דיר איז גוט.

זי האָט אָנגעבלאָזן אירע פּולע, רויטע ליפּלאַך, אַ טופּע געטאָן מיטן באָרוויסן פּיסל און בייז געזאָגט:

— ניין, דיר איז בעסער: איך וועל קיינמאָל קיין תפלין ניט קאָנען אָנטאָן... שמעון האָט זיך אויפגעזעצט.

— ווייסטו וואָס — האָט ער געזאָגט — איך וועל דיר געבן אָנטאָן מיינע תפלין.

חנה'לע האָט זיך דערשראָקן.

— גיי שוין גיי! — מיר וועלן ביידע האָבן צוויי גרויסע עבירות, און דו טאָרסט שוין קיין עבירה קיינמאָל, קיינמאָל ניט האָבן!...

דערווייל האָט די מוטער גערופן:

— חנה! חנה! וואו ביסטו שוין פאַרפאַלן געוואָרן?

— איך זוך שמעונ'ען — האָט זי פלינק אָפּגעענטפערט.

— האָסט געזאָגט אַ ליגן! — האָט זי דער ברודער פאַרכאַפּט.

— איך בין דאָך אַ מיידל — האָט זיך חנה'לע פאַרטיידיקט — און נאָך אַ קליינע דערצו, איך מעג...

— יאָ, דו מעגסט — האָט איר שמעון פאַרטראַכט נאָכגערעדט.

— חנה! — האָט די מוטער פון קיך ווידער גערופן.

חנה'לע איז אַרויסגעלאָפן פונם אַלקער, אַוועק אין קיך און געזאָגט דער מוטער, אַז שמעון איז שוין דאָ און — ער וועט זיך באַלד שטעלן דאַוונען.

אויפן טיש אין סטאָלאָווע, האָט שוין געזאָטן דער סאַמאָוואַר. די קאַרטאָפליעס מיט פּוטער זיינען שוין אויך געווען אָנגעגרייט. ניומטשיק איז געזעסן ביים טיש, געגעסן און אַריינגעקוקט אין אַ רוסיש ביכל.

שמעון איז געווען הונגעריק. ער האָט אָבער געמוזט זאָגן „מודה", נאָכדעם — דאָס גאַנצע דאַוונען. ניט איבערהיפּן קיין איין בלעטל. אַפילו אַ וואָרט ניט...

ער האָט זיך ערנסט גענומען צו דער תפלה, זיך דערמאָנט, אַז ביז

דרייצן יאָר האָט ער נאָך אַ גאַנצע וואָך און — אויסגעשפּיגן ככל המונם...

ער איז אַריין אין קיך, געזאָגט אַ גוט מאָרגן דער באָבען, נאָכדעם — דער מאַמען, נאָכדעם איז ער ארויסגעלאָפן אויפן גאָרטן צום זיידן, אים אָפּגעגעבן גוט מאָרגן און איז צוריק אַריין אין הויז.

ער האָט נאָך געהאַלטן אין עסן, ווי ס'איז אָנגעקומען דער לערער.

ער האָט זיך דערמאָנט אַז ער האָט נעכטן ווידער ניט געלערנט די אויפגאַבן, האָט ער שוין מער ניט געגעסן. ער האָט געכאַפּט זיינע לערנביכלעך, זיך פאַרשיעט אין אַ ווינקעלע און גענומען לערנען אַ רוסיש געדיכט אויף אויסנווייניק.

ער האָט געהערט, ווי דער לערער האָט גערעדט צו די קינדער. די ערשטע איז צום טיש געגאַנגען חנה'לע, נאָכדעם האָט ניומטשיק געלערנט און נאָך אים איז געווען שמעונ'ס ריי.. חנה'לע האָט געלערנט אַ האַלבע שעה, ניומטשיק — אַ גאַנצע און אין די אַנדער־האַלבן שעה האָט שמעון באַדאַרפט אויסלערנען אַ רוסיש געדיכט, אַ זייטל די ליינג. ער האָט חוץ דעם באַדאַרפט קאָנען עטליכע אַריפ־מעטישע און גראַמאַטישע כללים, מאַכן אַ קליינע איבערזעצונג פון דייטש אויף רוסיש און פון רוסיש אויף העברעאיש און באַרעכענען פיר אַריפמעטישע פּראָבלעמען.

מיט אַלץ איז שמעון דורכגעקומען, און נאָך די פאַרשאָלטענע זאַדאַטשעס האָט ער ניט געקאָנט גובר זיין. מער ווי צוויי האָט ער ניט באַוויזן צו מאַכן. ער האָט געוואוסט, אַז דער לערער וועט אים „פּיקן אַ גאַל" און ער וועט הייסן ניומטשיק'ן מאַכן פאַר אים, שמעונען, די חשבונות... ער האָט עס געוואוסט און זיך ניט געקאָנט העלפן... מען האָט דערווייל באַדאַרפט אַריינגעמען אין קאָפּ, וואָס סע האָט זיך געלאָזט, האָט ער האַסטיק אַרומגעשפּאַנט איבערן צימער און איינגע־לערנט אָקסאַקאָוו'ס אַ ליד:

דאָראָזשקאַ, דאָראָזשקאַ, קודא טי וויעדיאָש?
ביעז זוואַניאַ לי טי איל סאָ זוואַניעס סליוויאָש?
/וועגלע־וועג, וואוהין פירסטו?
/האָסטו ניט קיין נאָמען, צי שמסטו אויף דער וועלט?/

עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס פאַרהערן... דער לערער איז אין אויפרעגונג געשטאַנען. ער איז געווען הויך און זיינע אויגן האָבן שמעונ'ען אַריינגעקוקט אין קאָפּ... ער האָט זיך געקנייטשט, געקרומט און גע'מוסר'ט דעם אומנאַטירליך — אויסגעוואַקסענעם שמעונ'ען:

— יונגערמאַן, איר פאַרגעסט זיך, אַז איר זענט שוין אַלט דרייצן יאָר.

— איזוויניאיוס — האָט שמעון געמורמעלט.

— ניטאָ זיך וואָס צו אַנטשולדיקן, האָט דער לערער געזאָגט, און, קוקנדיק אויפן פאַרשעמטן בחור'ל, ווי אויף אַ פאַרלוירענעם, וויכטיק צוגעגעבן — לערנען זיך דאַרף מען!

שמעון האָט געשוויגן.

קאַפּיטל דריי

דערווייל איז שוין כייקל געווען אין שטאָט און דאָרט אַלץ איינגעקויפט, וואָס ס'איז נויטיק אין אַ באַלעבאַטישקייט.

אָפּגעפּטר'ט דעם חול, האָט ער די שבת'דיקע קאַפּאָטע פאַרשפּיליעט אויף אַלע קנעפּלאַך, אָנגערוקט דעם קאַשקעט און איז אַוועק צום סופר נאָך די תפלין.

עס האָט געמראַקעט אַ רעגן. כייקל האָט געשפּאַנט צווישן די פויערישע וועגענער און געטראַכט וועגן זיין בכור. קיין גרויס נחת, האָט ער פאַרשטאַנען, וועט ער פון אים ניט האָבן. ער האָט זיך אָבער דערמאָנט, אַז דער זון האָט אין וועמען געראָטן צו זיין, און ער האָט צו זיך אַליין געשמייכלט.

ער איז צוגעקומען צום סופר'ס שטיבל און זיך קוים דורכגעשטופּט אין דער שמאָלער, נידעריקער טיר. די פענסטער זיינען דאָ געווען פאַרהאַנגען, די לופט — שווער און הייס. עס האָט געשמעקט מיט אויסגעלאָפענער מילך און — געסמאַלעטע פעדערן. כייקל האָט אַ הילכיקן נאָס געטאָן, זיך פאַרשעמט, אָבער קיינער איז דאָ ניט געווען...

— איז עמיצער דאָ? — האָט ער געגרופן.

שטיל. באַלד האָט זיך דערהערט אַ שאַרעווען פון שטעקשיך. און דער טונקלקייט האָט זיך, עפּעס אַזוי ווי דורך אַ זייטיקער וואַנט, אַריינגעגליטשט אַ קליינע, הויקערדיקע אידענע און געפרעגט:

— וואָס ווילט איר?

— איך — האָט כייקל ברייט און הויך אַרויסגערעדט — איך דאַרף צום סופר.

— דעם סויפער? — האָט די אידענע איבערגעפרעגט מיט אַ ניגון — אָט שיק איך אים אייך באַלד אַריין.

די אַלטע איז מיט איין מאָל געוואָרן פלינק און אַ רוף געטאָן: „שלום, שלום! גיי נאָר אַהערצו!"

— באַ־באַלד — האָט אַן הייזעריק מענעריש קול זיך פון ערגעץ בייז אָנגערופן. ערשט האָט כייקל דערזען אין דער טונקלקייט אַ קליינע טיר־עפענונג. דורך איר איז די אידענע אַרויס און דער סופר איז באַלד אַריין. ער איז געווען הויך און דאַר, זיין פּנים באַוואַקסן מיט געדיכטע, שוואַרצע האָר אַזוי, אַז מען האָט די נאָז קוים אַרויסגעזען. זיינע שוואַרצע אויגן האָבן געלויכטן מיט אַזאַ קראַפט, אַז די טונקל־קייט אין צימער האָט זיך, דאַכט זיך, אָנגעהויבן בלייכן. דער סופר האָט געטראָגן זיין האַנט אַקעגן דעם גאַסט.

— אָ, — האָט ער מיט אַ באַסאָווער שטימע אויסגערופן — ר׳ כייקל! זיצט, זיצט...

דער סופר האָט אָנגעוויזן כייקלען אויף אַ שווער ביינקל ביים טיש. כייקל האָט זיך פאַרשעמט אַראָפּגעזעצט און דערפילט, אַז דער שטערן איז אים נאַס געוואָרן. ער האָט געוואָלט אויסטאָן דאָס היטל און אָפּווישן דעם שטערן, ער האָט אָבער ניט געוואָגט אָפּדעקן דעם קאָפּ אין סופר׳ס שטוב.

דערווייל האָט דער סופר צוגעבראַכט די תפילין און זיי גערימט פאַרן קונד: „דער בעסטער לעדער! אַלץ כשר ל מ ה ד ר י ן מן המהדרין!...״

— אָבער... אָבער האָט כייקל שטאַמלענדיק געפרעגט — פאַר־וואָס אַזעלכע פּיצעלאַך?

— אַ מאָדע, אַ מאָדע אַזאַ — האָט געדונערט דער לאַנגער, פאַר־וואַקסענער סופר און זיינע אויגן האָבן בייז באַטראַכט דעם דאַרפסאידן.

— ער וועט דאָך עס ניט פילן אויפן קאָפּ — האָט כייקל זיך געשטעלט.

— גייט שוין, גייט — האָט דער סופר זיך געבייזערט — תפילין, אַזאַ יאָר אויף מיר!...

כייקל האָט זיך געפילט אָפּגענאַרט. ער האָט דאָך באַצאָלט דעם סופר און איז מיט די „קינדערשע״ תפילין אַרויס אין דרויסן. אָט ווי קליין זיי זיינען ניט געווען, האָט ער זיך קיין עצה מיט זיי ניט געקאָנט געבן, און ניט געוואוסט, וואו און ווי זיי צו האַלטן. ער האָט פאַרזיכטיק אָנגעכאַפּט דאָס שיינע תפילין־זעקעלע ביים העלדזל. דער ווייכער פּליוש פונם זעקעלע האָט געגלעט און געוואַרעמט די האַנט מיט אַ לעבעדיקער וואַרעמקייט און דורכן אָרעם געגרייכט דאָס האַרץ... כייקל האָט זיך פאָרגעשטעלט זיין בכור דאַווענען אין די תפילין...

„אַך, טאַטע הארציקער! — האָט ער זיך ביי גאָט געבעטן — נאָך דערלעבן אַמאָל נחת אין אים!״

ער האָט אויסגעזוכט זיין פורל און מען האָט זיך געלאָזט אַהיים. ביי דער רעגירונגס בראַנפן־קראָם האָט דער פּאַרובאַק אָפּגעשטעלט די פערד.

— נו, פּאַני כאַקל — האָט ער געזאָגט. מע דאַרף נעמען אַ טשאַרקע...

— טרונק געזונט — האָט אים כייקל געווינטשעוועט.

— און איר? — האָט דער שייגעץ פאַר׳חידוש׳ט געפרעגט, מחמת ער האָט געוואוסט, אַז כייקל קאָן מאַכן אַ כוסה.

— ניט היינט — האָט כייקל ערנסט געענטפערט. דער שייגעץ האָט אַ ווײלע נאָכגעטראַכט און איז אַליין אַריין אין מאָנאָפּאָלקע. ער איז באַלד צוריקגעקומען מיט אַ סאָראָקאָווקע אין האַנט און זי ביים וואָגן אויסגעטרונקען. ער האָט זיך הויך, אויפן קול געקוויקט און צוריקגעטראָגן דאָס פלעשל.

פון ערגעץ איז געקומען אַ ווינט, געריסן דעם שטויב פון דער פּאַרמיסטיקטער ערד און — די וואָלקנס אין הימל. אַ פריילעכע זון האָט זיך אַ ווייז געטאָן. ס׳איז נאָך געווען פרי. די צוריסענע וואָלקנס האָבן זיך געפּרואווט צוזאַמענגיסן, פאַרשטעלן די זון — און ניט גע־קאָנט. דאָ האָבן זיי זי פאַרשלייערט, דאָ האָט זי, אַ באַפרייטע, נאָך העלער אויפגעשיינט און באַלד צוריק געפאַנגען געוואָרן פון אַ נייעם לויפנדיקן וואָלקן. די זון איז ווי אויסגעלאָשן געוואָרן און דורכן וואָלקן אַרונטערגעשיקט אַ לויפנדיקן שטראָם וואַרעמען רעגן.

ס׳איז אָנגעקומען דער פּאַרובאַק. ער האָט זיך באַלעקט. ער איז צוגעקומען צום וואָגן, אַרויסדערלאַנגט פון דער שטרוי אַ גראָבע, לייַ־ וונטענע טאָרבע מיט שוואַרץ ברויט און ווייס חזיר־פעטס. ער האָט אַ ביס געטאָן אַ שטיק פעטס און איין באַק האָט זיך ביי אים אויסגעפולט, באַלד האָט ער אָנגעביסן אַ גרויסן שטיק ברויט איין מאָל און נאָכאַמאָל און ביידע באַקן זענען ווי אויפגעשוואָלן געוואָרן... און אַזוי קייענדיק, האָט ער זיך בהרחבה׳דיק אַריינגעזעצט אין וואָגן און שכור׳לעך אַ ריס געטאָן די לייצעס ביי די אויסגערוטע פערד.

קאַפּיטל פיר

יאַוודאָכע שאָסטאָפּאַל, די קליינע ברוינאויגיקע פּויערישע מיידל איז, פּונקט ווי שמעון ביי די שקצים — געווען אַן אויסנאַם צווישן אירע חברטעס. אייניקע פון זיי זיינען אפשר געווען שענער פון איר, דערפאַר האָט אָבער קיינע פון זיי ניט געקאָנט אַזוי שיין זינגען ווי זי. אין דער דאָרפישער שקאָלע איז זי געווען די בעסטע. דער דאָרפישער לערער — דער לערער אַליין! — האָט זי ליב געהאַט. אין מיטן לערנען האָט דער איבערגעפּאַקטער קלאַס שקאָליאַרעס געדאַרפט צוזען, ווי יאָסיפּ, דער לערער, נעמט אַרום יאַוודאָכע'ן און גלעט זי. דאָס מיידל האָט זיך געפּרואווט אַוועקדרייען פון יאָסיפּ'ן, אָבער זיינע גרויסע, וואַרעמע הענט האָבן זי אַלע מאָל געפּאַנגען און געגלעט אירע בעקלאַך. איר ערנסט, חנ'עווודיק פּנים האָט געפּלאַמט. ביים לייענען האָט זי געמאַכט פעלערן, ביים שרייבן פאַרקלעקט דעם פּאַפּיר, אָבער יאָסיפּ האָט זי ניט באַשטראָפט דערפאַר ווי ער האָט עס געטאָן מיט אַנדערע שקאָליאַרעס. אירע פעלערן האָבן דעם לערער פאַרשאַפט געלעכטער . . . „יאַוודאָני־דאָניו" האָט ער זי גערופן. און עס איז דעריבער קיין חידוש ניט, וואָס זי איז געוואָרן חשוב אויך ביי אַלע קינדער, אַפילו ביי די וואָס זיינען אין שקאָלע ניט געגאַנגען.

און שמעון איז געווען שטאָלץ מיט זיין יאַוודאָכע'ן. שלעכט איז נאָר, וואָס זי איז געווען אַ געטויפטע. ווען יאַוודאָכע זאָל קאָנען ווערן אַ אידיש מיידל, וואָלט שמעון אַפילו דעם טאַטן געזאָגט, אַז זי איז זיין כלה. אַזוי שעמט ער זיך פאַר זיך אַליין.

איצט איז געקומען די העכסטע צייט, ווען שמעון האָט געדאַרפט, האָט געמוזט זיך אָפּרייסן פון זיינע קינדערייען, פון אַלע עבירות און — זיך מער ניט באַגעגענען מיט יאַוודאָכע'ן.

פון צופיל טראַכטן, נאָך וועגן זינדיקע זאַכן דערצו — האָט שמעון זיינע אויגן ניט געקאָנט מאַכן, אָבער — ערב זיין בר־מצוה — האָט מען אים דערפאַר ניט באַשטראָפט. כייקל האָט שטילערהייד איבערגערעדט מיטן לערער, אַז ער זאָל דאָס אינגל צורו לאָזן און זען

אים גוט — גוט אויסלערנען הלכות תפלין לעגן, אָבער דאָס ביסל תורה פונם שלחן־ערוך האָט שמעון ניט געקאָנט פאַרנעמען.

יאָוודאָכע האָט אים ניט געלאָזט רוען. ער האָט שוין אַפילו געח'לומ'ט אַנטלויפן אין שטאָט אַריין, צווישן יידן און קיינמאָל צוריק, קיין רייקי, ניט קומען.

ער איז געוואָרן בלייך. זיינע מילדע, ברוינע אויגן האָבן זיך אויסגערונדיקט און געוואָרן שיעור ניט אַזוי גרויס ווי ביים צושראָקענעם ניומטשיק'ן.

ביינאַכט האָט ער פון זיין געלעגער געהערט, ווי די מאַמע זאָגט צום טאַטן:

— הערסטו, כייקל, איך האָב יסורים פונם קינד.

— וואָס זשע? — האָט דער טאַטע איבערגעפרעגט.

— ער גייט אײַן ווי אַ ליכט.

— דער לערער האָט מיר געזאָגט — האָט די מאַמע מיט זאָרג ווייטער גערעדט שטיל, אַז מען מעג די בר־מצוה אָפּלעגן אויף אַ יאָר.

שמעון האָט מיט אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם זיך איינגעהערט אין טאַטנס ענטפער.

— וואָס רעדסטו? — האָט דער טאַטע געלאַכט — שוין אַ יאָר, אַז ער לויפט נאָך מיידן... ער איז שוין באַלד אַזוי גרויס ווי איך, — און דו...

— אַ קינד בלייבט אַ קינד — האָט די מאַמע געענטפערט מיט אַ זיפץ.

— „אַ קינד" — האָט דער טאַטע איבערגעקרומט און שוין מער ניט געלאַכט.

שמעון האָט, הייסט עס, געמוזט ווערן אַ ייד און זיין ערוב פאַר זיך אַליין.

ניומטשיק האָט, ניט ווי אַ קלענער ברודערל, נאָר ווי אַ טאַטע, ווי אַ קליין, ברוגז טאַטעלע — זיך געבלאָזן, קוקנדיק אויף שמעונ'ען. חנה'לע האָט מיט גרויסע, דערשטוינטע, קאַרע אויגן געקוקט אויפן ברודער... און די מאַמע האָט אים געזאָגט:

— איצט, מיין קינד, דאַרפסטו ניט חזר'ן צופיל. נעם, גיי זיך דורך, וועט דער טשאַד דיר אַרויס פון קאָפּ.

שמעון האָט געמיינט, אַז די מאַמע שפּאַסט, אָבער זי האָט אים געהייסן אָוועקלעגן די ביכלעך און זיך דורכגיין אַביסל.

שמעון האָט געפּאָלגט די מאַמע.

ער איז געגאַנגען אין גרויסן האַרבסטיקן ווײַנשל־גאָרטן, וואָס הינטער דער שטוב, צום פעלד צו. ער האָט זיך באַהאַלטן צווישן די בוימער און פון דאָרט אַרויסגעקוקט מיט אַ פּאָר'גנב'עטן בליק, וואָס וויל זען און ניט געזען ווערן. אָבער ער האָט דאָ קיין סך ניט געקאָנט זען, ווײַל דער הויכער אָנשיט אַרום גאָרטן, אַ ווילד־פאַרוואַקסענער מיט געדיכטע קושטשעס שטעכיקע ריטלעך האָט פאַרשטעלט די גאַס און די הינטערשטע טיילן פון די פּויערישע הײַזער. עס האָבן זיך נאָר געזען צוויי רייען שטרויענע דעכער, וועלקנדיקע בוימער אויף די פּויערישע גערטנער, הינטער די שטיבלעך און פון בײַדע זײַטן דעכער אָפּגעטיילט מיט גערטנער, האָבן זיך אַרויסגעזען אַנדערע צוויי רייען הויכע, משופּע'דיקע דעכער פון די פּויערישע געבײַדעס פאַר גאַרבן און תבואה, איין ריי באַרג אַרויף, צו די פעלדער און די אַנדערע, באַרג אַרונטער, צום טײַך.

ער איז אַרויס פון זײַן באַהעלטעניש, צוגעקומען צום ריוו, זיך געשטעלט אויפן פאַרוואַקסענעם אָנשיט און געקוקט. דאָס פּריצי'שע ווײַצנפעלד איז שוין געווען אָפּגעשניטן. צווישן דער הויכער סטערניע איז אָנגעוואַקסן נאָך העכער גראָז, און — אַפילו ווילדע ווײַסע און געלע קווייטן. אָט איז דער וועג, וואָס פירט קיין יאַרמעלינעץ. דאָ אַרום וואָלט מען באַדאַרפט אַנטלויפן פון די עבירות אָבער — צום וועג פון הינטער די פּויערישע גערטנער קוקט אַרויס אַ שטיקל פון אַ האַלב־פאַרוואַקסענער סטעזשקע און דאָס דאָזיקע וועגעלע פירט צו מיכאַלקע שאַסטאַפּאַל'ס גאָרטן און מיכאַלקע איז יאַוודאָכע'ס טאַטע...

ווידער יאַוודאָכע!... אָבער הײַנט קאָן נאָך שמעון האָבן אַן עבירה, מחמת עס גייט נאָך ניט אויף זײַן חשבון... ער וועט נאָר אויסוואַרטן, ביז סע וועט ווערן טונקעל. די זון איז שוין פאַרגאַנגען און עס וועט שוין לאַנג ניט געדויערן.

ער איז שפּעטער אַביסל אַריבערגעשפּרונגען דעם ברייטן ריוו, אַריבערגעלאָפן דעם וועג און אַרויף אויף דער סטעזשקע. תחלת איז ער געגאַנגען פּאַמעלעכן, ווי אַ בר דעת, דערנאָך האָט ער זיך ביסלעכ־ווײַז פאַרגעסן און ער האָט זיך, ווי זײַן שטייגער איז, געלאָזט לויפן. ער האָט געוואוסט, אַז אַצינד עסן די פּויערים וועטשערע און קיינער וועט אים ניט באַמערקן.

בײַ יאַוודאָכע'ס גאָרטן האָט ער זיך אָפּגעשטעלט.

דאָ, בײַם פעלד איז געווען די גרויסע קלוניע, וואו דער פּויער האַלט זײַן תבואה. ווײַטער, אַראָפּ א באַרג האָט זיך געצויגן דער גאָרטן.

אין דער אַנקומענדיקער טונקלקייט האָט זיך אַרויסגעזען שאַסטאַפּאַל׳ס שטיבל. שמעון האָט זיך איינגעהערט. מען האָט גערעדט. ווייזט אויס, די שאַסטאַפּאַלס האָבן געגעסן וועטשערע אין דרויסן, ווייל שמעון האָט דערהערט מיכאַלקע׳ס קול, באַלד — זיין ווייב יאַרינע׳ס און אויך יאַוודאָכע׳ס דינע שטימע, ביינזלעך און צפּיעשטשעט, ווי אַן איינציקע ביי טאַטע־מאַמע. ער איז אַרויף אויפן גאָרטן און ווייטער ניט געוואָגט צו גיין.

ס׳איז געוואָרן פינסטער און שטילער. פון דער גאַס האָט זיך דערטראָגן דאָס געזאַנג פון זיינע חברים. שפּעטער האָבן די מיידלעך אַ זינג געטאָן און ער האָט דערקאָנט יאַוודאָכע׳ס קול. זי האָט געזונגען מיט אַ שטאַרקן אינגלשן אַלטאָ, און ער איז ביי איר אַרויסגעקומען פאַר־טאָפּלט מיט נאָכקלאַנגען פון אַ דיסקאַנט.

די פינסטערניש האָט זיך אַרום אים געזאַמלט מערער און מערער. ער האָט שוין באַלד זיינע הענט ניט געזען.

פונם צווייטן ווינקל, וואָס פון יענער זייט צווייטן טייך, האָט זיך שוין אויך געטראָגן דאָס געזאַנג פון די פּאַרובקעס.

שמעון האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט נאָך קיין מעריב ניט געדאַוונט און ער האָט זיך געלאָזט גיין אַהיים.

אַ וואַרעמע פריינדלעכע פינסטערניש האָט אים אין גאַנג אַרומ־גענומען. ער האָט געטראַכט, ווי גוט וואָלט געווען, ער זאָל בייטאָג זיך קאָנען אַזוי צונויפגיסן מיט דער ליכטיקייט, ווי איצט מיט דער פינסטערניש... וואָלט ער צוגעגאַנגען צו יאַוודאָכע׳ן ער וואָלט איר גאָרניט געזאָגט, נאָר — געשטאַנען און געקוקט אויף איר.

קאַפּיטל פינף

און אַט איז שמעון, שוין ערב דער בר־מצוה, פאַרנאַכט, געשטאַנען ביי זיך אויפן גאָרטן און פון דער וויטן דערזען יאַוודאָכע׳ן. ווי שטענדיק, זינט ער געדיינקט זי, איז זי אויך איצט געווען אָנגעטאָן אין אַ ווייסער, קוויטלדיקער קאָסינקע אויפן קאָפּ און אין איר געוויינלעך טונקל־רויט קלייד מיט אַ ברייטער, פליושענער שליאַרע אַרומגעזוימט.

זי איז צוגעקומען נענטער און נענטער. ער האָט געוואָלט אַנטלויפן, אָבער ער האָט באַמערקט, ווי זי זעט אים שוין. זי האָט געשמייכלט צו אים מיט איר ברייטלעך, חנ׳עוודיק מויל.

וואָס נענטער זי איז צוגעקומען צו אים, אַלץ גרעסער איז זי, דאַכט זיך, געוואָרן...זי — גרעסער און דאָס קלעדל — רויטער. די באָרוועסע פיס אָפּגעוואָשן. זי האָט זיי קונציק געשטעלט אין שטויב, ניט אויסצושמירן זיי.

זי איז צוגעקומען און אים מיט רוגז באַטראַכט.

— ביסט קראַנק געווען?

— קראַנק — האָט ער איר נאָכגעזאָגט.

— וואָס זשע שטייסטו דאָ?

ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן און אום ניט צו זאָגן קיין ליגן, איז ער אַרויס מיט אַ האַלבן אמת...

די מאַמע האָט מיר געהייסן.

— קאַנאַריק — האָט יאַוודאָכע שטיל גערופן.

— וואָס?

— איז דאָס אמת — האָט זי מיט חשד און מיט אַ נייעם מין ליצנות געפרעגט — אַז דו טאָרסט שוין מער ניט אַרויסקומען אויף די וועטשערניציעס?

— אמת — האָט ער געענטפערט.

— וועסט זיך דיר גייען צו׳ן אַ זשידיוואַטשקע?

— איך וועל פאָרן לערנען.

— וואוהין?

— אין שטאָט אַריין.

— יידן ... — האָט יאַוודאָכע געזאָגט מיט קנאה — יידן זיינען גליקלעך: זיי קענען אַלץ אויספירן.

— ווילסט אויך אין שטאָט אַריין?

— גאָט, ווי עס ווילט זיך! — האָט זי זיך מודה געווען. שמעון האָט אַ זיפץ געטאָן.

„וואָס וואָלט עס גאָט געאַרט, האָט ער געטראַכט, אַז אַלע מענטשן פון דער וועלט זאָלן זיין יידן? פאַרוואָס, פאַרוואָס זשע זאָל עס ניט זיין אַזוי, גאָט? ...“

— און וואו ביסטו געווען? — האָט ער געפרעגט יאַוודאָכע'ן.

— געגאַנגען זוכן אַ שאָף... אוי, מאַמעלעך! — האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן ווי אַ דערוואַקסענע, ווי אַ באַלעבאָסטע — איך דאַרף שוין לויפן! ...

— דאָסווידאַניאַ — האָט שמעון זיך געזעגנט מיט איר אויף רוסיש. זי האָט אים ניט געענטפערט. זי איז געגאַנגען לענג אויס דעם שמאָלן וועג און מיט די באָרוועסע פיס אָפּגעהיט געשאַרט דעם וואַרעמען שטויב. איר ווייס טיכל האָט העל געבלאַנקט און דאָס רויטע קליידל מיט דער פליושענער שליאַרע האָט זיך אין גאַנג געוויגט און וואָס ווייטער אַלץ טונקעלער געוואָרן.

קאַפּיטל זעקס

דאָס צימער, וואו כייקל'ס קינדער זענען געשלאָפן האָט געהאַט איין גרויס פענסטער מיט זעקס טאָפּליעס. איינס פון זיי האָט זיך גע־קאַנט עפענען. דאָס פענסטער איז שטענדיק געווען פאַרהאַנגען מיט אַ ווייסן, אויסגעהאַפטענעם פאַרהאַנג. צווישן די אויסגעהאַפטענע, ברייטבלעטערדיקע קוויטן האָט זיך, אַנהאַלטנדיק אַן אַ דין שטריקל — געהוידעט אַ מלאַך. איין אויג האָטביים מלאַך געפעלט און דאָס אַנדערע האָט שטענדיק געקוקט מיט זיין ווייסן אַפּעלע אין איין פינ־טעלע ערגעץ אויף דער וואַנט, ביי דער סטעליע. דאָס מלאַכ'ל האָט געוויזן דאָס אָנקומען פונם טאָג. אין זוניקע פרימאָרגנס האָט זיך עס געדרייט אין אַ רעגנדיקן וועטער איז עס געווען כמורנע. גאָר אַנדערש ווי בייטאָג האָט דאָס אויסגעהאַפטענע מלאכל אויסגעזען אין די אָוונטן אַקעגן דער שיין פון דער ברענענדיקער לאָמפּ. ס'האָט דאַמאָלט אויס־געקוקט באַזונדער פריילעך, אזוי ווי דאָס וואָלט זיך אַ גאַנצן טאָג געמאַכט ברוגז און איצט איז עס מיט איין מאָל געוואָרן אויפגעלעגט.

סיי שמעון, סיי חנהל'ע האָבן געהאַט אַ באַזונדער הנאה צו עפענען דאָס שויבעלע אין אַלקער־פענסטער און אַ ווינט זאָל זיך מיט איין מאָל אַריינרייסן און וויגן דאָס מלאַכל אַראָפּ און אַרויף אַזוי לאַנג, ביז די קינדער פלעגן רחמנות האָבן אויף דעם און צומאַכן דאָס פאָרטקעלע.

נאָר ביומטשיק מיטן אַלטן קאָפּ האָט ניט גענומען קיין אַנטייל אין די שטיפערייען.

דאָס פענסטער איז געווען צום גאָרטן און צום טראַקטאָווע וועג, וואָס פירט קיין יאַרמעלינעץ, אָבער דער גאָרטן האָט פאַרשטעלט די גאַנצע וועלט. דערפאַר אָבער האָט מען דורך די פענסטער פון קעגנ־איבערדיקן צימער, וואָס האָט געהייסן די „סטאָלאָווע" און וואָס איז אויך געווען דער אַלקער פון דעם זיידן מיט דער באָבן, — דורך יענע פענסטער, אָן פאַרהענגלעך, האָט מען שוין געקאָנט זען וויט, וויט דעם וועג וואָס פירט אין דער צווייטער שטאָט, זשיפּיוועקע. ניט אַזוי

דעם וועג, ווי פורן אָדער פוסגייער, וואָס זיינען דורך יענעם וועג אַריינגעקומען אין דאָרף אַריין.

אַרויסקוקן אויף אַ פור, צו אויף אַ פוסגייער איז געווען אַן ענין. פון דער וויטן האָבן פורן אויסגעזען, ווי שוואַרצע שאָף אָן קעפּ, וואָס רירן זיך, וואַקסן און ווערן פאַרוואַנדלט אין וועגענער, געשפּאַנטע אין פערד. אַ פוסגייער פלעגט זיך פון דער וויט באַווייזן אינם געשטאַלט פון אַ סטאַרטשענדיק שטעקל, וואָס איז פּלוצים אויסגעוואַקסן און שאָקלט זיך אין ווינט, און סע רירט זיך, און סע רייסט זיך אַרויף, ווערט העכער און גרעבער, ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ סטופּטשיקל, שוועבט, גליטשט זיך צו צום דאָרף, צום צווייטן ווינקל, און עס איז שוין מער ניט קיין סטופּטשיקל, נאָר אַ מענטש. און דער מענטש גייט באַרג אַראָפּ, אין דאָרף אַריין און מען זעט אים שוין מער ניט. דעמאָלט לויפן די קינדער אין דרויסן, שטעלן זיך אויפן הויכן אָנשיט איבערן ריוו און וואַרטן, ביז דער פרעמדער באַווייזט זיך און זיי דערקענען אים, צו איז ער אַ היימישער, צו — אַ פרעמדער...

פון דריי זייטן האָט מען פון כייקל'ס שטוב געקאָנט זען און אַרויסקוקן אין דער וויט.

דורך די פענסטער פונם זיידנס סטאַלאָווע האָט מען אויך געקאָנט אַרויסקוקן צום וועג, וואָס איז דורך די ליפּנבוימער געלאָפן רעכטס, באַרג אַרויף, צום פריצ'ס ליכטיקן, צווייגאָרנדיקן הויף.

פון פרילינג ביזן טיפן האַרבסט פלעגן זיך אויף אַלע דריי וועגן ווייזן פורלאַך און פוסגייער. עס איז געווען די צייט פון אַרבעט אויף די פעלדער און אויף די גערטנער און ס'איז קיין חידוש ניט געווען צו זען ניט נאָר אַ פור צו אַ פוסגייער, — נאָר צענדליקער פורן און אַ סך מענטשן.

וואָס שפּעטער אין האַרבסט, אַלץ פוסטער זענען געוואָרן די וועגן.

אַז די קינדער האָבן אין אַזאַ צייט עמיצן דערזען אין דער וויט, האָבן זיי געגאַפט און דערוואַרט אויסערגעוויינלעכע געסט.

אין יענע קורצע, אומעטיקע טעג פלעגן קיין רייקי אַראָפּקומען יאַרמעליניצ'ער אָבער זשיפּיווקע'ר אידישע גלעזערס, דיאַכטיאַרעס, פעלצניקעס, בלעכער, קופּערשמידן, לאַטוטניקעס און אמת'ע שניידער. זיי פלעגן אַרבעטן ביי די פּויערים, אָבער איינגעשטאַנען זענען זיי ביי די דאָרפסיידן. די רייקי'ר יידן האָבן די באַלמעלאָכעס אויפגענומען, ווי מע נעמט אויף שטאַטישע געהויבענע געסט. די יידישע קינדער זענען זיי געלאָפן אָנקוקן אויף חידושים, מחמת זיי האָבן אויסגעזען ווי מענטשן פון אַנדערע שבטים.

ס'איז געווען חול המועד סוכות. שוין נאָך שמעונ'ס בר־מצוה — די בעסטע צייט פון יום טוב, ווען עס דאַכט זיך, אַז די ליבע יום טוב־טעג זענען אויף קאַטאָווען אַוועק און וועלן זיכער צוריקקומען נאָך בעסערע און וויכטיקערע און מיט מער פרייד, איין טאָג וויכטיקער און יום־טוב'דיקער פונם אַנדערן... צום ערשטן דער האַלב־שטרענגער הושענא רבה, נאָך אים דער פריילעכער שמיני עצרת און, ערשט צום סוף, דער ליבסטער און לוסטיקסטער יום־טוב, שמחת תורה.

דער שטרענגער לערער איז ניט געווען און האָט שוין צוריק ניט באַדאַרפט קומען. אויף זיין אָרט האָט מען דערוואַרט אַן אַנדערן, אַ נייעם, ערשט נאָך אַלע ימים טובים, נאָך שבת בראשית.

שמעון, ניומטשיק און חנה'לע — אַלע דריי אין די העמדעלעך — ווי זיי וואָלטן נאָך אַלע געווען קליינע קינדער, האָבן זיך אַרומגעגנומען פון גרויס תענוג, וואָס זיי האָבן קיין עול ניט און האָבן געקוקט אין איין פענסטער, ביים טיש, און זיידנס סטאָלאָווע, צום הויף.

און אָט האָבן זיי אויפן ווייטן וועג, וואָס פירט קיין זשיפּיווקע דערזען דאָס באַקאַנטע שטעקעלע, וואָס האָט מיט איין מאָל געטאָן אַ שפּראָץ און אַ וואַקס אַרויס, און זיך אַ וויג געטאָן...

די קינדער האָבן זיך צוגעקוקט צו דער אויסערגעוויינלעכער פאַרוואַנדלונג פונם שטעקעלע אין אַ פּוסגייער, און זיי האָבן דערווייל געפּרואווט טרעפן, ווער דאָס איז אימיטן חול המועד.

אַזוי האָט טאַקע חנה'לע געזאָגט.

— חול המועד מעג מען אַפילו פאָרן — האָט ניומטשיק מתיר געווען.

— אפשר איז עס גאָר ניט קיין ייד? — האָט חנה'לע מיט צו־להכעיס געפרעגט. אירע שוואַרצע אויגן האָבן שוין געלאַכט און די קליינע פולע ליפּלעך — געציטערט.

ניומטשיק האָט זיך געבלאָזן. ער האָט דער שוועסטער ניט גע־ענטפערט, זיך אַ ריס געטאָן און אַוועק זיך אָנטאָן.

שמעון און חנה'לע זענען געבליבן ביים פענסטער.

פון אַלקער האָט ניומטשיק גערופן: „ווער איז עס?"

— גיי, וועסטו אַ קוק טאָן — האָט חנה'לע זיך גערייצט.

— איך רעד ניט צו דיר! — האָט ניומטשיק פון אַלקער געשריגן.

— ניומטשיק באַק מיטן זאַק — האָט חנה'לע זיך גערייצט מיטן אַוועקגעגאַנגענעם ברודער. פונם אַלקער איז ניומטשיק אַריינגעלאָפן אין איין זאָק. ער איז צוגעשפּרונגען צו דער שוועסטער און זי אַ קניפּ געטאָן אין נאַקעטן, דינעם אָרעם. חנה האָט אַ קוויטש געטאָן.

שמעון האָט בייז געקוקט אויף ניומטשיקן. יענער האָט געוואָלט אויסשטיין דעם בליק און ניט געקאָנט.

— איידער אַריינפאַלן צו אַ גוי אין די הענט — האָט ניומטשיק גיפטיק געזאָגט — לאָ׳מיך בעסער אַנטלויפן. ער האָט זיך אָפּגעטראָגן.

— פאַרוואָס שלאָגסטו אים ניט? — האָט חנה׳לע געשריגן צו שמעונ׳ען. ער האָט איר ניט געענטפערט, נאָר ווי אַ גרויסער זיך אויס־געדרייט צו איר מיט דער פּלייצע און ווידער געקוקט אין פענסטער.

זיין בליק איז איצט געווען געווענדט צו צוויי פויערישע שטיב־לעך, אין צווייטן עק דאָרף. איין שטוב ווייט אָפּגעטראָגן פון דער אַנדערער, און צווישן די צוויי הייזער האָט דער גייער געמוזט זיך ווייַזן. פון דאָרטן, אויב דער אָנקומענדיקער איז אַן היימישער, קען מען אים שוין דערקענען.

— ער גייט! ער גייט! — האָט שמעון אויסגערופן. חנה׳לע האָט זיך איינגעקוקט אין דער ווייט. אַפילו ניומטשיק האָט זיך אומגעקערט און געקוקט אין זעלבן פענסטער.

צווישןביידע פויערישע הייזער האָבן די קינדער דערזען די היימישע געשטאַלט פון אַ שטאָטישן יידן, די גרויס ווי אַ יינגעלע ניט נאָר פון וויטן, נאָר אַפילו פון דער נאָהענט.

— בערל קאָרעשקע! — האָבן די קינדער מיט פרייד אויסגערופן.

קאַפּיטל זיבן

די קינדער האָבן זיך אויף גיך אַנגעטאָן און, אומגעוואַשענע, אומגעדאַווענטע אַרויסגעלאָפן אויפן גאָרטן צו זען ווי דער גאַסט דער־נענטערט זיך.

זיי זענען אַלע דריי געשטאַנען אויפן פאַרוואַקסענעם אָנשיט אי־בערן ריוו, און זיי האָבן נאָכגעקוקט דעם טשיקאַווע גאַנג פונם קליינ־שטעטלדיקן יידן, אויף דער לאַנגער בריק, וואָס האָט אָפּגעטיילט דעם טייך פון די לעוואַדעס. די בריק און דער גאַנצער שטיק וועג נאָכדעם, ביים טייך, איז געווען הויך און שמאָל, ווי אַן אָפּריס איבערן וואַסער פון איין זייט און איבער די לעוואַדעס פון דער צווייטער זייט. די געפּאַר אַראָפּצופאַלן האָט געלויערט פון ביידע זייטן, — און בערל האָט געשפּאַנט אין דער מיט, אַנשפּאַרנדיק זיך אויף אַ שטעקן.

ניומטשיק האָט זיך גערייצט מיט דער שוועסטער:

— אַהאַ, איך האָב דיר געזאָגט, אַז ס׳איז אַ ייד...‎ /ווען האָט ער עס געזאָגט ?/ חנה האָט אים ניט געענטפערט. זי האָט אַריינגע־זאָגט שמעון׳ען:

— בערל קומט דיר רעדן אַ שידוך.

שמעון איז רויט געוואָרן. חנה האָט געלאַכט. ניומטשיק האָט באַמערקט:

— ער דאַרף שוין ניט קיין שדכן...‎ — אָפּגעזאָגט, האָט ער ניט דרייסט אַ קוק געטאָן אויף שמעון׳ען. יענער האָט בייז אָפּגעמאָסטן דעם קלענערן ברודער.

— נעם איין אַ שטומעניש, תנא יאָץ ! — האָט ער ניומטשיקן גע־וואָרנט — איכ׳ל דיר באַלד פאַרפּאָרן אין שמעקער אַריין.

— איך הער דיך זייער — האָט ניומטשיק אָפּגעענטפערט און זיך דערווייל אָפּגערוקט. שמעון האָט אָנגעכאַפּט ניומטשיק׳ן ביים קאָלנער פונם העמדל.

— מאַ־אַ־אַ־ממעע !! — האָט ניומטשיק אַרויסגעלאָזט אַ פאַר־צווייפלטן געשריי.

אין דער אָפענער טיר פון דער קרעטשמע האָט זיך באַוויזן ר״ שייע. זיין ברייטע באָרד איז שוין געווען צעקעמט אויף ביידע זייטן, דער ליסע, שיינער קאָפּ אָן אַ היטל. ער האָט דערווייל די קינדער גאָרניט געזאָגט און נאָר אָנגעשטעלט זיינע גרויע, יונגע אויגן אויף שמעונ׳ען. שמעון האָט אָפּגעלאָזט ניומטשיק׳ן און ער איז אַנטלאָפן אין שטוב אַריין.

— קום נאָר אַהער, קדישניק — האָט דער זיידע גערופן שמעונ׳ען. דאָס אייניקל איז שטיל געגאַנגען צום זיידן. חנה איז נאָכגעגאַנגען דעם ברודער און געקוקט אויפן זיידן מיט גרויסע, קאָרע אויגן. דער זיידע האָט באַפעלעריש אויסגעשטרעקט זיין אָרעם און מיט דער האַנט געוויזן אויף דער אָפענער טיר, אין הויז אַריין.

— דאַוועגען, דו גוי גמור! — האָט ער באַפוילן — און דו — האָט ער גע׳לאָמר׳ט חנהלען — לאַכסט ווי אַ שיקסע איבערן גאַנצן גאָרטן. חנהלע האָט שולדיק געשוויגן.

— נעם אַ בעזים — האָט זיך דער זיידע געשאָפּט — און קער אויס די שטוב.

ר׳ שייע האָט נאָכגעקוקט די אייניקלעך, וואָס זענען איינציקווייז אַריין אין הויז. ער איז געווען צופרידן, וואָס ער העלפט דעם זון לער־נען די קינדער. כייקל איז שטענדיק געווען פאַרקויפט צו דער עקאָ־נאָמיע. דער אַלטער איז אין זיינע יונגע יאָרן געווען דער פּאָסעסאָר ניט נאָר פון רייקי, נאָר אויך פון דעם שכנות׳דיקן דאָרף לוהי. נאָך דער גזירה אויף יידן, וואָס דער קיסר אַלעקסאַנדר דער דריטער האָט אַרויסגעגעבן, האָט שייע פאַרלוירן די פּאָסעסיעס. ער האָט געאַרבעט ביים פריץ און נאָך אַלץ געפירט אַ ברייטן שטאַט, אָבער אויך די גדולה האָט ער מיט דער צייט אָנגעוואוירן. דער פריץ האָט אָנגעשטעלט פּוילישע באַאַמטע, כייקלען, דעם איינציקן יידן, נאָך דערווייל געהאַלטן, און שייען בלויז פון צייט צו צייט גערופן מיט זיך אויף די יאַרידים.

צום גליק האָט שייע נאָך פאַרמאָגט אַ קלייניקייט פון זיין אַמאָליקן פאַרמעגן — עטלעכע הונדערט רובל — און ער האָט זיך ווי ניט איז דורכגעלעבט מיט זיין אַלטער.

די דאָרפסיידן האָבן שייע׳ן גערופן „גענעראַל״, ער האָט טאַקי אויסגעזען ווי אַ הויכבאַאַמטער אין ציווילע קליידער. די עלטסטע פּויערים אין דאָרף האָט שייע גע׳דו׳צט, דעם פריץ געקושט די האַנט, אָבער שבת צו אים ניט געגאַנגען. ער האָט גערעדט אוקראַייניש ווי אַ פּויער און זיין פּויליש האָבן די פּריצים באַוואונדערט.

חוץ די פּאָסעסיעס האָט נאָך שייע אין דער יוגנט געזשומעט מיט מילן און וועלדער, אויסגעהאַלטן די בעסטע פערד, נאָר מיט דערציהונג

פון זיין זון, זיך ניט אָפּגעבן און אים פון קליינערהייד אָן פאַרשטעלט טאָן די שווערסטע אַרבעט.

פאַרלוירן דאָס פאַרמעגן, האָט שייע זיך צו גאָרניט געקאָנט נעמען, און געגעסן אַ גרייט קערבל. אויך כייקל איז געגאַנגען אין טאַטנס וועגן, זיך ניט געיאָגט נאָך לייכטע פאַרדינסטלעך ווי אַנדערע יידן פון זיין שטאַנד, אין שטאָט אָבער אויפן וואָקזאַל, — נאָר שווער געאַרבעט אויף דער עקאָנאָמיע און געטריי אָפּגעהיט דעם פּריצ׳ס גוטס...

שייע האָט געוואָלט נאָכגיין די אייניקלעך, ווי ער האָט דערזען בערל קאַרישקע׳ן.

דעם זיידנס שטרענגקייט האָט באַלד נאָכגעלאָזן. אין אָנגעזיכט פון אַ שטאָטישן מענטשן, האָט שייע זיך געפילט קליין. ער האָט ברייט געשמייכלט צום גאַסט, וואָס איז קוים אַריבערגעקראָכן דעם הויכן פלויט, ביים טויער.

שייע האָט זיך דערמאָנט, אַז ער איז אָן אַ היטל. ער האָט זיך געשעמט פאַרן שטאָטישן יידן, אָבער געבליבן שטיין.

בערל קאַרישקע איז צוגעקומען צום זיידן. ס׳האָט פונם גאַסט געשמעקט מיט שטויב און מיט אויסגעוועפּטן קאַנפער. זיינע קליינע אויגן זענען געווען פאַרטרערט, די באָרד פאַרשטעקט אונטער דער גראָבער ווייבערשער שאַל אַרום זיין האַלדז.

שייע האָט אים אָקעגנגעטראָגן שלום עליכם.

— וואָס הערט זיך עפּעס ? — האָט ער דעם גאַסט געפרעגט.

— וואָס זאָל זיך הערן ? — האָט בערל געענטפערט — מ׳דאַרף ישועות אויף יידן, דאַרף מען — ער האָט שווער געאָטעמט און זיך גע־קלאָגט : — אוי, איך האָב שוין קיין פיס ניט, האָב איך שוין ניט !...

— געגאַנגען צופוס ? — האָט שייע געפרעגט.

— נו, וואָ׳דען — האָט בערל בייז אָפּגעענטפערט און ניט וואַר־טנדיק אויף שייעס איינלאַדונג, זיך געלאָזט אין שטוב אַריין. שייע איז אים נאָכגעגאַנגען.

אויפן אָפענעם גאַניק זענען שוין געשטאַנען די שייעכע, די כאַקע־ליאַווע און די קינדער.

—אַ גוט יום טוב, אַ גוט יום טוב ! — האָט בערל פריילעך זיך מיט אַלעמען געגרוסט. ער האָט זיך באַזונדער געווענדעט צו כייקל׳ס פרוי — פאַרלאָזט זיך אויף מיר — האָט ער געגעבן אָנצוהערן —

פאַרלאָזט זיך אויף קאַרישקע'ן — האָט ער זיך מכבד געווען מיט זיין צונאָמען, פון וואָס אַלע האָבן געלאַכט. בערלס קליינע, מאָגערע באַקן זיינען פריילעך רויט געוואָרן — ס'איז ביי מיר פאַרשריבן, אַז — החתן ר' שמעון בר' כייקל הלוי איז מיט מזל געוואָרן בר מצוה...בין איך געקומען טאַטע־מאַמע אָפּגעבן מזל טוב און דעם בעל שמחה רעדן אַ שידוך!...

חנה'לע איז אונטערגעשפרונגען און, לאַכנדיק מיט אַ נייעם מין געלעכטער, אויסגערופן:

— איך האָב געטראָפן! איך האָב געטראָפן!...

פון בערלס רייד, פון חנה'לעס אויסערגעוויינלעכן געלעכטער, פון אַלעמענס בליקן האָט זיך שמעון פאַרלוירן ביז שרעק. ער האָט אַפילו צוגעמאַכט די אויגן. און ווען ער האָט זיי, שטאַרקנדיק זיך, צוריק געעפנט, זענען אַלעמענס פּנימער געשוואומען אין אַ רויטלעכן נעפּל... און דאָ האָט דאָס אינגל דערפילט, אַז דער זיידע שטורכעט אים און רוימט אים איין: „גיב אָפּ שלום".

שמעון האָט געגעבן בערל'ען שלום. נאָכדעם האָט ניומטשיק אָפּ־געגעבן שלום עליכם דעם גאַסט — און אַלע זענען אַריין אין שטוב.

אויפן טיש האָט שוין געזאָטן דער גרויסער סאַמאָוואַר. איין שאָל איז געווען אָנגעפילט מיט פּוטער, איינע — מיט קעז און גרויסע, לייי־דיקע גלעזער האָבן ווי געוואַרט מען זאָל זיי אָנפילן מיט טיי.

קאַפּיטל אַכט

צוליב חול המועד האָט שמעון ניט באַדאַרפט לעגן קיין תפלין. זיי זענען געווען באַהאַלטן אינם פּליושענעם זעקעלע, אויף דער גרויסער, פּאַליטורטער שאַפע — און שמעון האָט אויסגעמיטן צו קוקן אויף זיי... עס האָט זיך אים געמאָלן, אַז ער ווערט אינגער און אַז די גאַנצע בר מצוה מיט אַלע מצוות וואָס זי שלעפּט נאָך זיך און די עבירות, וואָס לויערן פון אַלע ווינקלען און ווילן זיך אויף זיין קינדערשן קאָפּ אָנזעצן, — אַז דאָס אַלץ איז געווען ניט מער ווי אַ חלום... צי אפשר פאַרקערט, איז גאָר דער ליבער יום טוב סוכות אַ חלום?...

די גרויסע אין שטוב האָבן אָבער שמעונ׳ען ניט געלאָזט חלומ׳ען. זיי האָבן אים אַלע מאָל דערמאָנט, אַז ער איז שוין אַ ייד... און היינט האָט עס נאָך אָנגעטראָגן קאַרישקע׳ן מיט זיין מזל טוב און מיטן „שידוך..."

ער האָט שוין פאַרשטאַנען, וואָס שידוך מיינט... עס מיינט פשוט, אַז ער דער „חתן־בחור", וועט דאַרפן אַוועקגיין פון זיין דאָרף רייקי, לערנען תורה מיט קליינע קינדער. ער, שמעון וועט זיך אין דער פרעמד אויסמענטשלען, און דעם טאַטן וועט עס זיין אַ הילף...

מען האָט קאַרישקע׳ן פאַרהאַלטן אויף וואַרעמעס, נאָכדעם — אויף נאַכטלעגער.

נאָך מנחה האָט מען ווידער געשטעלט דעם סאַמאָוואַר. אַלע שטוביקע און דער גאַסט האָבן זיך יום טוב׳דיק אויסגעזעצט אַרום טיש. שמעון האָט ניט געקאָנט איינזיצן און ער איז אַרויס אין גאָרטן. ער איז דורכגעגאַנגען ביים פענסטער פונם אַלקער און דערזען דאָס מלאכ׳ל אויפן פאַרהאַנגל. פון דער זייט האָט דאָס אויסגעהאַפטענע, באַפּליגלטע מענטשעלע אויסגעקוקט זעענדיק אויפן בלינדן אויג און בלינד אויפן זעענדיקן...

„איבעראַכטאָג אין דער צייט — האָט שמעון אָן ווערטער זיך געווענדעט צום מלאכל — וועסטו מיך שוין ניט זען. איכ׳ל מיר פאַרדינען אויף זיך אַליין, פטור ווערן פון די שקצים און זיך אפשר נאָך יאַוודאָכע׳ן אַרויסשלאָגן פון קאָפּ."

ער האָט זיך איינגעקוקט אין יעדן בוים, אויפן וועלקנדיקן גראָז, אויף די רייען און רייען צעטרישטשעטע בערגלעך, אונטער וועלכע עס זענען געלעגן באַהאַלטן רייפע קאַרטאָפּל. ער האָט געזען די קאַרגע, פאַרוועלקטע בלעטער פון די רייפע בוריקעס — דער גאַנצער גאָרטן פון קרעטשמע ביז אַרויף, צום פעלד מיט קליינע ווײַנשל־בוימער, גרויסע באַרנבוימער און די פּאָר טונקעלע קושטשעס אַגרעסן ביים פּאָווי, אַפילו דער הימעל איבער דעם — אַלץ איז דאָ היינט געווען שמעונ׳ען ליבער און אייגענער ווי אַלעמאָל.

— אוי, — האָט ער אַ קרעכץ געטאָן. דאָרט, וואו דאָס האַרץ זיינס האָט געקלאַפּט, האָט עפּעס געקלעמט ביז וויטיק, אָבער דער וויטיק איז אויך געווען גוט.

שמעון איז געגאַנגען טיפער אין גאָרטן.

אָט איז די „טרויקע,״ דריי ווײַנשל־בוימער. צוויי וואַקסן אַרויס פון איין וואָרצל און דער דריטער בוים שטייט אַזוי נאָענט לעבן די צוויי, אַז אַלעמענס צווייגן פלעכטן זיך איבער. אַפילו די שטאַמען זענען אַזוי נאָענט איינער פונם אַנדערן, אַז מען קען פון איין בוים קריכן אויפן צווייטן, פונם צווייטן אויפן דריטן. אין די גרעסטע היצן איז אונטער די דריי בוימער דאָ אַ קילער שאָטן, קילער, ווי אונטער אַלע אנדערע בוימער אין גאָרטן.

שמעון איז אַרויפגעקראָכן אויף איינעם פון די ווײַנשל־בוימער, און געקוקט אויפן דאָרף, וואָס ער וועט דאַרפן פאַרלאָזן.

פון דער הויך האָט ער עס מיט איין מאָל דערזען. גאַנץ רייקי האָט זיך ווי צעשאָטן און זיך געוויזן פאַר שמעונען מיט אַלע גאַסן און געסלעך, ווינקלען און ווינקעלעך און איינציקע קליינע שטיבעלעך, צעוואָרפענע צווישן בוימער. אָט איז זיין ווינקל און עס זעט זיך אַהער די עקסטע שטוב . . . און אָט איז דאָס צווייטע ווינקל. עס הויבט זיך אָן מיט דער יידישער קרעטשמע אויפן בערגל, וואָס לויפט אַראָפּ, צום טייך. פון דאַנען זעט די קרעטשמע אויס לאַנג, ברייט און נידריק, נאָר ווען מען קומט אַריין אין איר גרויסן פאַרהויז, ווערט זי מיטאַמאָל הויך, מחמת קיין סטעליע איז אין פאַרהויז ניטאָ. די קרעטשמע האָט צוויי גרויסע האַלבע טויערן.ביידע האַלבע טויערן זענען איצט האַלב אָפן, און די אַלטע קרעטשמע זעט אויס פון וויטן, ווי זי וואָלט זיך געזעצט אויף איר געלעגער און זי גענעצט.

אין יענער קרעטשמע וואוינען צוויי יידן: בערל רייקי׳ר און אידל רייקי׳ר. אַלע יידן רופט מען דאָ אויפן נאָמען פונם דאָרף, וואו זיי וואוינען, הגם יעדערער פון זיי האָט זיין אייגענעם נאָמען. בערל

רייקי׳ר האָט דריי מיידלעך און איין אינגעל אין אידל פאַרמאָגט אַ בן יחיד און אַ בת יחידה. זיי אַלע זענען שוין גרויסע קאַוואַליערן און באַרישניעס און סע שטייט זיי ניט אָן זיך צו פאַרגייען מיט קליינע קינדער, מיט אַזעלכע, למשל, ווי שמעון. די מיידלעך נייען פּויערישע לייבלעך, די בחורים העלפן די עלטערן אין די קראָמען און בערל׳ס בן יחיד, כאָטש ער איז שוין אַכצן יאָר אַלט, לערנט ער נאָך אַלץ.

שמעון גייט זעלטן אין קרעטשמע, הגם די קרעטשמאַרעס זענען זיינע ווייטע קרובים. עמיצער האָט זיי אָפּגעטראָגן וועגן יאַוודאָכע שאָסטאָפּאַל, און דערפאַר איז שמעון זייער אין כעס אויף זיי.

איצט אָבער געזעגנט זיך שמעון מיט זיין דאָרף און ער זאָגט שוין אַ זיי געזונט אויך דער אַלטער קרעטשמע, און — די מענטשן אין איר.

עס קומט די נאַכט. אירע טונקעלע שלייערן וויקלען איין — תחלת די עקסטע ווינקלען, נאָכדעם שפּרייטן זיי זיך שטיל און פאַר־גנב׳עט נענטער און נענטער און דעקן איין אין זייער טונקעלער דורכ־זיכטיקייט דאָס גאַנצע דאָרף.

ער כאַפּט אַ קוק אויפן הימל און דערזעט, אַז ער איז שוין אינ־גאַנצן אויסגעשטערנט.

פון דער ווייטן דערהערן זיך טריט פון פערד און דאָס שטילע־שטילע קלינגען פון קייטן. דאָס פירן פּויערים זייערע פערד אויף ביי־נאַכט אין די לעוואַדעס. פון דער טונקלקייט זען זיך אַרויס גליענדיקע פּייערלעך פון ציהאַרקעס. עמיצער הוסט. אַ פלעמל פון אַ שוועבעלע ציטערט אויף. עס ווייזן זיך סילועטן פון פערד און מענטשן אויף זיי. דאָס פלעמל לעשט זיך אויס. די סילועטן ווערן פאַרווישט, — העכער קלאַפּן די פערדן־טריט אין איינגעטראָטענעם וועג.

און אין דער אָוונטיקער דאָרפישער שטילקייט דערהערט שמעון די באַקאַנטע שטימען פון זיינע חברים און חברט׳עס. זיי גייען גלייך אַהער, צום גאָרטן... אפשר זוכן זיי אים?... ער וויל זיי אויסמיידן. ער קריכט אַראָפּ פונם בוים. זיי דערהערן אים און יאָכרעם יאַגניציא פרעגט:

— כטאָ טאַם?

שמעון האָט געמוזט ענטפערן... ווען ניט, וואָלט פּאַסירט איינס פון די ביידע: אָבער מען וואָלט אים באַוואָרפן מיט שטיינער, אָבער די חברה וואָלט זיך דערשראָקן און געמאַכט אַ גוואַלד. שמעון האָט דעריבער באַלד געענטפערט:

— אָן אייגענער.

— קאַנאַריק! קאַנאַריק! — האָבן זיך צעווישן דער חברה דער־הערט פריילעכע אויסגעשרייען. זיי זענען אַלע איינס נאָכן אַנדערן און עטלעכע מיטאַמאָל אַריבערגעשפּרונגען דעם ריוו, אַרויף אויפן גאָרטן און ענג אַרומגעשטעלט שמעונ'ען. דיניס האָט גלייך אָנגע־הויבן דרייען זיינע פּאות און שרייען מיט אַ ציגענער שטימע: „אַדוני, אַדוני!... " אוי אוי אוי, אַדוני!... " די שקצים'לעך און די שיקסלעך האָבן הויך געלאַכט. שמעון האָט זיך אַרומגעקוקט. ער איז געווען געפאַנגען. אַרום אים האָבן זיי ווי אַ קייט געמאַכט און זייער געלעכטער האָט געשטראָמט אויף אים פון אַלע זייטן. וואָס מער ער האָט זיך פאַרלוירן, אַלץ העכער איז זייער געלעכטער געשטיגן. זיי האָבן נאָר געוואָלט ער זאָל זיי ווייזן, ווי אַזוי ער לעגט תפלין.

— וואַרט — האָט ער זיך געכאַפּט — וואַרט צו... אָט וועל איך זיי אַרויסברענגען און אייך ווייזן, ווי איך טו עס... עמיצער פונם רעדל האָט שוין געמאַכט אַ וועג פאַר שמעונ'ען, אָבער די איבעריקע האָבן זיך ניט געלאָזט נאַרן...

— כיטרי זשיד... — האָט טימקאָ מיט די קלויסטער־אויגן געזאָגט.

— און דו — איז שמעון ניט בטול געוואָרן פאַר אים — מיינסט, איך וויל זיך אַרויסדרייען... איך האָב פאַר אייך ווינציק וואָס מורא.

— ניט פאַר אונז — האָט דיניס זיך אָנגערופן — נאָר פאַר דיין יידישן גאָט האָסטו מורא.

— פאַר אים יאָ, און פאַר אייך טאַקע ניט. און אַז דו ווילסט — איז שמעון געוואָרן נאָך טראַציקער — האָב איך פאַר אייך גאָר קיין מורא ניט.

סאַלאָמיע, אַ שוואַרצ'חנ'עוודיקע מיט בלויע אויגן, האָט זיך אַריינ־געמישט:

— אַז דו ביסט יאָ אַזאַ כוואַט, טאָ זינג מיט אונז...

— זינג!

— זינג!

— זינג!

— טאַקע אַזוי, קאַנאַריק.

פון אַלע זייטן האָבן זיך שוין געהערט די זעלבע אויסרופן, און נאָר פלאַניעטאַ האָט געשוויגן פון גרויס פאַרדראָס, וואָס זיי שאַצן ניט אָפּ זיין געזאַנג.

— זאָל ער ניט זינגען — האָט ער אַ בורטשע געטאָן, אָבער קיינער האָט אים ניט געהערט. אַלע זענען געווען זיכער, אַז שמעון איז שוין

אַ געהייליקטער פונם יידישן גאָט און ער וועט זיך ניט אונטערגעבן...
אָבער ער האָט אַ זאָג געטאָן: „איז וואָס... אַז זינגען — איז זינגען.“
מיט איין מאָל זיינען אַלע שטיל געוואָרן, די שטילקייט פון אַנטגיל-טיקן טריאומף איבערן אַלטן יידישן גאָט... זאָל דאָס אמת זיין?!...
— זינג פאָר — האָט דיניס ווי באַפוילן שמעונען.
— מיר'ן היינט ניט אָנרייסן קיין בוריקעס־בלעטער — האָט פלאַניעטאַ געבורטשעט.
— טאַקע אַזוי — האָט אָקסאַנע וואָווטשאַק, זייער ענליך צו יאַוודאָכע'ן, ווי אַ שוועסטער אירע — אונטערגעהאַלטן פלאַניעטאַן, אָבער יאַוודאָכע און סאָלאָמיע האָבן געזאָגט: „לאָמיר זינגען גייענדיק.“
— טאָזש טאַק — האָט דיניס פריילעך אונטערגעכאַפּט — ווען מיר וועלן צוקומען צו די בוריקעס אין פעלד, וועלן מיר שטיל ווערן... הויב אָן, שימקאָ!...
שמעון האָט פאַרריסן דאָס קעפּל און אָנגעהויבן דאָס פאַרזינגען ניט דרייסט, אָבער דערפאַר איז זיין שטימע אַרויסגעקומען נאָך בעסער, זי האָט זיך גע'גנב'עט גלייך אין האַרצן אַריין. ער האָט, ווי דער שטייגער ביי דאַרפישע פאַרזינגער—צוגעלייגט איין האַנט צום מויל, עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט מיט דער אויסגעבויגענער האַנט דאָס קול געוואָלט פאַרגרעסערן און פאַרשטאַרקן, און, אויפן ריוו פונם יידישן גאָרטן האָט שמעונס שטימע אָפּגעקלונגען לאַנג און הילכיק:
ליולקאַ מאַיאַ פענקאָוואַיאַ
ז'וועטשאַראַ קורילאַס
די צווייטע שורה פונם ליד האָט דער גאַנצער כאָר לעבעדיק אונטערגעכאַפּט מיט איין מאָל אַזוי האַסטיק, אַז זיי וואָלטן מיט זייערע שטימען באַדאַרפט צודעקן שמעונ'ס קול, אָבער ערשט ביי דער צווייטער שורה האָט זיך שמעון געטאָן אַ הויב אויף איבער זייערע שטימען, אַריבערן גאָרטן, אַריבערן גאַנצן דאָרף... ביי דער דריטער שורה איז ער אַוועק נאָך העכער און ביי דער פערטער, וואָס איז דער פינאַל פונם ערשטן פערז, האָט שמעונ'ס קול דערגרייכט אַזאַ הויך, און אַזאַ ווייט, אַז ניט נאָר דער יידיקער קלויסטער האָט זיך אָפּגערופן, — נאָך אים, די לעוואַדעס און באַלד — אַזש דער וואַלד אונטערן דאָרף... די לעצטע אָקטאַווע פונם פערז האָט שמעון לאַנג אויסגעצויגן, איבער־גייענדיק פון אַלטאָ און פאַרגייענדיק זיך מיט אַ מתיקות אין אַן אויס־גייענדיקן פאַלצעט.
געענדיקט דאָס ערשטע ליד, זענען אַלע אַריבערגעשפּרונגען דעם ריוו און, זינגענדיק אַנדערע לידער, אַוועק צום פּריצ'ישן פעלד אָנצו־רייסן בוריקעס־בלעטער.

קאַפּיטל ניין

מיטן ברייטן, שטויביקן וועג איז פּאָר די קליינע זינגער געווען באַקוועם צו גייען: מ'האָט זיך געקאָנט האַלטן אײנײנעם. נאָר ווען מען האָט פּאַרקערעוועט אויף דער טאַסמע, אַ שמאָלער וועג אין פעלד, בלויז פּאָר פעלד אַרבעטער, האָט מען קוים געקאָנט גייען צו צוויי אין אַ ריי:

יאָוודאָכע איז אַזוי איבערראַשט געווען פון שמעונ'ען, אַז זי האָט זיך גאָר פאַר אירע חבר'טעס ניט געשעמט און געגאַנגען לעבן דעם יידן.

מען האָט אויפגעהערט זינגען: מ'האָט זיך דערנענטערט צו די בוריקעס און ס'איז געווען אַ געפּאַר, אַז דער פעלד־היטער, דער אַלטער מאַרטשוק, זאָל זיי דערהערן אָנקומען.

— יאָוודאָכע האָט געוואָרט, שמעון זאָל עפּעס זאָגן, אָבער ער, באַלד ווי ער האָט אויפגעהערט צו זינגען, האָט געשוויגן אַזוי שווער ווי אַ מאָן.

— דיין גאָט — האָט זי מיט פּאַרדראָס די ערשטע אָנגעהויבן צו ריידן — דיין גאָט וועט דיך ניט שטראָפן פאַר היינטיקן אויפדער־נאַכט ? ...

שמעון האָט אַ ציטער געטאָן, זיך אָבער ניט אַרויסגעגעבן. ער האָט וואוילױנגעריש אַרומגענומען יאָוודאָכע'ן, ווי אַ גרויסער פּאַרו־באָק נעמט אַרום אַ מויד און צוגעדרוקט איר קאָפּ צו זיין ברוסט.

— גאָט איז הויך, דער קיסר איז ווייט, און מיר טוען, וואָס מיר ווילן.

— אונזער קאַנאַריק — האָט דיניס זיך אָנגערופן. און דער קליי־נינקער קאַלעניק, דער וואָס האָט אָנגעוואוירן די האָפנונג אויסצע־וואַקסן — האָט אונטערגעקאַפּט: „טאָזש טאַק."

די מיידלעך האָבן דאָך געלאַכט פון יאָוודאָכע'ן. האָט זי זיך אויסגעריסן פון שמעונ'ס אָרעם און ברוגז'לעך זיך געהאַלטן פון דער ווייטן.

חברה איז געוואָרן שטילער און שטילער.

די טאַסמע איז געלאָפן באַרג אַראָפּ. פון יענער זייט טייכל, אין טאָל, איז שוין געווען דאָס פעלד מיט בוריקעס.

הויך איבערן פעלד איז דער הימל געהאַנגען, אַ געדיכט־באַשאָטענער מיט גרויסע העלע שטערן. קיין לבנה איז אָבער ניט געווען, און די פינסטערניש האָט זיך דאָ געזאַמעלט און זיך געגאָסן אין טאָל אַריין מיט אַ געדיכטן, שוואַרצליכן שטראָם. פאַר די אויגן האָבן גראָליכע פלעקן זיך געטראָגן. זיי האָבן זיך געהויבן אַריבער דער פינסטערניש, ביי דער ערד און פאַרשוואונדן אין דער טונקעלער, בלויער שיין פון אויבן. חוץ די ציטערדיקע, פאָרמלאָזע פלעקן האָבן זיך פאַר די קליינע פוסגייער געוויזן מאָדנע צעקרומטע סילועטן פון האַלבע מענטשן, פערד אָן קעפּ, שווימענדיקע, צעבראָכענע, גרויסע צלמים. גייענדיקע בוימער האָבן זיך מחנות'ווייז אָנגערוקט אויף דער חברה און — צוקמענדיק נאָענט, זיך צעלאָפן אין אַלע זייטן, לאָזנדיק אַ וועג פאַר נייע אָנקומענדיקע בוימליכע געשטאַלטן.

די שיקסלעך האָבן זיך גע'צלמ'ט. די אינגלעך האָבן פון זיי געלאַכט, מער פון אַלעמען — דיניס.

— דו האָסט דען קיין מורא ניט ? — האָט אים אָקסאַנע וואָווטשאַק געפרעגט.

— צו אַ געטויפטן — האָט ער זיכער געענטפערט — וועט דער אומריינער ניט צושטייען.

אָקסאַנע האָט שווער געאָטעמט...

— זעסטו ! — האָט זי געזאָגט מיט חידוש און מיט ניט־באַהאַלטענעם פאַרדראָס — קאַנאַריק צלמ'ט זיך ניט, און סע שאַדט אים ניט.

— דאָס איז דערפאַר — האָט זיך שוין טימקאָ לאָוורע'ס, דער זון פונם קלויסטער־סטאַראָסטע, אָנגערופן — וואָס ער איז מיט רעכט־גלויביקע.

— טאָזש טאַק — האָט קאַלעניק ווי אַלעמאָל גערן אונטער־געכאַפּט.

— מוזשיצקי זשיד — האָט דיניס געזאָגט אויף שמעון'ען. דערויף האָט שמעון אים געענטפערט :

— ניין, איך בין אַ יידישער גוי...

— דו ביסט אַ כיטרי, אָט וואָס — האָט זיך שוין פּלאַניעטאָ אָנגערופן.

ס'האָט פֿאַרשמעקט מיט קילער פֿייכטקייט. פֿונם פֿינסטערן טאָל האָט זיך געהערט אַ שטילער כליופּ און — ווי עמיצער וואָלט דאָרט געזופּט וואַסער.

ס'איז געוואָרן שטילער און שטילער און די אומקלאָרע קלאַנגען פֿונם טייכל האָבן די שטילקייט נאָך גרעסער און שווערער געמאַכט.

די קינדער האָבן שוין מער ניט גערעדט. זיי זענען געגאַנגען צו צוויי אין אַ ריי.

פֿאָרויס איז געגאַנגען דיניס אַרומגענומען מיט אָקסאַנע וואָוו־טשאַק. אונטער זיי — אַליזאַר קישקאָ, אַ לאַנגער מיט אַ קליין קעפּעלע, אַ ווייסהאָריקער מיט קליינע, שוואַרצע אויגן. ער האָט אַרומגענומען די בלאָאויגיקע סאָלאָמיע. נאָך דער פּאָר איז געגאַנגען שמעון שוין ווידער אַרומגענומען מיט יאַוודאָכע'ן. נאָך זיי — מאַקאַר קאָציובאַ, אַ דאַרער, אַ קלייענדיקער מיט ביסטרע גראָע אויגן און ער האָט אַרומגענומען יאַוודאָכע פֿאָלישטשוק, אַזאַ קלייענדיקע ווי ער. מען האָט זיי ביידן גערופֿן, 'זשאָווטיאַקעס', געלע אוגערקעס; טימקאָ לאָוו־רע'ס האָט געפֿירט יאַלינע פּעטרושקע. טאַנאַסקאָ דעמטשוק, וואָס איז אַרויסגעקומען פֿון ליאַכן און זיך קיין פּאָר ניט געקאָנט צוקלייבן, האָט זיך אַרומגענומען מיטן קליינינקען קאָלענ'ען.

תּחלת האָט זיך קאָלעניק ניט געלאָזט אַרומנעמען...

— איך בין דיר ניט קיין מיידל — האָט ער גע'טענה'ט.

— האָט אים טאַנאַסקאָ דערויף געענטפֿערט:

— שווייג, טאַרבע כאָכלעשע!... סע דאַרף ביי דיר זיין אַ כּבֿוד, וואָס איך רעד צו דיר...

— וואָס ביסטו, אַ הייליקער?

— אַ ליאַך — האָט טאַנאַסקאָ מיט ווירדע געענטפֿערט.

— פֿרידן דיין פּראַך — האָט קאָלען אָפּגעשלאָגן.

טאַנאַסקאָ האָט זיך אָנגעבלאָזן. קאָלען האָט אין דער שטיל געלאַכט.

דער געשפּרעך איז נאָך פֿאַרגעקומען פֿריר, אויף דער טאָסמע. איצט אָבער, אין שטילן, פֿינסטערן טאָל האָט זיך קאָלען געלאָזט אַרומנעמען פֿון טאַנאַסקאָ'ן און דער קליינינקער האָט זיך גע'צלמ'ט.

מיטאַמאָל האָט זיך די פֿאָדערשטע פּאָר אָפּגעשטעלט און נאָך איר — אַלע קינדער.

פֿונם טאָל האָט שוואַך אַ פֿינטל געטאָן אַ פֿייערל. עס איז אויס־געלאָשן געוואָרן, זיך באַלד צוריק געוויזן און ס'האָט זיך דערהערט דער באַקאַנטער הוסט פֿונם אַלטן לאַנאָוואַי, דעם פּריץ'ישן שומר.

די פֿאַרלעך האָבן זיך גערירט פֿאָרויס. זיי זענען אַראָפּ צו דער ריטשקע און דאָרטן, מיטן גראָז אַוועק אין אַ זייט, אין אַ זייט, איבער־לאָזנדיק דאָס פֿינטלדיקע פֿייערל אַזוי ווייט, אַז מען האָט עס שוין מער ניט געקאָנט זען.

זיי זענען אַזוי פֿאַרגאַנגען ביזן צווייטן עק בוריקעס־פֿעלד. דאָ האָבן זיי זיך שוין אָנגעהויבן די לוהי׳ר פֿעלדער.

די קליינע פֿאַרשוועדער זענען אַריין צווישן די בוריקעס, אָפּגעע־בונדן פֿון זיך די זעקלעך, מיט וועלכע זיי זענען געווען אַרומגעגאַרטלט און מען האָט זיך גענומען אויף גיך אָנרייסן בלעטער.

די קילע, גלאַטע בלעטער האָבן זיך מיט אַ כרושטש נאָכגעגעבן און די זעקלעך האָבן זיך אָנגעפֿולט.

שמעון איז געווען אין אַ פֿאַרלעגנהייט: קיין זעקל האָט ער מיט זיך ניט געהאַט. ער האָט געוואָלט העלפֿן יאָוודאָכע׳ן און זיך געשעמט, האָט ער געריסן די בלעטער און זיי דערלאַנגט, ווען ס׳האָט זיך געמאַכט.

ער איז געוואָרן אומרואיק:

„צוליב דעם בין איך פֿאַרנאַכט אַרויס אין גאָרטן?" — האָט ער זיך מיט פֿאַרדראָס געפֿרעגט... „גאָט!" — האָט ער, רייסנדיק די בלעטער גערופֿן, אָבער ער האָט געפֿילט, אַז גאָט איז איצט ווייט־ווייט פֿון אים, און, אין זיין ווייטקייט האָט ער אָפּגעקערט דאָס פּנים פֿונם זינדיקן אינגל.

שמעון האָט אַרויפֿגעקוקט צו די גרויסע, שטרענגע שטערן און שטיל, אין זיך געפֿליסטערט, בעטנדיק גאָטס נאָמען:

„גאָט, איך האָב עובר געווען אויף דיין געבאָט, דיך געלעסטערט, דיינע תּפֿילין פֿאַרשעמט, טאַטע־מאַמע מצער געווען, און איך — איך גיי נאָך לערנען אידישע קינדער תּורה?... גאָט! גאָט!..."

מיטאַמאָל איז אַרום שמעונ׳ען געוואָרן אַזוי שטיל, אַז ער האָט שוין אַפֿילו דאָס כרושטשען פֿון די בלעטער מער ניט געהערט. עמיצנס טריט זענען פֿון דער ווייטן פֿאַרבייגעלאָפֿן און — ס׳איז געוואָרן נאָך שטילער ווי פֿריער, עפּעס אַזוי ווי די גרויסע, ביינאַכטיקע פֿינסטערניש וואָלט זיך אויסגעלײַדיקט ביזן לעצטן קלאַנג... אָבער וואָס טוט זיך דאָ???... זיינע פֿריינט זיינען פֿאַרשוואונדן!...

ער האָט זיך געלאָזט מיטן טאָל און, און באַלד אָנגעיאָגט די חבֿרה.

זיי האָבן אַלע געטראָגן אויף זיך די שווערע זעק און זיך געבויגן אונטער דער משׂא. באַזונדער האָט זיך אָנגעשטרענגט דער קליינ־ינקער קאַלען, און שמעון האָט אים אַרויסגעהאָלפֿן.

מען איז צוגעקומען צו דער טאַסמע און זיך אייליק געלאָזט באַרג אַראָפּ. פון דאַנען האָבן די קינדער אַהערצואוועגס געזען דאָס טלי־הענדיקע פייערל פון מאַרטשוקס ציהאַרקע, אָבער איצט איז דאָ די פינסטערניש פון גאָרנישט געשטערט געוואָרן.

שווער איז געווען דאָס טראָגן די קלומקעס באַרג אַרויף, אָבער וואָס ווייטער איז געוואָרן גרינגער און בעסער.

די פינסטערניש איז, שיטערער געוואָרן. פונם דאַרף האָט זיך דערהערט דאָס בילן פון אַן היימישן הונט. אַ פייערל האָט פון רייקי אַהער דערבליקט און גערופן אַהיים.

די חברה האָט זיך דערפילט אַזוי זיכער, אַז זיי האָבן אַראָפּגע־וואָרפן די שווערע זעק פון די פלייצעס און זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט.

— שוין — האָט דיניס זיך דער ערשטער אָנגערופן.

— שוין? ! — האָט קאַלען מיט אַ דין, וויינענדיק קול איבער־געפרעגט, און... ווי לויט אַ קאָמאַנדע־האָבן אַלע קינדער מיט איין מאָל זיך געגעבן אַ ריס פאָרויס... ערגעץ פון אַ זייט, מען האָט ניט געקאָנט באַשטימען, צו פון רעכטס, צו פון לינקס, — האָט זיך דער־הערט אַ שווערער גאַנג... פון וואַנען איז ער עס געקומען? פאַרלויפט ער זיי דעם וועג, צו יאָגט ער זיי נאָך?... שוין לויפט דיניס און נאָך אים אַלע קינדער. גאָר הינטן קאַלען און דער לעצטער, שמעון... ער פאַרטשעפּעט זיך אָן אַ זאַק מיט בלעטער... שיעור געפאַלען... נאָך אַ זאַק... נאָך אַ זאַק... קינדער וואַרפן אַוועק די קלומקעס און לויפן, לויפן אין שרעק ווייטער, ווייטער, אָבער די שווערע, ברייטע טריט קומען פון דער זייט, פון דער זייט, נענטער און נענטער און עס דערהערט זיך מאַרטשוקס קול:

— גנבים, אין אייער מאַמען אַריין! די וואָס אָן די קלומקעס, זיינען שוין ווייט, אָבער די עקשנים מיט די שווערע זעק אויף די פלייצעס איז פאַרן אַלטן שומר ניט שווער אָנצויאָגן.

פאַרביי שמעונ'ען טראָגט זיך דורך דיניס, נאָך אים — טימקאָ לאַוורעס און — יאַוודאָכע.

— באָזשע מאָי! — קרעכצט זי.

— סטאָי... וואשו מאַט! — זידלט זיך מאַרטשוק, פאַרפאָלגנ־דיק די קינדער. אַ ווײַלע קווינקלט זיך שמעון, אָבער ער שפּרינגט צו, צו יאַוודאָכען, רייסט אַראָפּ פון איר דעם שווערן זאַק און וואַרפט אים אַרויף זיך אויף די פלייצעס. יאַוודאָכע לויפט אַוועק, אַ דערלייכ־טערטע און שמעון שטרענגט זיך אָן איר נאָכצויאָגן.

שווער איז צוגעפאַלן דער קלומעק צו זיין רוקן. דאָס האַרץ קלאַפּט האַסטיק, אין בויך וויל זיך עפּעס אַזוי ווי איבערקערן, אין די זייטן הויבט אָן צו שטעכן... עס איז אים געוואָרן שווער צו אָטעמען און ער האָט דערפילט, אַז די אויגן ווערן אים פאַרגאָסן מיט שווייס. ער זעט שוין ניט יאַוודאָכע'ן. ער פילט דעם שווייס אויף די באַקן, אויפן מויל... אָט — אָט און ער וועט פאַלן... וועט ער פאַלן? ניין, ניין!... די יונגע פּיס טראָגן, דאָס האַרץ קלינגט אים אָפּ אין די אויערן, דאָס שטעכעניש אין די זייטן ווערט שאַרפער, אָבער די פיס הויבן זיך נאָך, און שמעון קאָן זיך שוין ניט אָפּשטעלן... וואָס טוט זיך דאָ? אונטער אים, אונטער זיינע פּלייצעס לויפט מען און — מע שלאָגט אים ניט... ווער איז דאָס? ! מיטאַמאָל לאָזט דער עמיצער אַרויס אַ געשריי און ער דערקאָנט דאָס קול פון אָקסאַנע וואָווטשאַק, די וואָס איז געראָטן אין יאַוודאָכע'ן... ווידער קוויטשעט זי און יאָגט אַריבער שמעונ'ען... און באַלד פילט ער אַ ווינט אויפן פּנים, און — איינײנעם מיט פאַך — שניידט זיך עפּעס אַריין אין זיין באַק מיט אַ שאַרפן ברי.

— אוי! — שרייט שמעון אויס און ער פילט, ווי דער שווערער זאַק גליטשט זיך אַראָפּ פון זיינע פּלייצעס און באַלד לויפט ער פאַרויס אַ דערלייכטערטער. ער לויפט ניט, ער שפּרינגט מיט ניי־דערוואַכטע כחות, ער יאָגט אַלעמען אַריבער. זיי לויפן אים נאָך און וויינען. עס וויינען אַפילו די, וואָס זיינען ניט געשלאָגן געוואָרן. יאַוודאָכע יאָגט אָן שמעונ'ען און פרעגט אים פאַרצווייפעלט:

— דעם זאַק האָסטו אויך געלאָזט?

— איך האָב אַ זעקעלע אויפן פּנים. נאַ, זע — זאָגט ער איר. זיי שטעלן זיך אָפּ. זי קען גאָרניט זען. זי פירט מיט דער האַנט איבער זיין פּנים און טאַפּט אָן אַן אויפגעלאָפענע קישקע אויף זיין באַק.

שמעון האָט פון ווייטאָג אויסגעשריגן און מיט כעס געטאָן אַ וואָרף אָפּ פון זיך יאַוודאָכע'ן.

שפּעטער האָט ער זי אָנגעיאָגט און איר געזאָגט:

— האָסט אָבער געטראָפן, אַז גאָט וועט מיך שטראָפן.

— פאַרוואָס האָט ער מיך געשטראָפט? — האָט יאַוודאָכע גע'טענה'ט און זיך צעוויינט. דורכן געוויין האָט זי רחמנות'דיק גערעדט:

— אַזוי שווער געפּראַצעוועט, דאָס לעבן איינגעשטעלט, און איצט, וועט מיין טייער קיעלע זיין הונגעריק און מיר וועלן ווידער ניט האָבן גענוג מילך, אוי, באָזשע מי, באָזשע! גאָט זאָל אים שווער שטראָפן!

די קינדער זיינען צוגעקומען צום דאָרף און יעדערער איז אַוועק אין זיין פינסטערן שטובל.

ביי די יידן האָט זיך נאָך צוליבן יום טוב געלויכטן.

שמעון איז אַריבער דעם ריוו פון זיין גאָרטן. ער איז צו צו דער טראַיקע וויינשלבוימער און ווייטער ניט געקאָנט גייען.

„ווען גאָט קאָן אַ נס טאָן און אַנשיקן אויף מיר אַ גרינגען טויט, איך זאָל ניט פילן, ווי איך בין געשטאָרבן!״ ... ער האָט געוואָרט, געוואָרט, — דער טויט איז ניט געקומען... ווי אַזוי וועט ער אַצינד אין הויז אַריינקומען? ?... ניין, דאָ וועט ער בלייבן!...

אין אַלע פענסטער האָט זיך געלויכטן מיט דער שיין פון יום טוב׳דיקן ליכט און לכבוד יום טוב אַרויסגעדרייטע לאָמפּן. די שיין האָט זיך געשפּרייט איבערן גאָרטן און שיעור אַהער דערגרייכט.

שמעון האָט דערהערט, ווי דער טאַטע רעדט ערגעץ, ביי דער שטוב, אין גאָרטן:

— לאָמיר אים ווידער רופן. און די מאַמע זאָגט:

— סע וועט שוין פון אים קיין לייט ניט זיין.

חנה׳לע׳ס שטים דערהערט זיך:

— קאַנאַריק! קאַנאַ־אַ־אַ־ריק!! — איר קלינגענדיק קול איז דורכגענומען מיט טרערן. און אָט הערט זיך שוין דעם זיידנס קול. און חנהלע רופט מער ניט און זי וויינט אין דער הויך...

מען גייט, דאַכט זיך, אַהערצו... מער האָט שוין שמעון ניט געקאָנט איינשטיין. ווי אויף מסירת נפש האָט ער זיך געלאָזט גלייך צו דער שטוב.

שווייגנדיק איז ער פאַרבייגעגאַנגען זייניקע, קיין גוט יום טוב זיי ניט אָפּגעגעבן און געשפּאַנט גלייך צו דער טיר.

כייקל איז אים פאַרלאָפן דעם וועג.

— וואָס איז דאָס? — האָט ער פון כעס געשטאַמלט — אום יום טוב, האָ?

חנהלע איז צוגעלאָפן און זיך געשטעלט צווישן טאַטן און דעם פאַרשולדיקטן זון. שמעון האָט דעם טאַטן גאָרניט געענטפערט. ער האָט אָפּגעשטופּט חנה׳לען פון זיך, איז אַריין אינם פינסטער אַלקערל און אין אָנטאָן זיך אַריינגעוואָרפן אינם קילן, ליבן געלעגער.

קאַפּיטל צען

אויף מאָרגן האָט מען שמעונ'ען אויפגעוועקט גאַנצפרי, כאָטש ס'איז געווען יום טוב. די דאָרפסיידן האָבן געדאַוונט ביי די זאַבוטיס במנין. האָט מען באַדאַרפט באַצייטנס אויפראַמען און פאַרשפּרייטן די בעטן מיט די יום טוב'דיקע דעקלעך.

שמעונ'ען האָט געשמאַרצט דאָס פּנים. ער האָט אַ קוק געטאָן אין קליינעם, צעשפּאָלטענעם שפּיגעלע, וואָס אויף דער קאָמאָדע און דערזען, אַז די אויפגעלאָפּענע קישקע אויף דער באַק איז געווען שוואַרצלעך מיט אַ רויטלעכער זוים אַרום. האָט ער מיטן יום טוב'־דיקן אויסגעפּרעסטן טיכעלע אַרומגעבונדן די פאַרענדערטע באַק און איז אַרויסגעקומען אין דער גרויסער דירה.

ביים טיש זיינען געזעסן דער זיידע און בערל קאַרעשקע. פאַר זיי זענען געשטאַנען צוויי גלעזער טיי. פון די גלעזער האָט זיך גע־קרייזלט אַ יום טוב'דיקע פּאַרע. דער זיידע האָט געקוקט אויף בערלען און בערל — אין זיין גלאָז טיי. ער האָט מיט די קליינע קינדערשע הענט אַלעמאָל אָנגעכאַפּט די הייסע גלאָז און זיך הויך געקוויקט.

— דער כח פון פּאַרע — האָט בערל פאַרקלערט געזאָגט.

דערויף האָט אים דער זיידע געענטפערט:

— אַז זי קאָן דיר אַוועקשלעפּן אַ גאַנצן פאַיעזד מיט זיבעציק וואַגאָנעס.

— אין ליפּיוועץ — האָט קאַרעשקע באַוואונדערט דעם כח פון דאַמף — האָט מען געמאַכט אַ פאַבריקע פון פּאַפּיר, גייט זי אויך אויף פּאַרע.

— יאָ, האָט דער זיידע צוגעגעבן — גאָטס חכמה איז ניט פאַר אונזערע קעפּ.

ער האָט דערלאַנגט אַ שטיקל האַרטן צוקער פון דער צוקערניצע, איינגעגנעצט אַ שפּיץ דערפון אין דער טיי, שטיל געמאַכט אַ ברכה און זיך גענומען זופּן.

אויפן ניידן קוקנדיק, האָט בערל זיך אויך גענומען צו זיין גלאָז טיי. שמעון האָט פון ווייטן נאָכגעקוקט דעם זיידן און דעם גאַסט און ניט געוואָגט אַריינצוקומען. לעת עתה האָבן זיי אים נאָך ניט געזען. וואָס פאַר אַ תירוץ זאָל ער זיי אָנגעבן אויף זיין פאַרבונדענער באַק? ער וועט זאָגן, אַז די ציין טוען אים וויי.

ער האָט געטאָן אַ שפּאַן פאָרויס. דער זיידע האָט אים באַמערקט. שמעון האָט מיט אַ פרעמד קול געזאָגט:

— אַ גוט יום טוב...

— ט'יאַנטעוו — האָט דער זיידע אַזוי געענטפערט, ווי ער וואָלט זיך נאָכגעקרומט דעם אייניקל און שטרענג צוגעגעבן: — ס'איז דיין גליק, וואָס דו גייסט שוין באַלד אַוועק. איך וואָלט זיך מיט דיר פאַר נעכטיקן אויפדערנאָכט צורעכנט.

בערל האָט מיט קליינע, לאַכנדיקע אויגן געקוקט אויף שמעונ'ען און געפרעגט:

— וואָס איז דאָס ביי דיר אויפן פּנים, אַ שיינדלינג אויף יום טוב?

— די ציין — האָט שמעון געענטפערט.

— די ציין? — האָט בערל איבערגעפרעגט.

— די ציין — האָט שמעון נאָכגעזאָגט.

— דאָס האָט אים גאָט געשטראָפט — האָט זיך שייע געבייזערט און זיך ווידער גענומען הויך זופּן די טיי.

— וועמען גאָט שטראָפט, דעם האָט ער ליב — האָט קאָרעשקע באַמערקט און צו שמעונ'ען האָט ער געזאָגט: — אין פּסוק שטייט טאַקי: 'אין אורח מכניס אורח' אָבער דו, יונגאַטש, פאָלג מיך, גיס זיך אָן אַ גלאָז טיי און דערקוויק זיך דאָס האַרץ.

פונם לשון-קודש'דיקן ווערטל האָט דעם זיידנס פּנים אויפגעשיינט. ער האָט גערעדט צו שמעונ'ען און בשעת מעשה געקוקט צו בערלען:

— איר רעדט צו אים לשון קודש, און ער ווייסט אַפילו ניט, וואָס סע מיינט... ניין אפשר, שימעניו?

שמעון האָט זיך קוים איינגעהאַלטן פון אַ שמייכל צו טאָן, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז ער ווייסט מער פונם זיידן. דער שמייכל, וואָס דאַרף זיך ווייזן אויף שמעונ'ס פּנים, קוועלט אין זיין האַרצן. ער שווייגט מיטן שווייגן פון איינעם, וואָס ווייסט מער, ווי דאָס, וואָס מע וויל, ער זאָל וויסן.

— אדרבא — זאָגט בערל — פאַרטייטש... גייסט דאָך לערנען יידישע קינדער תורה...

און שמעון פּאַרטייטש:

אַן אורח, קען קיין אורח ניט אויפנעמען.

דער זיידע איז באַזיגט, אָבער עס זעט אויס, אַז ס'איז אים ליב. ער קוקט גלײַך אין דער טיי און זיין יום טובדיק פּנים לויכט. בערל איז אויך צופרידן, אָבער ער שטעלט שמעונ'ען נאָך אַ פראַגע:

— נו, און וואָס אַ גראַף איז, ווייסטו?

— אַ גראַף? — פרעגט שמעון איבער — אונזער פּריץ איז דאָך אַ גראַף!

— אָבער וואָס איז אַ גראַף? — פרעגט בערל און זיינע קליינע אויגן ווערן נאָך קלענער.

— אַ גראַף, אַ גראַף — חזר'ט שמעון איבער — שאַ — טוט ער זיך אַ כאַפּ — טאָלסטאָי איז אויך אַ גראַף!

— טאָלסטאָי? — פרעגט איבער בערל און זיין פּנים פאַרקרומט זיך, ווי ער וואָלט אויף עפּעס אָנגעטראָטן — עפּעס אַ חזיר'שער נאָמען.

ווערט שוין שמעון אין כעס. זיינע אויגן פלאַמען און ער רופט אויס מיט באַגייסטערונג. —

— טאָלסטאָי איז אַ גרויסער פּיסאַטיעל — טאָלסטאָי איז דער גרעסטער פּיסאַטיעל!

— אויב ער איז אַ גראַף, — גיט בערל נאָך, — מסתמא איז ער עפּעס...

— אַך! — רופט שמעון אויס מיט גרויס פאַרדראָס און ער קוקט אויף בערלען מיט שנאה, אָבער יענער פאַלט ביי זיך ניט אַראָפּ. ער מאַכט אַזוי תמ'עוואַטע:

— נו, לאָמיר טאַקע הערן, וואָס מיינט גראַף?

— איך ווייס — זאָגט שמעון — ס'איז דאָ אַן אָפיציער, אַ פּאָל־קאָווניק, אַ גענעראַל, און דאָס איז מסתמא אויך אַזאַ טשין.

ר' שייע איז שטאָלץ מיטן אייניקל, ער זעט אָבער, אַז בערל איז ניט צופרידן מיט שמעונ'ס ענטפער און ער ווערט שוין אויך אומגע־דולדיק. ער שעמט זיך אָבער פרעגן. שמעון האָט איצט אַ געלעגענ־הייט צו באַווייזן זיין קענטעניש אין לשון קודש און ער זאָגט:

— מכל מלמדי השכלתי... אפשר ווייס איך טאַקי ניט... לערנט מיך אויס. דאָ קומט אַריין ניומטשיק. ער איז אויסגעפּוצט יום טוב'דיק. זיין בלאַס, ברייט פּנים רויטלט זיך קוים.

דער זיידע הייסט באַלד פרעגן דאָס געראָטענע אייניקל, וואָס הייסט גראַף, אָבער ניומטשיק, דער תלמיד חכם ניומטשיק, ווייסט

אויך ניט. ס'הייסט אים ווייזט זיך אויס, אַז ער ווייסט, אָבער בערל זאָגט, אַז ניט. ער שמייכלט צופרידן און זאָגט שמעונ'ען:

— ווייסטו וואָס, איך ווינטשעווע דיר, אַז דו זאָלסט זיין אַ גראַף.

— ווי קאָן איך זיין אַ גראַף — פרעגט שמעון, אַז איך בין אַ ייד?

— און איך זאָג דיר, אַז דו קאָנסט זיין אַ גראַף...

שווייגןביידע אינגלעך מבולבל און דער זיידע נעמט זיך שוין אָן פאַר זיי:

— האָדי שוין, ר' בערל, זאָגט זיי שוין אויס.

און בערל פאַרטייטשט:

— גראַף איז די ראָשי תיבות פון פיר ווערטער, וואָס הויבן זיך אָן מיט גימל, ריש, אַלעף, פיי. גימעל מיינט — געזונט, ריש — מיינט רייך, אַלעף — און, פיי — פריילעך...

די קינדער קוקן פאַרגאַפטע אויפן שטאָטישן יידן. שייע לאַכט מיט אַ יוסטן געלעכטער. ער רופט אַריין די אַלטע און די שנור. עס קומט אויך אַריין חנהלע. זיי זיינען אַלע דריי אָנגעטאָן יום טובדיק. אויף די יום טובדיקע קליידער טראָגן זיי פאַרטעכער. חנהלעס שוואַרצע האָר זיינען שטייף פאַרקעמט אַרויף. איר קלאָרער שטערן איז ליכט־יקער ווי אַלעמאָל.

בערל דערציילט איבער די חכמה און אַלע לאַכן.

די באָבע און די מאַמע, און חנה'לע מיט זיי, גייען באַלד אין קיך צו דער אַרבעט, צוצוגרייטן כיבוד פאַר די געסט.

פון דרויסן האָבן זיך דערהערט טריט. ס'איז אַריינגעקומען אידל רייקי'ר מיט זיין בן יחיד. אידל, הויך און דאַר און סטילעוואַטע. זיין גרויסע באָרד איז קורץ און אַזוי שיטער, אַז מען זעט אַרויס די קנייטשן אויף זיינע מאָגערע באַקן. ער האָט אַ דין, הילכיק קול. ער איז דער דאָרפישער חזן. אַז ער דאַווענט פאַרן עמוד, באַוועגן זיך זיינע באָז־לאַפּן... ער וויל אַלץ וויסן. ער אַליין דערציילט זעלטן. ער פרעגט נאָר. אַלע אין דאָרף, סיי די יידן, סיי די קריסטן, האַלטן אים פאַר אַן ערליכן.

זיין בן יחיד, נעשקע, מיט אַ קאָפּ געדיכטע, קוטשעראַווע, טונקל־ברוינע האָר און בלויע, קליינע מיידלשע אויגן. ער פוצט זיך ווי אַ פּאַניטש און לייענט אַסך רוסישע און לשון קודש'דיקע ביכלעך.

פאָטער און זון קומען אַריין, זאָגן גוט יום טוב, זעצן זיך צום טיש און איידער אידל הויבט זיך אָן נאָכצופרעגן, קומט אָן בערל מיט

זיין בן יחיד. בערלס פּנים איז רויט, אָבער די באָרד געלבלעך און די געלבליכקייט איז אים אַריין אין די קליינע, וואָסערדיקע אויגן. דער בן יחיד האַלט זיך אין איין חכמה'נען און מען רופט אים, מה נשתנה.

נאָכדעם איז אַריינגעקומען דער פּערטער דאָרפסייד ר' נחמיה מיט זיינע צוויי זין. נחמיה איז דער צווייטער חזן אין רייקי. ער אַליין קאָן יאָ אין די קליינע אות'עלעך, נאָר זיינע זין האָט ער קיינמאָל ניט געלערנט. ער איז דער גרעסטער אָרעמאַן אין דאָרף. מען פאַרגייט זיך מיט אים ניט, נאָר דאַווענען מוז מען שוין מיט אים איניינעם, ווייל עס פעלן אויס יידן צו אַ מנין.

דער עלטערער זון נחמיה'ס, ברוך, אַן אויסגעדינטער סאָלדאַט, האָט זיך פון זיך אַליין — אויסגעלערנט לייענען און שרייבן אַפילו רוסיש . . . דער אינגערער, שיקע, קאָן זיין נאָמען ניט חתמ'נען.ביידע ברידער פאַרדינען אויף זיך און זייערע קליידער שטייען זיי ניט אָפּ פון די מיוחס'דיקע קרעטשמאַרעס. ברוך איז אַ באַרעדעוודיקער און ער ווייסט טאַקי, וואָס ער רעדט אויך. ער האָט אַלעמאָל עפּעס צו דערציילן. אויך איצט, ווען ער איז אַריינגעקומען, אַן אויסגעפּוצטער, אַ געגאָלטער און די שיינע, בלאָנדע וואָנצעס פאַרדרייט אַרויף, איז ער געוואָרן דער ראש המדברים . . . אַפילו דער שטאָט־ישער קאָרישקע האָט זיך צו אים צוגעהערט. אָבער — זאָל דער יום טוב אַריבער, האָט אים קיינער מער ניט אין זינען, ניט אים, ניט זיין ברודער, ניט דעם אָרעמען נחמיה'ן. ווען די פּויערים רופן 'נאַפּעמאַ', מחמת אַ 'כעס' רעדן זיי אַרויס ווי אַ פּיי און — פאַר־קערט . . . אָט איז ביים וואָקזאַל, צוויי ווערסט פון דאַנען דאָ אַ ייד, כאַצקל, רופן אים די פּויערים: „פאַצקעל".

אין מיטן געשפּרעך פון די מאַנסבלען איז פון דער קיך אַריינ־געקומען שייעכע און דערמאָנט, אַז ס'איז שוין צייט צו דאַווענען. אין קיך זיינען שוין אויך געווען די קרעטשמאַרקעס און די נחמיה'כע. די באַלעבאַטים זיינען אַרויס אין דער גרויסער דירה און די סטאָלאָווע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ווייבערשער שול.

נאָכן דאַווענען זיינען אַלע דאָ פאַרבליבן אויף קידוש.

די כאַקיליאָווע מיט דער שוויגער האָבן אָנגעהויבן אַריינצו־ברייגען פון דער קיך און אָנשטעלן אויפן גרויסן ווייס-געדעקטן

טיש: קאַרענעם לעקעך, טאָרט, האָלעפּציעס, טונקל־ברוינע קראַפּן, געטונקענע אין האָניק...

דער עולם האָט געגעסן, געטרונקען לחיים, זיך איינער דעם אַנ־דערן געווינטשעוועט אַלדאָס גוטס און אַלע האָבן באַזונדער געטרונקען לחיים צום בר מצוה־בחור, שמעונ׳ען. מען האָט שוין געוואוסט, אַז ער גייט אַוועק אויפן גאַנצן ווינטער אין דאָרף אַטשערעטניע. ער, שמעון קאַנאַריק, דאָס היימישע אינגל, וואָס איז דאָ געווען אַ פּאַני בראַט מיט שקצים און שיקסלעך, דאַרף אַצינד ווערן אַ מענטש.

שמעון איז געזעסן לעבן טאַטן, וואָס איז פון דער עקאָנאָמיע אַריין צום דאַוונען שוין נאָך מוסף. דער זון האָט שוין געהאַט אויס־געטרונקען דריי פולע גלעזלעך וווישניאַק און אַ האַלב גלעזל זיבנ־אונפופציקער ספּירט. ער האָט געפילט, ווי אין זיין קאָפּ האָט זיך געזאַמלט אַ שיכור׳ער דאַמף און זיך געשפּאַרט דורך די אויגן אַרויס. דער דאַמף האָט זיך געשפּרייט איבערן צימער און די פּנים׳ער פון די מענטשן האָבן זיך אין אים געוויגט. און זייערע שטימען האָבן געקלונגען ווי פון וויטן און געגרייצט צו געלעכטער. שמעון האָט גע־פינטלט מיט די אויגן און דער נעפּל האָט זיך צעזייט... די מענטשן פון וויטן זיינען ווידער געווען לעבן אים, מיט אים... ער האָט זיך אָנגעשטרענגט, ווי ער האָט זיך געוואָלט עפּעס דערמאָנען. ער האָט צוגעמאַכט די אויגן און דורך די אַראָפּגעלאָזטע אויגן־לעפּלעך דערזען אַן אויסגעשטערנטן הימל, אַ פייערל אין פינסטערן פעלד... יאַוודאָכע קרעכצט אונטערן שווערן זאַק היטשקע און וויינט: ׳באָזשע מי!...׳ און מאַרטשוק מיט דער נאַהייקע... ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן ביים טיכל אויף דער איבערגעבונדענער באַק... ער האָט געעפנט די אויגן. עמיצנס אַ האַנט האָט זיך געשטרעקט צו אים.

— לחיים...

ער האָט ניט געקוקט, וועמענס האַנט דאָס איז. ער האָט די האַנט געדרוקט און טראַציק געענטפערט:

— לחיים טובים ולשלום. ער האָט שקאַצעוואַטע געקוקט בערל קאַרעשקען אין די אויגן און געווינטשעוועט:

—...אַז מיר זאָלן אַלע זיין גראַפן... גראַפן! — האָט ער שיכור אויסגערופן און שיעור געמאַכט אַ רוסישן מי שברך...

ס׳איז געוואָרן שפּעט נאָך מיטיק. פאַר מנחה האָט מען באַדאַרפט אַריינכאַפּן נאָך אַ קידוש און מען האָט אויף דער איינלאַדונג פון בערל׳ען באַשלאָסן צו גייען אין קרעטשמע. דער עולם האָט זיך אויפ־געהויבן. בערל קאַרעשקע איז שוין געווען גוט שיכור. זיין קליין

בלייך פנים איז איצט געווען גלאַנציק־רויט און די אַלעמאָל שטילע, ווי איבערגעשראָקענע אויגן האָבן עזות׳דיק געקוקט אַרום זיך. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און עס האָט אויסגעזען, ווי ער ווייסט ניט וואָס צו טאָן: שטעלן אַ טריט, צו זעצן זיך...ער האָט געשטעלט אַ טריט און איז שיעור געפאַלן...ער האָט זיך געוואָלט אָפּשטעלן און — ניט געקאָנט . . . האָט ער זיך געלאָזט לויפן . . . ער האָט דערביי צושפּרייט די הענט און עס איז אויסגעקומען, ווי ער לאָזט זיך אַ טענצל.

ברוך נחמיה׳ס האָט אַ ווונק געטאָן צו די מאַנסבלען און אויס־געזונגען אַ פּויערשן האָפּאַק. אָנגעהויבן האָט ער אים אויף יידיש מיט עטלעכע לאַנגע צעצויגענע קרעכצן:

אוי אוי אוי אוי אוי

און גלייך אונטערגעכאַפּט:

יאַם טידלדי טידלדי טידלדי
טידל דאָס באָם באָם!

קאָרעשקע האָט זיך אָפּגעשטעלט און זיך וואוליונגעריש אַרומ־געקוקט. ער האָט באַטראַכט דעם עולם בייז און דראָענדיק, איז אַרויס אין דרויסן און זיך געלאָזט טאַנצן.

דער גאַנצער עולם איז אים נאָכגעגאַנגען.

שמעון איז צוגעלאָפן צום טויער און אים לייכט געעפנט אין דער גאַנצער ברייט. נאָכדעם איז ער אַריינגעלאָפן אין שטוב, אַ כאַפּ געטאָן די גרויסע מעשענע טאַץ, אויף וועלכער עס זיינען נאָך געבליבן שטייען אַ פּאָר ניט דערטרונקענע גלעזלעך ווישניאַק. די גלעזלעך זיינען זיך צעפאַלן מיט אַ קלונג. ער האָט געכאַפּט אַ גאָפּל און אַ זעץ געטאָן אין דער טאַץ. דאָס מעש האָט אַרויסגעלאָזט אַ העלן קלאַנג. ווידער אַ זעץ איבערן מעש — און שמעון איז ווי אַ לאַשיק אַרויס פון דער שטוב און אָנגעיאָגט די שמחת תורה יידן און ווייבער. מיט אַ ווילדן, האַסטיקן פּויקערײ איז ער אַריין צווישן עולם.

הינטן זיינען געגאַנגען די באַלעבאַטים מיט צעהיצטע פּנימער און געזונגען דעם האָפּאַק. ברוך האָט מיט זיי אָנגעפירט. ער האָט אויך געזונגען און צוגעפּליעסקעט מיט זיינע גרויסע הענט...ער האָט געוואונקען, זיי זאָלן אויך פּליעסקען. דער עולם האָט אים געפאָלגט. שמעונ׳ס פּויקן אין דער טאַץ האָט נאָך מער אויפגערייצט די דאָרפס־יידן, אַזוי אַז דער חשוב׳ער בערל רייקיר אַליין האָט זיך שוין אויך געלאָזט טאַנצן. ער האָט צעשפּרייט זיינע לאַנגע הענט, זיי אַ הויב אויף געטאָן אין דער הויך, אַ פאַרשייטן פּליעסק געטאָן איין מאָל און

צווי מאָל און אַוועק מיט לייכטע, טאַנצנדיקע טריט אַקעגן קאָרעשקע׳ן, וועלכער האָט ווילד געטאַנצט מיטן פּנים צו די באַלעבאַטים.

דער קליינינקער קאָרעשקע האָט האַסטיק געוואָרפן אין דער לופטן מיט די דריבנע פיס און זיין אַלטע, שוואַרצע, גרין־געוואָרענע קאַפּאָטע האָט זיך אַזוי צעפּאַכעט, אַז זי איז אים אַרויף אויפן קאָפּ... דער לאַנגער שפּאַלט אירער פון הינטען, איז אים איצט געווען אויפן שטערן, איבער די שכורע אויגן און די גראָבע, ברוינליכע ציצית פונם שווערן טלית קטן, האָבן זיך ווילד געוויגט אין אַלע זייטן.

קאָרעשקע האָט געטאַנצט צוריקצעוועגס און דער בכבודיקער בערל רייקיר — האָט אים אָנגעיאָגט, אָנגעיאָגט און ווי ניט געקענט דעריאָגן.

אין שמחת תורה׳דיקן אינדרויסן איז געווען שטיל, וואַרעם און לויטער. כמעט אַלע פּויערים זיינען איצט געווען אין פעלד און געגראָבן בוריקעס, נאָר זויג־קינדער און די וואָס זיינען זיי געבליבן ניאַנטשען, זיינען אַצינד געווען אין דאָרף. קליינע שיקסלעך, ווי קליינע מאַמעס זיינען מיט די קינדער אויף די הענט געלאָפן צו די טויערן און געקוקט אויף די טאַנצנדיקע יידן.

קאַפּיטל עלף

ס'איז געווען אַ קילער, וואָלקנדיקער פֿאַרנאַכט, באַלד נאָכן יידישן יום טוב וואָס אויף יידיש הייסט ער סוכות און אויף רייקיר לשון — 'קוטשקי.'

איבער דעם, וואָס די פּויערים האָבן אַ גאַנצן טאָג געגראָבן בוריקעס, אויפֿן פּריצישן פֿעלד, איז מען פֿאַרנאַכט געווען מיד און איבערגעפֿרוירן. מען האָט זיך געקוויקט מיט די הייסע מאַכלים, וואָס האָבן אַ גאַנצן טאָג 'געפּריעט' אין די פֿאַרמאַכטע אויוונס, און מען איז באַלד נאָך וועטשערע געגאַנגען שלאָפֿן. שמעונ'ס קריסטלעכע פֿריינט האָבן זיך אָבער, ווי געוויינלעך, אויך היינט פֿאַרנאַכט פֿאַרזאַמלט ביי וואַסקע סאַנדראַצקע'ס אויף דער ספּריזבע. מ'האָט פֿריר געזונגען אַ פּאָר לידער, די אינגלעך באַזונדער און די מיידלעך באַזונדער און נאָכדעם — אַלע אינאיינעם אין כאָר. לאַנג זיצן אויף איין אָרט איז געווען קאַלט, אַהיים האָט זיך ניט געגלוסט צו גייען. יאַוודאָכע האָט זיך געשאַרט, צו וועמען ס'האָט זיך געמאַכט, אַבי מען זאָל איר ניט אויפֿוואַרפֿן דעם יידן. זי איז געזעסן לעבן ליאַכישן טאַנאַסקאָן.

זי האָט אַ גענעץ געטאָן און איבערגע'צלמ'ט דאָס מויל.

— אַך, מאַמוניו, ווי ס'ווילט זיך שלאָפֿן! האָט זי שטיל געזאָגט.

נאָך איר האָט סאָלאָמיע געגענעצט, נאָכדעם די קליינינקע סאָלאָוועטקע און נאָך איר — שוין אַלע קינדער איין מאָל און נאָכאַמאָל.

— דאַרף מען, הייסט עס, גייען אַהיים — האָט דיניס מיט אַ פֿאַרשלאָפֿענעם, באַלעבאַטישן קרעכץ אומצופֿרידן געזאָגט.

אקסאנע וואָוטשאַק האָט זיך אויפֿגעהויבן און פֿון ווייטיק אויסגערופֿן:

— אָט טוט ווײ, פֿאַרברענט זאָל ער ווערן! זי האָט ניט אָנגערופֿן קיין נאָמען, אָבער אַלע קינדער האָבן געוואוסט, אַז זי מיינט מאַרטשוק'ן. אַזאַ קישקע, ווי ס'איז ביי שמעונ'ען אויפֿגעלאָפֿן אויפֿן פּנים, האָט אָקסאַנע געהאַט אויפֿן פֿוס. פֿון יענעם שרעקלעכן אָוונט איז שוין אַ האַלבע וואָך אַריבער, אָבער דער ווייטיק אין פֿוס האָט זיך

ניט געשטילט. און קאַלעניק'ס שטערן איז נאָך אויך געווען פאַר־שוואָלן:

— סיידן איכ'ל ניט אויסוואַקסן — אָבער אַז איכ'ל ווערן אַ גרוי־סער — ער האָט צענומען זיינע קליינע, מאָגערע הענט — וועל איך אים אָט אזוי אַ — האָט ער געוויזן, ווי מאַרטשוק וואָלט ביי אים אין האַנט געלעגן — ער האָט פאַרקוועטשט אַלע פינף פינגער אין אַ קליי־נעם פויסט און פאַרענדיקט: — אַ קוועטש און אַ קוועטש, און זיין פאַרשיווע, פאַרקויפטע נשמה אויסקוועטשן, ווי אַ קערל פון אַ וויינשל! . . .

טימקאָ מיט די קלויסטער אויגן האָט דערויף אַזוי געזאָגט:

— און אַז איך וועל אויסוואַקסן, וועל איך האָבן אַזאַ שטאַרקע האַנט, ווי מיין באַטקאָ. וועל איך קומען צו מאַרטשוק'ן און אים געבן אַ זעץ און אַ זעץ און סע וועט זיין נאָך אים.

— נאַראַנים — האָט דיניס זיך אָנגערופן — ביז איר וועט אויס־וואַקסן, וועלן שוין מאַרטשוק'ן ווערעמלעך עסן. ווען איר ווילט מיך פאָלגן, כלאָפּצי, וואָלטן מיר אים שוין באַדאַרפט עפּעס אָפּטאָן אַזוי, אַז ער זאָל האָבן אונז צו געדיינקען! . . .

— וואָס וועסטו אים טאָן? — האָט אָקסאַנע וואָוטשאַק מיט אַ וויינענדיק קול געפרעגט און זיך צוריק געזעצט אויף דער קאַלטער ספּריזבע.

דיניס האָט סודות'דיק אַ וואונק געטאָן, אַז אַלע זאָלן זיך צו אים צובויגן.

מ'האָט זיך אַרומגעשטעלט אַרום אים, זיך צוגעבויגן און דיניס האָט געזאָגט:

— איצט ווערט קאַלט. ער ליגט דאָרט אין זיין קורין, ווי אַ הונט אַ פאַרשאָלטענער. מיר וועלן אים אַרויסנאַרן פון דער שטרוי־ענער קאָנורע זיינער, און אונטערלעגן אַ שוועבעלע . . .

— דאָס איז אַ געדאַנק! — האָט קאַלעניק באַגייסטערט אויס־גערופן אויף אַ קול. דיניס האָט אים געגעבן אַ זעץ איבערן פּנים. קאַלען איז שיעור געפאַלן. דיניס האָט אים אָנגעכאַפּט פאַרן גראַבן לייוונטענעם העמד, קאַלין האָט זיך אין שרעק געוויגט.

— דו שוטה! — האָט דיניס אים געוואָרנט — דאַרפסט זיין שטיל ווי אַן אַלטע פאָסטעלע און אַפילו קיין סקריפּע ניט טאָן!

— טאָזש טאַק — האָט טימקאָ גערעכט געגעבן דיניס'ן. אַפילו דער געשלאָגענער האָט איינגעזען, אַז ער איז אומגערעכט און ער האָט מיט קיין וואָרט ניט דערווידערט.

חברה האָט אָפּגערעדט גייען רופן שמעונ׳ען, און נאָך הײנט, און טאָקי באַלד גייען אַלע אינײנעם און אָנלערנען דעם שלעכטן פּריצ׳ישן דינער, דעם אַלטן מאַרטשוקן.

— הײדאַ ! — האָט דיניס געדופן און אַלע האָבן זיך געלאָזט צו כײקלס קרעטשמע.

נאָר צוויי פּענסטער פון דער אַלטער יידישער הויז זײנען געווען שוואַך און וואַכעדיק באַלויכטן. קיין יידישע מאַכלים האָבן מער ניט פאַרשמעקט דעם דרויסן. די חברה האָט זיך אויסגעשטעלט ביים ריוו, אונטערן גאָרטן. דיניס איז אַוועק צום טויער און גערופן : ׳קאַנאַריק ! ׳

קאַנאַריק האָט זיך ניט אָנגערופן.

— קאַ־נאַ־ריי ! ! — האָט דיניס ווידער גערופן אַזוי הויך, אַז אַ ווידערקול האָט אָפּגעקלונגען אין קלויסטער און אין פּריצ׳ישן וועלדל.

פון דער קרעטשמע איז אַרויסגעקומען שייע.

— וואָס ווילסטו ? — האָט ער שטרענג געפרעגט דיניס׳ן.

— וואו איז שימקאָ ? האָט דיניס געענטפערט מיט אַ פראַגע.

— שימקאָ ? — האָט שייע איבערגעפרעגט — שימקאָ איז שוין מער ניטאָ אין רייקי.

דיניס האָט מבולבל איבערגעפרעגט :

— וואו איז ער אַהינגעקומען ?

— ניטאָ, ניטאָ מער שמעון ! — האָט שייע בייז געזאָגט און מער מיט דיניס׳ן ניט געוואָלט רעדן.

דיניס איז אַוועק צו דער חברה און זיי געזאָגט :

— שמעון איז שוין מער ניטאָ אין רייקי.

— ווער האָט דיר געזאָגט ? — האָט יאַוודאָכע געפרעגט.

— דער אַלטער ייד, זיין זיידע.

— ער לייקנט — האָט טאַנאַסקאָ זיך בייז אָנגערופן און זיך גע־לאָזט צו כײקלס קרעטשמע.

שפּעטער האָבן די קינדער געהערט, ווי טאַנאַסקאָ רופט שמעונ׳ען. נאָכדעם איז שטיל געוואָרן. באַלד איז טאַנאַסקאָ צוריקגעקומען און ווי צו זיך אַליין גערעדט :

— ער רופט זיך ניט אָן.

אַלע האָבן געשוויגן, נאָר דיניס האָט מונטער געזאָגט :

— מיר׳ן זיך באַגיין אָן אים... קומט !... איר וועט זיך אַלע פאַרזעצן לעבן דער ריטשקע און איך וועל זיך פאַר׳גנב׳ענען צו אַ

מירניציע בוריקעס, לעבן קורין. ער וועט מיך דערזען און מיר אָנ־הויבן נאָכלויפן, און — עמיצער פון אייך — טשירק אַ שוועבעלע — און גלייך אין דער שטרוי . . . מאַרש!

זיי האָבן זיך אַלע געלאָזט באַרג אַרויף, צום פעלד. ביים צווייטן עק פונם ייִדישן גאָרטן האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט. דער גרויסער גאָרטן איז געווען שטיל און טונקל.

— שימקאָ! — האָט דיניס געגרופן זיין חבר, וואָס פלעגט זיך אָפט באַווייזן פון צווישן די ווײַנשל־בוימער — שימקאָ!! 'שימקאָ' — האָט אַ צווייטער גערופן, אָבער שמעון איז דאָס מאָל ניט אַרויס־געקומען און די קינדער זיינען ווייטער אַוועק.

ביז זיי זיינען צוגעקומען צו דער שמאָלער טאַסמע, אין פעלד, איז געוואָרן אַזוי פינסטער, אַז זיי האָבן קוים איינער דעם צווייטן אָנגעזען.

אַ שטילער, אָבער אַ קאַלטער ווינט האָט זיי אָנגעיאָגט, אַריבער־געיאָגט און געטריבן די פינסטערניש פונם ברייטן פעלד אין טאָל אַריין.

מ'איז אַרונטערגעקומען צו דער ריטשקע. זי איז געווען שטיל און קאַלט. דיניס איז זי אַריבערגעשפרונגען און אַוועק צום קורין.

קאַלען האָט געזאָגט:

— כאָטש ער האָט מיר געגעבן אין דער מאָרדע אַריין, אָבער אַ מאָלאָדיעץ איז ער . . . אַז איכל אויסוואַקסן, וועל איך אויך זיין אַ קאָזאַק.

— וועסט אויסוואַקסן — האָט אים טימקאָ געטרייסט — ווען אויף מיין צונג וועלן האָר שפּראָצן.

— איך וועל נאָך זיין העכער פון דיר — האָט קאַלעניק זיך גע־בריה'ט.

— שוויג! — האָט טימקאָ בייז באַפוילן און צוגעשטעלט זיין קליינעם, האַרטן פויסט צו קאַלענ'ס קורצן נעזל.

— שווייגט בעסער ביידע — האָט יאַוודאָכע געראָטן — לאָמיר זיך איינהערן. די קינדער האָבן זי געפאָלגט.

אַ ווײַלע איז געווען שטיל. אין דער ריטשקע האָט אַן איינציקע זשאַבע זיך אָנגערופן מיט אַ שוואַכן קוואַקן און ס'איז באַלד נאָכדעם, דאַכט זיך, נאָך שטילער געוואָרן ווי פריער. אונטן האָט זיך געשוואַרצט דאָס לײַדיקע, אָפּגעשניטענע ווייצנפעלד און אַקעגן, באַרג אַרויף, האָבן זיך אין דער פינסטער קוים־קוים געזען די בערגלעך בוריקעס איינ־

געדעקט מיט ערד. ווען מען האָט לאַנג געקוקט אויף זיי, האָבן זיי זיך ווי באַוועגט, שווימענדיק באַרג אַרויף.

ס'האָבן זיך באַלד דערהערט לויפנדיקע טריט. די קינדער האָבן זיך צונויפגעשלאָגן און גלייך זיך אָפּגעריסן צום אַנטלויפן, אָבער דאָ האָבן זיי דערהערט דיניס'ן שטיל פייפן.

ער איז צוגעקומען און געזאָגט, אַז ער איז שוין געווען לעבן קורין, ער האָט זיך שיעור מיט מאַרטשוק'ן באַגעגנט... דיניס האָט דערציילט אַ גאַנצע מעשה, אָבער אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז ער האָט פשוט ניט געוואָגט אַפּצוטאָן דאָס וואָס אַלע האָבן געוואָלט... ער האָט דאָך אָבער געוואָגט און די קינדער האָבן זיך ניט דערוועגט צו רעדן אים אַקעגן.

אויף מאָרגן איז געווען רעגנדיק און ערשט אויפן דריטן טאָג נאָכדעם האָט זיך אונדזער חברה פאַרזאַמלט לעבן ריוו פון כייקלס גאָרטן און דיניס איז געגאַנגען רופן שמעון'ען...

אָבער שמעון האָט זיך טאַקי מער ניט אָנגערופן.

זיינען די קינדער אַוועק אין פעלד און, ווי איינגעכטן, האָבן זיי אויך היינט זיך פאַרזעצט ביי דער ריטשקע און דיניס איז אַוועק באַרג אַרויף. די אונטערציגדער האָבן באַדאַרפט צוקומען צום קורין, ווען זיי וועלן דערהערן מאַרטשוק'ן לויפן נאָך דיניס'ן.

דיניס האָט זיך אויך איצט געשראָקן, אָבער ער האָט גע'פּועל'ט היינט אָפּטאָן דאָס שפּיצל, ווי עס פּאַסט פאַרן שטאַרקסטן פון אַלע קינדער. דער וועג צווישן די פינסטערע בערגלעך בוריקעס איז געווען באַקאַנט. ער איז געגאַנגען באַרג אַרויף אָן אָפּשטעל, אַרום אים האָבן זיך אַרומגעשטעלט די שוואַרצע בערגלדיקע מירנעציעס. ווייטער, ווייטער — און אָט וועט ער זיין דאָרט וואו ער דאַרף. ער האָט זיך בלויז איין מאָל אָפּגעשטעלט, זיך איינגעהערט און ווייטער געגאַנגען.

אויפן וואָלקנדיקן הימל האָט זיך אַ שטערן דורכגעריסן און שוואַך, אָבער היימיש געפינטלט. אַ צווייטער שטערן האָט זיך געוויזן, אָבער דער וואָלקן האָט זיי ביידן אויסגעלאָשן.

דיניס האָט נאָך דעם קורין ניט געזען, ער האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז ער איז שוין ניט ווייט פונם ציל. נענטער צוקומען צו מאַרטשוק'ן האָט זיך ניט געלוינט. דיניס האָט אָנגעהויבן שאַרן די האַרט־געוואָרענע ערד אויף אַ מירנעציע, אָבער מאַרטשוק האָט זיך

ניט אָנגערופן. האָט דיניס אַ וואָרף געטאָן אַ שטיק פּאַרטריקנטע ערד צום קורין... שטיל. דיניס'ן האָט שוין באַנג געטאָן, וואָס ער האָט ניט געבראַכט מיט זיך קיין זאַק. געקאָנט געווען אָפּטאָן צוויי אַרבעט מיט איין מאָל... „אפשר איז גאָר מאַרטשוק אין קורין ניטאָ?" אויף צו זיין זיכער אין דעם, איז ער ווייטער געגאַנגען, ביז ער האָט דערזען מאַרטשוק'ס קאָנורע. ער האָט אַ וואָרף געטאָן אַ הרודע האַרטע ערד גלייך אין קורין...

ס'האָט זיך באַלד דערהערט אַ טויבער קלאַפּ און נאָכדעם — אַ הוסטן מיט אַ שעלטן. דיניס האָט אָנגעהויבן אָפּצוטרעטן און צו־להכעיס'דיק אויסגערופן: 'לאָווי, לאָווי!'

— און איכל דיך, אַ רוח אין דיין מאַמען אַריין, כאַפּן! — האָט מאַרטשוק פון דער פינסטער אַרויס געשריגן. עס האָבן זיך באַלד דערהערט זיינע שווערע, לויפנדיקע טריט. מאַרטשוק איז געווען אָנ־געפּעלצט און פאַרשלאָפן, ער האָט זיך אָבער גיך אויסגעניכטערט און ער איז שוין מער ניט געלאָפן, נאָר געשפּרונגען. אַ שווערע שטיק ערד איז געפאַלן לעבן זיינע פיס. מאַרטשוק האָט זיך נאָך ווילדער געלאָזט פאָרויס. געזען האָט ער קיינעם ניט און נאָר געהערט לייכטע, לויפנדיקע טריט... און אַוואַדע האָט ער ניט געזען די וואָס זיינען געווען הינטער אים, און זייערע טריט האָט ער ניט געהערט, ווייל זיי האָבן אַפילו זייערע אָטעמס ניט געהערט.

מאַרטשוק איז געלאָפן, געלאָפן, ביז ער האָט דערפילט אַ ציטער־ניש אין די אַלטע קני און, אין בויך האָט זיך ביי אים עפּעס ווי אָפּ־געריסן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, זיך איינגעהערט. דאָס פעלד איז געווען פינסטער און שטיל מיט ניט קיין גוטער שטילקייט. די בערג־לעך בוריקעס האָבן ווי באַוועגליכע אים אַרומגערינגלט און געגאַנגען אַ קיילעכדיקס.

„פריציש גוטס איז הפקר" — האָט מאַרטשוק אין זיך געוויינט. ער האָט מיט פאַראַכטונג באַטראַכט דעם שווערן שטעקן אין זיין האַנט... אַ ביקס, אַ ביקס דאַרף מען האָבן!... ער האָט זיך נאָך לאַנג איינגעקוקט אין דער פינסטער, אַהין, וואוהין די פלינקע טריט זיינען ערשט אַנטלאָפן און אָן כחות גענומען שפּאַנען ווייטער מיט ברייטע, אָנגרייפנדיקע שפּאַן.

ס'האָט אים פאַרשמעקט מיט דאַרף, מחמת ער האָט דערפילט דעם באַקאַנטן ריח פון ברענענדיקער שטרוי. ס'האָט זיך אים דער־מאָנט זיין קליין שטיבל. די אַלטע הייצט דעם אויוון און ער וואַ־רעמט זיך...

מאַרטשוק איז געווען צומישט. ער האָט געוואוסט, אַז פונם דאָרף איז ווייט און דער באַקאַנטער גערוך איז אים דעריבער אויס־געקומען עפּעס ווי אין חלום. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, זיך איבער־גע׳צלמ׳ט און אין שרעק דערפילט, ווי אַ שיין פאַרפאָלגט אים.

ער האָט זיך אומגעקוקט, פון שרעק און דערשטוינונג האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ דערוואָרגענעם קרעכץ.

פון דאָרטן, וואו זיין וואַרעמער קורין איז ערשט מיט אַ ווײַלע צוריק געשטאַנען און אים באַשיצט פון קעלט און רעגן, האָט זיך אַ העלער פלאַם געריסן אין פינסטערן הימל אַרויף. דער פלאַם האָט זיך געשפּרייט אין דער ברייט, געוואַקסן אין דער הויך, נאָכגעיאָגט דעם צעשויבערטן, שוואַרצן רויך און באַשפּריצט אים מיט פונקען.

קאַפּיטל צוועלף

אַ גאַנצע נאַכט האָט דער אַלטער, געטרייער פּריץ'ישער שומר אַרומגעבלאָנקעט צווישן די בערגלעך בוריקעס, ביז ער איז פון מידקייט און פון ניט געשטילטן כעס אַ פאַל געטאָן אויף איינער פון די קאַלטע, האַרטע מירנעציעס — זיך אויף אַ קול אויסגעוויינט און עס איז אים, דאַכט זיך גרינגער געוואָרן. אָבער ווען ער האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזען דאָס טונקעלע, נאַקעטע פעלד, איז עס אים דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן אויסגעקומען פרעמד. פונם פאַרברענטן קורין האָט געצויגן מיטן שאַרפן גערוך פון איבערגעברענטער שטרוי. פון צייט צו צייט האָט זיך אַ פונק געטראָגן צווישן די מירנעציעס. מיטן אָנקומען פונם טאָג האָט זיך אויפגעכאַפּט אַ ווינט. ער האָט געטראָגן אַ זשמוט פונקען אין דער לופטן און זיי געוואָרפן אויף דער קאַלטער ערד. זיי זיינען ניט אַלע מיט איין מאָל אויסגעלאָשן געוואָרן. אייניקע האָבן זיך נאָך געפּרואווט אָנצינדן. זיי האָבן זיך אויפגעהויבן, אַ פלי געטאָן און פאַרשלונגען געוואָרן פון דער קאַלטער, טונקעלער מראה.

מאַרטשוק איז באַלד אַוועק אַהיים, זיך גוט אָנגעגעסן, זיך אַרומגעבונדן מיט אַ לאַנגן שטריק און, איידער ער האָט זיך געלאָזט אין וועג, האָט ער געהאַט אַן איבעררייד מיט דער אַלטער וועגן דעם גרויסן בזיון, וואָס מען האָט אים ביינאַכט אָנגעטאָן. זי האָט אים געראָטן טאָן דאָס, וואָס ער האָט ניט געוואָלט און ניט געקאָנט טאָן: זי האָט גע'טענה'ט, אַז ער מוז באַלד מודיע זיין דעם פּריץ. ער איז אָבער באַשטאַנען, אַז מען דאַרף ניט, מען טאָר ניט מצער זיין דעם אַלטן גראַף מיט נאַרישקייטן, בפרט, אַז ערשט צוריק מיט אַ חודש האָט דער גראַף אים אויסגעבויט דעם קורין אַ נייעם פון פרישער שטרוי און פרישע צווייגן, געבראַכט אין פעלד מיטן פּריץ'ישן פערד און וואָגן... ניין, ניין — ער קאָן ניט, ער טאָר ניט!... ס'איז טאַקי שווער צו טראָגן אַ בונט שטרוי פונם פּריץ'ישן טויק אין פעלד, אַריבער צוויי וויאָרסט... און ערשט נאָכדעם דאַרף מען

קריגן צווייגן, אָבער מאַרטשוק וועט זיך אָנשטרענגען. ער וועט איצט, ווען ס'איז נאָך אַזוי פרי צוקומען צו די גרויסע סטויגן שטרוי און נעמען, וויפל ער באַדאַרף. דער פריץ וועט אפילו ניט זען און שפּעטער וועט ער אָפּשאַצן מאַרטשוק'ס מעשים. ער וועט אָננעמען די גאַנצע שטרוי, וואָס ער דאַרף פאַרן קורין. ער האָט צייט: באַטאָג איז ער דאָך שיעור ניט פריי.

פון די געדאַנקען איז דעם אַלטן געוואָרן לייכטער און ער איז אַוועק צום פריצישן טויק. ער האָט נאָר פאַרגעסן איין זאַך: אין דער צייט, ווען ער איז שיעור ניט פריי באַטאָג, איז אין רייקי דאָ נאָך איינער, וואָס איז פריי באַטאָג און באַנאַכט, וואָס איז פריי זיין גאַנץ לעבן און ער טוט דאָ אין דאַרף, וואָס אים איז ליב... פאַר־שטאַנען האָט עס מאַרטשוק, אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט...

ער איז געגאַנגען צום שייער און פון ווייטן געזען די הויכע סטויגן שטרוי.

אָ, וויפל הייזער וואָלט מען מיט אָט דער שטרוי געקאָנט באַהייצן, וויפל דעכער באַנייען און וויפיל קוריניעס מאַכן!... אָט צו וואָס פריצ'ישע חכמה קאָן דערגרייכן! מאַרטשוק האָט אַלע זיינע יאָרן באַ־וואונדערט די חכמה פון מאַגנאַטן, און איצט, קוקנדיק אויף די לאַנגע, הויכע סטויגן שטרוי, אויף די גרויסע, רונדע סטויגן ווייץ, די הויכע געמויערטע פריצ'ישע געביידעס אין די שייערן און דעם ווייס־גע־פאַרבטן צווייגאָרנדיקן פריצישן הויף מיט די בוימער אַרום, — האָט מאַרטשוק, ווי אַלעמאָל, באַשלאָסן: „אונז, פּויערישע קעפּ איז ניט צום דערטראַכטן זיך צו פריצ'ישער חכמה און צום פריצישן מזל..."

ער איז געגאַנגען צו דער פריצ'ישער שטרוי מיטן גאַנג פון אַן איי־גענעם מענטשן, וועמען קיינער קאָן ניט אָפּשטעלן טאָן וואָס מען דאַרף פאַרן וואוילזיין פונם פריץ און זיינע מענטשן.

און ווען ער איז צוגעקומען צום הויכן סטויג, האָט ער דערפילט, אַזוי ווי ער וואָלט מיט איין מאָל אַ וואַקס געטאָן צוריק. ער האָט אַראָפּגענומען פון זיך דעם שטריק, אים אויסגעצויגן איבער דער ערד, אָנגעהויבן רייסן זשמוטן שטרוי און זיי אויסלייגן איבערן שטריק. קיין קליוטשקע האָט ער ניט געהאַט, און ער האָט די שווערע אַרבעט געמוזט טאָן מיט די היילע הענט. די שטרוי איז געווען ענג צונויפגע־

פרעסט און זיך ניט געלאָזט נעמען, אָבער מאַרטשוק האָט זי דאָך מיט זיינע גענייטע הענט ארויסבאַקומען.

זיין בינטל שטרוי איז געוואָקסן העכער און ברייטער. עס האָט שוין באַלד דעם גאַנצן שטריק פאַרשטעלט און אָט האָט מען שוין קיין שטריק מער ניט אַרויסגעזען, — נאָר שטרוי און שטרוי. מאַר־טשוק אַליין איז אויך געווען ווי איינגעוויקלט אין שטרוי. זי איז געלעגן אויף זיין האַרטער סוויטע ביז דער ערד, אויפן היטל און אין דער באָרד.

ער האָט געשמאַק געאַרבעט און מיט הנאה צוגעקוקט, ווי דער בונט וואַקסט, שוין עטליכע מאָל גרעסער ווי מאַרטשוק. מיט אַ געניט אויג האָט ער באַטראַכט די אָפּגעטאָנענע אַרבעט. נאָכדעם האָט ער זיך אַראָפּגעבויגן, פון אונטער דער שטרוי אַרויסדערלאַנגט איין עק פונם שטריק און — אַ פאַל געטאָן אויפן בונט. ער האָט די שטרוי געפּרעסט אַרונטער און זי האָט אים געוויגט אַרויף ... אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ, מיטן גאַנצן קערפּער אויף דער שטרוי און מיט איין עק שטריק אין דער האַנט ...

די שטרוי האָט נאָכגעגעבן מער און מער. מאַרטשוק האָט זיך אַריבערגעבויגן איבערן געפּאַנגענעם, פאַרפּרעסטן בונט און קוים אויסגעזוכט און דערלאַנגט דעם צווייטן עק פונם שטריק ...

אָ, דאָס איז שוין געווען איינמאָל אַ בינטעלע שטרוי! ...

ער האָט די אַראָפּהענגענדיקע פּאַטלעס שטרוי אַרומגעצופּט, קוים פאַרגעבן די משא זיך אויף די פּלייצעס און זיך געלאָזט אין וויטן וועג אַריין.

דער שווערער בונט שטרוי האָט געשלעפּט מאַרטשוקן צוריק, וויט אַרונטער ... עס איז אויסגעקומען, ווי הינטערן בונט שטרוי גייט עמיצער נאָך און שלעפּט צוריק. מאַרטשוק האָט אים געזידלט, און, שווער הויבנדיק די אַלטע פיס, בויגנדיק זיך מיטן פנים וואָס נידריקער אַרונטער, האָט ער פאַמעלעכן זיך באַוועגט פאָרויס. ער האָט באַדאַרפט דורכגיין פאַרביי די אַלע פריצישע געביידן, דערנאָך, — די צוויי רייען ליפּנבוימער, די לאַנגע בריק, זיך פאַרנעמען לינקס צום באַרג, מיטן באַרג אַרויף צום פעלד, און פון דאָרט הויבט זיך ערשט אָן דער מהלך ...

שווער — שווער, אַבי דעם פריץ פאַרגרינגערט. ווי נאָר ער וועט ברענגען די שטרוי אין פעלד, וועט ער אים ערשט דעמאָלט לאָזן וויסן דעם אומרעכט און דעם שאָדן ... הערשער אין הימעל, געב כחות אָן אַלטן, ערליכן מאַן!

ווי נאָר מאַרטשוק איז אַריין צווישן די ליפּנבוימער, האָט ער דערהערט טריט אים נאָכגייען, פעסטע, כעס'דיקע טריט, נענטער, נענ־טער און באַלד:

— סטאָי! —

דער אַלטער האָט דערפילט, ווי דער בונט שטרוי איז אַראָפּ פון זיינע פּלייצעס. ער האָט זיך אומגעקוקט און אין שרעק דערזען אים אַליין, דעם מאַגנאַט, דעם אַלטן גראַף.

דאָס איז געווען אַן אַלטער, הויכער, שטאַלטנער מאַן, אינגאַנצן דאָס פּנים געגאָלט, אַפילו — אַן וואָנציעס. די אַלטע אויסגעגאָלטע הויט און דער לײדיקער גוידער, וואָס איז אונטער דער בלויליכער גאָמבע אַראָפּגעהאַנגען, האָבן געוויזן, אַז דער גראַף איז גאָר אַן אַנדער מענטש, ווי פון אַן אַנדער שבט, ווייט אָפּגעשיידט פון די מאַרטשוק'עס און זייער גלייכן, אַ דערוויילטער פון גאָט אַליין צו הערשן און אַנצעוואַרפן אַ שרעק מיט אומבאַגרענעצטער מאַכט. באַ־זונדער דין און פיין זיינען געווען די שיטערע גרויע האָר אויפן פּלי־כעוואַטע, לענגלעכדיקן קאָפּ. אַן אַ היטל, די פּאָלעס פונם רייכן פוטער צולאָזט, די בולפּענע שטיוועלאַך איינגעשמירט אין שטויב — האָט דער אַלטער הערשער אויסגעזען ווילד. זיינע גרויע אויגן רויט פון אַנשטרענגונג און איבעראַשונג, די דינע פּריצ'ישע ליפּן האַלב אָפן און אויסגעקרומט.

— אַ טאָ צאָ?! — האָט דער גראַף געפרעגט.

מאַרטשוק האָט אַראָפּגעכאַפּט דאָס היטל פון זיין ווילד־פאַרוואַק־סענעם קאָפּ, איז צו צום באַלעבאָס און געכאַפּט קושן זיין קליינע, דין־אָדערדיקע האַנט.

— פּראָשע פּאַנאַ, פּראָשע פּאַנאַ! — האָט דער שומר געמור־מלט. ער האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן און מער גאָרניט געקאָנט אַרויסברייינגען.

— צאָ טאָ? — האָט דער גראַף ווידער געפרעגט.

מאַרטשוק האָט ניט געקאָנט צוריקקריגן דאָס לשון און אַן אַ זין ווידערהאָלן: 'טעיע טאַיע, טעיע טאַיע ...

— שוין מיינע מענטשן אויך? — האָט דער פּריץ ווי צו זיך אַליין גערעדט.

— וואָס — דער פּרץ איז מאַרטשוקן חושד אין גנבה?!!

דער שומר האָט ווידער געכאַפּט קושן די פּריצ'ישע האַנט. ער האָט דאָס לשון צוריק באַקומען און, וויינענדיק אַן טרערן, שמאָרענ־דיק מיט דער היפּשער נאָז זיך געשוואוירן:

— זאָל איך פאַרברענט ווערן, זאָל זיך אונטער מיר עפענען אַ גרוב און מיך לעבעדיגערהייט איינשלינגען, זאָל אַ דונער אַראָפּ אויף מיר און אויף מיין כאַדאַבע, אויב איך גנב'ע!

דער פריץ האָט בייז אויסגעשפיגן און זיך געלאָזט צוריקגייען, אָבער מאַרטשוק איז אים פאַרלאָפן דעם וועג.

„איסוסע כריסטע, שטאַרק מיך!" — האָט ער זיך ביי גאָט געבעטן.

— פריץ, דערבאַרעם זיך! — האָט ער הויך אויסגערופן און אין זיינע אויגן האָבן זיך געוויזן קליינע טרערן. ער האָט געזען, אַז דער פריץ וויל אים ניט הערן און אָנגעהויבן צו וואָיען מיט אַן הייזעריק, פאַרדומפן קול. דאָס מויל איז אים געוואָרן פול מיט צונג און ער האָט שוין מער קיין וואָרט ניט געקאָנט אַרויסברענגען. ער האָט זיך אָנגעהויבן צו קלאַפּן מיטן פויסט אין ברוסטקאַסטן. פון אָנשטרענגונג עפּעס צו זאָגן, האָט ער געקליפּעט מיט די אויגן און מיטאַמאָל קוים אַרויסגערעדט: 'זאַפּאַלילי!' (פאַרברענט).

— צאַ־אַ? ! — האָט דער פריץ איבערגעפרעגט.

מאַרטשוק האָט שוין ווידער געפונען דאָס לשון:

— קורין זאַפּאַלילי! —

— ווער? — האָט דער פריץ געפרעגט.

— דיאַוואָלי! מארטשוק האָט מיט אַ פאַרצווייפלטן בליק אַ פיר געטאָן איבער די הייזער פון רייקי, אַזוי ווי אַלע, וואָס וואוינען אין יענע קליינע שטיבלעך וואָלטן שולדיק געווען אין דער שרפה.

— ווען? — האָט דער גראַף געפרעגט.

— נעכטן, באַנאַכט! . . .

— שטיי! — האָט דער פריץ אויסגערופן — וואו איז מיין בייטש? וואו איז מיין ביקס? וואו זיינען מיינע פאַרובקעס? . . . מאקאר! — האָט ער גערופן — מאקאר, וואו ביסטו? גיי — האָט ער זיך געווענדט צו מארטשוקן — גיי רוף מאקאר'ן, און זאָל ער שוין שפּאַנען די בריטשקע און זאָל ער מיטנעמען אַ נאהיי און אַ ביקס, און . . . גיי, אַלטער, טו זיך אַ ריר! . . . גיי שוין גיי! . . . גייט אַלע צום טייוולס מאַמען . . . וואשו מאַט! . . .

מאקאר איז געווען דעם פריצ'ס שטענדיקער אָנטרייבער. מארטשוק איז אַוועק אין פערד־שטאַל, דאָרט געפונען דעם שמייסער און אים איבערגעגעבן דעם פריצ'ס באַפעל. זיי זיינעןביידע אַוועק שפּאַנען די פערד.

דאָס בינטל שטרוי האָט דער פּריץ באַפוילן צו פירן אין פעלד אויף אַ סקאַרבאָווע פור און אַליין איז ער מיט מאַרטשוק'ן און מאַקאַר'ן אַוועק אין פעלד, וואו די רייקי'ר האָבן געאַרבעט ביי די בוריקעס.

דער טאָג איז געווען קאַלט, אָבער שטיל. די פערד זיינען שנעל געלאָפן און אין פנים האָט אַ שוואַכער ווינט געבלאָזן.

מען איז אַרויפגעפאָרן אויף דער שמאָלער טאַסמע און דאָ גע־לאָזט שטייען די ברישקע. אַלע דריי זיינען געגאַנגען צום אָרט, וואו דער קורין איז אָפּגעברענט געוואָרן.

דער גרעסטער טייל פונם פעלד איז שוין געווען פאַרשטעלט מיט קאָנוסדיקע בערגלעך בוריקעס, איינגעדעקטע מיט שוואַרצערד און נאָר אַ קליינער טייל בוריקעס איז נאָך ניט געווען אויסגעגראָבן.

פון ווייטן האָבן זיך געזען די פּויערים מיט זייערע ווייבער, יונגוואַרג און אַפילו קינדער. אַלע האָבן זיי געאַרבעט.

דער פּריץ האָט געשפּאַנט צווישן די מירנעציעס, צוגעקומען צו די אַרבעטער און אַפילו ניט געוואונטשן זיי גאָטס הילף. הינטער אים האָט געשפּאַנט מאַקאַר און הינטער מאַקאַר'ן — מאַרטשוק. די פּוי־ערים האָבן זיי נאָכגעקוקט און זיך שטיל, מיט פאַרדאַכט איבערגערעדט. זיי האָבן פאַרשטאַנען דעם מאַגנאַטס כעס און זיי האָבן זיך געשראָקן: מען וועט אויסגעפינען דעם שולדיקן און זיין שטוב פאַרברענען... ווער האָט עס געקאָנט טאָן???...

די שולדיקע זיינען דאָ ניט געווען. זיי זיינען אצינדערט געזעסן אין שקאָלע. היינטיקס יאָר האָבן זיי באַדאַרפט גראַדואירן די דאָרפישע שול, און זיי זיינען דעריבער אַפילו ניט געגאַנגען גראָבן די בוריקעס.

קאַפּיטל דרייצן

דיניס איז אַלע פּאַרנאַכט געלאָפן צו כייקלס קרעטשמע רופן שמעונ'ען, נאָר יענער איז מער ניט אַרויסגעקומען. אַנשטאָט אים איז איינמאָל חנה'לע אַרויס אין הויף און געזאָגט דיניס'ן, ער זאָל מער ניט רופן שמעונ'ען, ווייל ער איז שוין ניטאָ אין רייקי, ער איז אַ לערער אין דאָרף אָטשערעטניע.

נאָך דעם זעלבן אָוונט האָט דיניס איבערגעגעבן די נייעס דער גאַנצער חברה. די קליינוואַרג האָט באַשלאָסן אָנצושרייבן קאַנאַריק'ן אַ בריוו און אים אַלצדינג אַרויסשרייבן, ווי אַזוי און וואָס, און ווען, און מיט אַלע זאַכענישן אַרום און אַרום, ס'זאָל אויסקומען, ווי ער אַליין וואָלט דערביי געווען און מיט זיינע אויגן אַלץ געזען.

שווער איז אָנגעקומען דער בריוו: ניט געווען קיין פּאַפּיר און קיין קאָנווערט, אָבער דיניס האָט דאָס אַלץ דערוויזן... איצט האָט מען באַדאַרפט שרייבן. אַזוי ווי דיניס איז געווען דער שטאַרקסטער און דער פלינקסטער אין דער גאַנצער חברה, האָט מען אים אויסגע־קליבן פאַרן שרייבער.

מען האָט אָפּגעוואַרט ביז זונטיק. דאַמאָלט זיינען זיך אַלע צונויפ־געקומען צו טימקאָ לאַוורע'ס אין קלוניע, מען האָט זיך אויסגעזעצט אויף דער האַרטער ערד... טימקאָ האָט אַריינגעבראַכט אַ ליידיקן עמער און אים איבערגעקערט מיטן מויל אַראָפּ. אויפן דעק האָט ער איבערגעלעגט אַ ברעטל, איז דאָס שוין אויסגעקומען שיעור ניט ווי אַ טיש, ס'איז נאָר שלעכט געווען, וואָס ער האָט זיך געשאָקלט...

דיניס האָט זיך אָוועקגעזעצט ביים עמער, אויסגעשפּרייט דאָס בויגעלע פּאַפּיר איבערן ברעטל, באַלעקט דעם שפּיץ פונם שרייב־פענדל און זיך פאַרמאָסטן.

די קינדער האָבן געקוקט דאָ אויף דיניס' פּנים, דאָ אויפן שרייב־פענדל. זיי האָבן אין דערוואַרטונג געשוויגן.

און דיניס האָט זיך פאַרמאָסטן, פאַרמאָסטן, ביז ער האָט פאַר־צווייפלט געזאָגט אַ רוסיש זידלוואָרט און זיך מודה געווען, אַז סע גייט ניט.

דער קליינינקער קאַלען האָט געגעבן אַן עצה:
— און דו שרייב פונקט ווי ס'איז געווען.
— איך וויל טאַקי אַזוי טאָן — האָט דיניס געזאָגט — אָבער דאָס שרייבפענדל פאָלגט מיך ניט.
טימקאָ איז געפאַלן אויף אַן המצאה:
— לאָמיר איבער'צלמ'ען דעם קאַראַנדאַש. דו, דיניס, האַלט און איך וועל צלמ'ען.
דיניס האָט געהאַלטן דאָס שרייבפענדל און טימקאָ האָט דריי מאָל געזאָגט:
— וואָ אימיא אָטצא אי סינא אי סוויאטאָהאָ דוכא, אמין!
דאָס שרייבפענדל האָט אָבער אַלץ ניט געפאָלגט.
דאַמאָלט האָט יאַוודאָכע פאַרשעמט אַ קוק געטאָן מיט אירע ברוינע אויגן אויפן רויטן קאַראַנדאַש און ניט געוואַגט געזאָגט:
— לאָזט מיך.
די אינגלעך האָבן זיך איבערגעקוקט מיט חידוש און די מייד-לעך — מיט פאַרדראָס. יאַוודאָכע האָט געזאָגט:
— איך האָב שוין עטלעכע מאָל געשריבן צו סאָלדאָטן און מיינע בריוו זיינען אָנגעקומען. און איינער האָט מיר אַפילו אַ צלמ'ל געשיקט אַ מתנה. און די סאָלדאַטקעס געבן מיר צוויי פרישע אייעלעך פאַר יעדן בריוו.
האָט מען שוין יאַוודאָכע'ן איבערגעגעבן דאָס שרייבפענדל. זי האָט פאַרנומען דיניס' אָרט. זי האָט אַרויסגעשטעלט אַ שפּיץ ראָזעווע צינגעל, זיך פאַרטראַכט און איינגעשפּאַרט דעם שפּיץ פון בלייפעדער אין צונג. זי האָט זיך אָבער ניט צעשטאָכן. זי האָט דעם שפּיץ באַלעקט און אַזוי געזאָגט:
— צום אַלעם ערשטן קומט דאָס יאָר, נאָכדעם דער טאָג פונם חודש...
— זי האָט אָנגעשריבן: '1912, דעם זעקסטן נאָיאַבר...' זי האָט זיך ווידער פאַרטראַכט. — וואַרט האָט זי געזאָגט — צוערשט וועל איך שרייבן אַזוי ווי איך האָב זיך אויסגעלערנט שרייבן צו די סאָלדאַטן...
די קינדער האָבן געוואַרט. סאָלאָמיע האָט געזאָגט:
— שמעון איז דאָך ניט קיין סאָלדאַט. אירע קאַלטע אויגן האָבן געקוקט מיט שפּאָט אויף יאַוודאָכע'ן. דיניס האָט שוין געוואָלט אָפּ-נעמען דאָס בליישטיפטל אָבער יאַוודאָכע האָט זיך ניט געלאָזט און זי האָט דעם בריוו אָנגעהויבן מיט רוסישע גראַמען:

'בירן פיערא רוקי
פישו פיסמא סא סקוק...'
/איך נעם די פען אין האַנט
און שרייב אַ בריוו פון ביינקשאַפט./
שוועב, שוועב, מיין בויגעלע,
אויפן וויטן מזרח,
איבער ימים טיפע,
איבער ברייטע פעלדער,
איבער געדיכטע וועלדער,
איבער צושאָטענע זאַמדן...'
אין דעם נוסח איז די מגילה געגאַנגען ווייטער.

יאוודאָכע האָט די גראַמען פאַרגעלייענט און עס האָט אויסגע־נומען. כאָטש אָטשערעטניע האָט זיך ניט געפונען אויפן וויטן מזרח, אָבער קיינער פון די צוהערער האָט דעם פעלער ניט באַמערקט און זיי האָבן אַלע געלויבט די שרייבערן. אַ דערמוטיקטע הגם אַביסל אַ שעמעוודיקע האָט יאוודאָכע ווידער גענומען דאָס קאַראַנדאַשל אין איר מזל'דיקער האַנט און אָנגעהויבן צו באַשרייבן אַלע פּאַסירונגען, וואָס זיינען זיך אין רייקי פאַרלאָפן פון יענעם טאָג אָן, וואָס שמעון איז פון דאַנען אַוועק.

יאוודאָכע האָט געשריבן און אַלע זיינען געזעסן אַרום איר און געשוויגן. ס'איז דאַ געווען שטיל און טונקל. אויפן דאָרף האָבן פּאַ־רובקעס געזונגען, ערגעץ האָבן מיידלעך געלאַכט און ביי לאוורע'ס שכנה, מארטאָכע דער אַמעריקאַנקע איז, ווייזט אויס, געווען אַ הו־ליאַנקע: פון איר שטיבל האָבן זיך אַהער געטראָגן שכור'ע אוכקע־רייען פון פויערים און פויערטעס. ווען דער מאַן אירער איז געווען אין דער היים, האָט מארטאָכע אויף קיין פרעמדן מאַנסבל ניט געקוקט, און אַבי ער איז נאָר אַוועק קיין אַמעריקע, האָט זי זיך אָנגעהויבן אָנטאָן שיין, זיך שמירן דאָס פויערישע פּנים מיט שטאָטישע זאַלבן און פראַווען הוליאַנקעס.

— האָפּ, האָפּ! — האָט אַ מענערש קול זיך געריסן אַהער. זיין 'האָפּ' איז אונטערגעהאַלטן געוואָרן פון אַ דין קוויטשיקל און די קינ־דער האָבן אין דעם דערקאַנט מארטאָכעס קול. זיי האָבן אויך דערקאַנט די שטימען פון אַנדערע פריילעכע ווייבלעך, וואָס האָבן איצט, שכורע, געזונגען און זיך איינע די צווייטע איבערגעשריען. קאַלעניקס מוטער

איז אויך געווען צווישן די שכור'ע זינגערקעס, און ער האָט זיך זייער געשעמט. מען האָט וועגן זיין מאַמען דערציילט זייער ניט קיין שיינע זאַכן. דערצו איז נאָך זיין טאַטע, דער הוסטענדיקער קורניי — געווען אין דער היים און אַלע לייט האָבן געלאַכט פון אים.

אָבער יאַוודאָכע האָט איצט, דאַכט זיך, גאַרניט געהערט. זי האָט משמעות קיינעם אַרום זיך ניט געזען. די ברוינע אויגן אירע האָבן הייס געקוקט אויפן פּאַפּיר, אַרונטער. אויף די צוגעברוינטע באַקן, אַ סימן פון די זומערדיקע היצן, האָט אַ פּאַרב אַרויסגעשלאָגן און דאָס שרייבפעדל איז געלאָפן פון שורה צו שורה, אַראָפּ און אַראָפּ, — און קליינינקע, שטאַלטנע אותיות האָבן זיך פריילעכע אויסגעשטעלט איבער דער גאַנצער לענג און ברייט פונם בויגעלע פּאַפּיר. דאָס בויגעלע האָט געהאַט פיר זייטלעך, האָט זי יאַוודאָכע פּאַרפּולט און איבערפּולט, אַפילו די פרייע ברעגעס, וואָס איבער די ווירעס און הינטער די ווירעס, נאָר דאָך פאַר די גרויסן געלאָזט באַצייטנס עטלעכע פרייע שורות... זי האָט דעם בריוו פאַרגעלייענט:

'... און אַט, קאַנאַריק, ביסטו פון אונז אַוועק אין אַ פרעמד דאָרף אַריין, און דו ווייסט גאָרניט, וואָס ביי אונז טוט זיך. מיר זיצן אַלע ביי טימקאָ'ן אין קלוניע און מיר שרייבן דיר אַ בריוו און מיר האָבן מורא, אַז קיינער זאָל אונז ניט דערזען און אונזערע געדאַנקען ניט איבערלייענען. מיר וואָלטן דאַמאָלט געווען פאַרפאַלענע, מיר און אונזערע עלטערן און אונזערע הייזער און קלוניעס און די כאַדאָבע.

„און איך שרייב דיר טאַקי, נאָך איידער איך דערצייל דיר אַלע זאַכענישן, וואָס איך וויל דיר דערציילן, אַז דו זאָלסט דעם בריוו ניט האַלטן ביי זיך קיין איין שעה און קיין איין מינוט און קיין איין סעקונדע,—נאָר אים גלייך פאַרברענען. פונם פּאַפּיר וועט ווערן אַש, אָבער מיינע געדאַנקען וועלן ניט פאַרברענט ווערן און דו וועסט אַלץ וויסן ווי אַזוי און וואָס און ווען און מיט אַלע זאַכענישן אַרום און אַרום, אַט פונקט ווי דו אַליין וואָלסט דערביי געווען און מיט דיינע אויגן אַלצדינג געזען.

'צוערשט האָבן מיר גענומען נקמה פונם דושעהובעץ מאַרטשוק. ער איז צוויי נעכט געשלאָפן אין הוילן, פוסטן פעלד. מיר האָבן זיין קורין פאַרברענט. איצט האָט ער שוין אַ נייעם, אָבער צוויי נעכט האָט ער זיך געוואַלגערט, ווי אַ הונט אַ פאַרשאַלטענער... נאָכדעם איז דער פריץ געלאָפן אין פעלד אַריין זוכן שולדיקע צווישן אונדזערע לייט... נאָכדעם האָט ער אַראָפּגעבראַכט דעם סטראַזשניק

פונם וואָלאָסט... מען האָט גערופן אַ סכאָדקע און דער סטראַזשניק האָט באַפוילן אַרויסצוגעבן די שולדיקע... מיר האָבן איבערגעלעבט אַ גרויסע שרעק. דער סטראַזשניק האָט פאַרשפאַרט אין כאַלאָדנע (דאָרפישע טורמע) קאַלעניק'ס טאַטן, מיקאָלע מאַקריטע, סטעפּאַן טראָפּימטשוקן, האראסים בודזאַניוקן, ניקיפאָר בולבע, סטעפּאַן זאַכאַרענקאָ און די אַנפעלדיקע סעקלעטע. מאַרטשוק האָט זי פאַראַיאָרן געשלאָגן, האָט מען אויף איר געזאָגט, אַז אפשר האָט זי דאָס הייַנטיקס יאָר גענומען נקמה אינם אַלטן דושעהובעץ... און מען האָט אַלע פאַרשפאַרטע באַלד באַפרייט און סעקלעט'ן האָט מען פאַרהאַלטן דאָס קליידל און פאָר דער גאַנצער הראָמאַדע אין די אויגן זי געגנ־אַטעוועט אויפן הוילן לייב. מיר האָבן געמיינט, אַז זי וועט שטאַרבן פון וויטיק, אָבער זי לעבט.

„וואָס נאָך זאָלן מיר דיר שרייבן?"

„מיר גייען אין שקאָלע. מען האָט אונז צוגעזאָגט, אַז מיר'ן זיך לערנען גוט, וועט מען אונז פירן קיין קיעוו און מיר וועלן דאָרטן זען אַלע אַלטע און נייע מאָנאַסטירן און די פּעטשטשערעס, און אַלע אַנדערע געטליכע הייליגקייטן.

'און נאָך וועלן מיר דיר שרייבן, אַז עס איז שוין ביי אונז קאַלט און דער טייך הויבט שוין אָן פאַרפרוירן צו ווערן, אָבער גליטשן זיך קאָן מען נאָך דערווייל ניט. און נאָך וועלן מיר דיר שרייבן, אַז דו זאָלסט אונז שרייבן. און אַצינד זיי געזונט און מיר קוקן אַלע אַרויס אויף דיין בריוו, ווי דער נאַכטיגאַל אויפן זומער.

און עס בוקט זיך דיר נידריק...
און עס בוקט זיך דיר נידריק
און עס בוקט זיך דיר נידריק...'

אַזוי האָט יאַוודאָכע אָנגעשריבן אויף עטלעכע שורות, פונקט אַזוי פיל שורות, וויפיל קינדער עס זיינען אין קלוניע געווען און נאָך יעדן „בוקט זיך דיר נידריק" האָט איטלעכער אָנגעשריבן זיין נאָמען.

מען האָט זיך צונויפגעלעגט אויף אַ מאַרקע און דיניס האָט דעם בריוו אָוועקגעטראָגן צום וואָקזאַל אין פּאָטשט אַריין און דאָרט גוט אַכטונג געגעבן, אַז קיינער זאָל ניט באַמערקן, ווי ער וואַרפט אים אַריין אין גרויסן בריווקאַסטן.

קאַפּיטל פּערצן

פון רייקי קיין אָטשערעטניע איז איינגאַנצן געווען צוועלף וויאָרסט און דאָך האָט זיך שמעון׳ען אויסגעוויזן, אַז רייקי איז איצט פון אים ווער ווייסט ווי ווייט. פון דער היים איז ער ערשט געווען די דריטע וואָך, און אים האָט זיך געמאָלן, אַז די צייט וואָס ער האָט געלעבט אין דער היים איז ווייט אַוועק. דאָס גאַנצע גרויסע דאָרף רייקי האָט זיך פון אים דערווייטערט וואָס אַ טאָג, אַלץ מער און געוואָרן ווי פאַרנעפּלטער. דער דאָזיקער נעפּל, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט זיין אייגן ליב דאָרף, איז עפּעס אויסגעקומען אַזוי ווי אַ שלייער, אַ דורכזיכטיקער, און פון אים און דורך אים האָבן אַלע קליינע שטיבלעך מיט די גרויסע צוויי קרעטשמעס, איינע פון יענער זייט טייך און די אַנדערע ביים קלויסטער און דער גרינער קלויסטער אַליין, און די גרוילעכע פּוילישע קאַפּליטשקע אויפן באַרג, וואָס הויבט זיך איבערן טייך, די אַלטע פּוסטע געמויערטע מאַגאַזאַנען, די אַנדערע פּריצי׳שע געביידעס, דער פּריצי׳שער גאָרטן, דאָס וועלדל הינטערן פּריצי׳שן הויף, די לעוואַדעס און די גערטנער און דער אייגענער הימל איבער זיי, די רייקי׳ר פּויערים, די דאָרפסיידן און — צום ליבסטן, די אייגענע, — אָט די אַלע און אַנדערע רייקי׳ר געשטאַלטן האָבן פאַרביינקט זיך געצויגן צום אינגעל, זיך דערווייטערט, געוואָרן נעפּלהאַפטער און לאָקעדיקער און מאַנכעסמאָל אָנגעשוואָומען אַזוי נאָנט, אַז שמעון האָט ממש געפילט דעם שאָטן, דאָס ליכט און דעם אָטעם פון יעדן רייקיר׳ און פון יעדער זאַך באַזונדער.

ער האָט חשק געהאַט די פרעמדע אָטשערעטניע איבערצולאָזן און אַנטלויפן אַהיים. ער האָט זיך אָבער געשעמט און אַפילו ניט אויסגענוצט דעם איינציקן פרייען טאָג אין דער וואָך, שבת...מער וואָלט אים ניט געפעלט, נאָר מען זאָל זיך רייצן מיט אים, אַז ער האָט זיך פאַרביינקט אַהיים נאָך דער מאַמעס פאַרטוך.

איז ער פאַרבליבן אין אָטשערעטניע און דאָרט געטאָן זיין אַרבעט.

ער האָט באַדאַרפט לערנען מיט פינף קינדער ביי צוויי באַלעבאַטים. איינער פון זיי איז געווען אַ ליפעראַנט און דער אַנדערער אַ

קרעמער. חוץ די צוויי אידישע פאַמיליעס האָבן דאָ געוואוינט נאָך יידן און עס זיינען דאָ געווען דערוואַקסענע אינגלעך און מיידלעך און גרויסע בחורים און יידן און ס'איז אַפילו געווען נאָך אַ לערער, וואָס מען האָט אַהער אַראָפּגעבראַכט פון אַ גרויסער שטאָט. שמעון האָט זיך אָבער פון אַלעמען דערווייטערט און מען האָט געקוקט אויף אים ווי אויף אַ מרוק.

זיינע תלמידים האָבן אים גערופן: 'גאָספּאָדין אוטשיאיעל' און איינע פון זיינע באַלעבאָסטעס האָט אים אַפילו גע'איר'צט.

פרייטיק צו נאַכטס און שבת אין דער פרי איז מען געגאַנגען דאַווענען צו איינעם פון די דאָרפסיידן, וואָס האָט געוואוינט אין אַ גרויסער פּריצ'ישער דירה. דאָרט האָט שמעון ביים דאַווענען געזען יונגע לייט, עלטערע יידן, ווייבער און מיידלעך. ער האָט זיי אַלעמען אויסגעמיטן און ער האָט מורא געהאַט, עמיצער פון זיי זאָל ניט אָנהויבן רעדן צו אים.

דעם ערשטן פרייטיק־צו־נאַכטס האָט ער זיך ביים דאַווענען אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקעלע און אַריינגעקוקט אין זיין קליין סידור'ל. עמיצער איז צוגעגאַנגען צו אים און געזאָגט: „שלום עליכם". ער האָט דערזען אַ האַנט. ער האָט פאַרשעמט אַ קוק געטאָן פאַר זיך. לעבן אים איז געשטאַנען אַ הויכער ייד מיט אַ גרויסן, לענגעכדיקן פנים. דער ייד האָט אויסגעזען פון אַ יאָר עטליכע און פופציק. זיינע באַקן זיינען גאָרניט געווען פאַרוואַקסן, און נאָר אויף דער גרויסער, שמאָלער גאָמבע איז ווי געהאָנגען אַ שיטער גראָגעוואָרן בערדל. זיינע שטרענגע אויגן האָבן פריינטליך געשמייכלט. ער האָט לייכט אָנגערירט שמעונ'ס האַנט און געזאָגט:

— ביסטו, הייסט עס, כייקלס בכור?... מאַכטייסע, מאַכטייסע, האָסט אָן ערלעכן טאַטן.

דער ייד האָט גערעדט אַביסל הייזעריקלעך, אָבער זיין קול איז געווען שטאַרק און איינגעהאַלטן.

ווי נאָר דער ייד האָט אָפּגעלאָזט שמעונ'ס האַנט, האָט זיך דאָס אינגל גלייך גענומען מיט כונה צום סידורל. ער האָט געהערט דעם יידן עפּעס דערציילן. וויפל מענטשן עס זיינען דאָ געווען, האָט מען איבער אַלעמענס שטימען געהערט נאָר יענעם יידן: אָפּנים, ער איז געווען אַ גאַנצער פאַרנעם אין דאָרף.

דער זעלביקער ייד האָט געדאַוונט פאַרן עמוד און ער האָט אויסגעזען צו זיין זייער גאָטספאָרטיק. נאָכן דאַווענען האָבן אים אַלע אין שטוב געטראָגן דעם „גוט שבת" אַקעגן. שמעון האָט אים אויך אָפּ־

געגעבן אַ „גוט שבת" און דער ייד האָט אים פריינדלעך, אָבער מיט ווירדע געענטפערט און אים איינגעלאַדן אויך אויף מאָרגן.

נאָכן דאַוונען איז שמעון מיט זיין באַלעבאָס, דעם ליפעראַנט געגאַנגען 'אַהיים'. דער באַלעבאָס, אַ נידריקער, אַ ברייטלעכער מיט אַן אונטערגעשוירענער רויטלעכער באָרד, האָט געשפּאַנט לעבן דעם 'גאָספּאָדין אוטשיטיעל' און שמעון האָט באַמערקט, אַז ער איז העכער פונם יידן. פון דער אַנטדעקונג האָט ער אין זיך געשמייכלט.

ווען זיי זיינען אַריינגעקומען אין שטוב, האָבן זיי שוין געטראָפן אויפן טיש צוויי איבערגעדעקטע חלות, איינע העכער און גרעסער פון דער אַנדערער. לעבן די חלות איז אויף אַ מעשענער טאַץ גע־שטאַנען אַ גרינע פלאַש וווישניאַק און צוויי זילבערנע בעכערס. די פלאַש און די בעכערס האָבן זיך אין דער גלאַנציקער טאַץ אָפּגעשפּי־גלט מיט די 'קעפּ' אַרונטער און די שבתדיקע ליכט־פלעמלעך האָבן זיך געמיניעט אין דער פלאַש אין די בעכערס און אין זייערע אָפּ־שפּיגלונגען.

די באַלעבאָסטע, אַ הויכע, ברייטע אידענע מיט אַ ווייס זיידן טיכל אויפן שוואַרצהאָריקן קאָפּ, איז געזעסן ביי דער אַנגעהייצטער הרובע אויף אַ לאַנגן, הילצערנעם געשמידטן קאַסטן. לעבן איר זיינען געזעסן שבת'דיק־אויסגעוואַשענע און אויסגעצוואָגענע שמעונ'ס תלמיד און תלמידה. דער תלמיד, אַ שוואַרצ'חנ'עודיק אינגל, געראָטן אין דער מאַמען און אַ פעט מיידעלע, זייער געראָטן אין טאַטן.

דער באַלעבאָס און דער לערער האָבן אָפּגעגעבן די שטוביקע אַ „גוט שבת."

יונה האָט געקוקט אויף דער אַנגעשטעלטער טאַץ און זיך אומ־צופרידן געקרומט.

— ביסט שוין ווידער דאָ מיט דיין קידוש? — האָט ער זיך גע־בייזערט אויף דער ווייב.

— וואָס אַרט דיך, אַז איך האָב חיות? — האָט זי אים געענט־פערט מיט אַ פראַגע.

— מאַרימוניו, — האָט ער דער ווייבס נאָמען אַרויסגערעדט מיט אַ פול מויל און עס האָט געקלונגען, ווי מאַראַמאַנקי, געבייטלטע מעל — אַרון וועט שוין מאַכן קידוש פאַר מיר אויך...

אָפּגעזאָגט די עטלעכע ווערטער אין אַ וויציקן טאָן, האָט יונה זיך איבערגעקוקט מיט שמעונ'ען, ווי מיט אַ גלייכן און זיך געגאַנגען וואַשן.

מרים האָט זיך פאַרשעמט און געזאָגט שמעונ'ען:

— ביי אייך, יונגערמאַן, פירט זיך אויך אַזוי ?

שמעון האָט ניט געוואָלט פאַרשעמען זיין באַלעבאָס און ניט גע־וואוסט וואָס צו ענטפערן. ער האָט פאַרלוירן געשמייכלט. יונה האָט זיך שוין דערווייל געווישט די הענט און הויך און ברייט מיט אַ שבת׳־דיקער רחבות געזאָגט :

— איכל דיר זאָגן דעם אמת, יונגערמאַן, דער קידוש איז ניט פאַר מיינע כחות... דו מיינסט, זי לאָזט מיך שוין אָפּ ?... זי וועט נאָך וועלן זמירות אויך... מילא בענטשן, אַרט מיך ניט : הערט כאָטש קיינער ניט וואָס איך זאָג, אָבער די אַלע קידושן מיט די זמירותן — ניט פאַר יונה גוי ! ...

אַזוי האָט ער טאָקי געזאָגט, אויף זיך אַליין געזאָגט־און זיך אַליין צעלאַכט. שמעון האָט זיך עפּעס ווי דערשראָקן פון יונה׳ס חכמה און פון יונה׳ס געלעכטער. ער האָט זיך געלאָזט צו דער קופּער־נער קוואָרט מיט וואַסער, אָבער די באַלעבאָסטע האָט אים געבעטן, ער זאָל איר צוליב טאָן און מאַכן קידוש.

שמעון האָט געמאַכט קידוש. יונה איז געזעסן ביים טיש, דערווייל געקנייפּט שטיקער חלה און זיינע אָנגעשטאָפּטע באַקן האָבן געגלאַנצט און זיך געשמאַלצן אַקעגן די שיינע, שבתדיקע ליכט.

— פּיס פּיס !... האָט ער באַוואונדערט שמעונ׳ען — דו גייסט דאָך, קיין עין הרע, אין שפּאַן, ווי אַ סטאַיאַנגע פערד...

— אויף מיין מעכעלען געזאָגט געוואָרן — האָט מרים גאָטס־פאַרכטיג געבעטן, קוקנדיק אויף איר בן יחיד, וואָס איז געזעסן אַ פאַרשלאָפענער, ווי עס וואָלט אים דאָ קיינער און גאָרניט אָנגעגאַנגען.

אויף מאָרגן איז שמעון מיט יונה׳ן ווידער געגאַנגען דאַוונען. נאָכן דאַוונען האָט מען אַסך געגעסן און באַלד נאָכן עסן זיך געלעגט שלאָפן. דער באַלעבאָס, יונה, אויפן אויוון, די באַלעבאָסטע מיט די קינדער אויפן ברייטן בעט און שמעון — אויפן באַנקבעטל.

ער האָט געוואָלט אַהיים. כאָטש אַ קוק טאָן אויפן וועג, וואָס פירט קיין רייקי !... ער האָט עס אָבער ניט געטאָן ניט דעם ערשטן, ניט דעם צווייטן שבת.

אויפן דריטן שבת־נאָך־טיש האָט ער זיך שוין מער ניט געקאָנט באַהערשן, און ווי נאָר זיינע באַלעבאַטים מיט די קינדער זיינען אַנ־שלאָפן געוואָרן, האָט ער זיך אויף גיך אָנגעטאָן און שטילערהייד אַרויס אין דרויסן.

ס׳איז געווען שטיל און וואָלקנדיק. וואָראָנעס זיינען געפלויגן נידריק ביי דער ערד און מורא׳דיק געקראַקעט. מען האָט ערגעץ

ניט ווייט פון דאַנען געמעלויצעט און דאָס קלאַפּן פון די ציפּעס האָט טויב אָפּגעהילכט און דער באַטאַגיקער שטילקייט. פון ווייטן האָט די וואַסערמיל איינטאָניק גערוישט. ביי דער מיל זיינען געשטאַנען עט־לעכע פּויערשע פורלעך.

שמעון האָט זיך געלאָזט גייען אַהיימצו. עס איז אים אַקעגנ־געקומען אַן אַלטע פּויערטע.

— דזין דאָברי — האָט זי שמעון דער ערשטער געגריסט.

די פּויערטע האָט אים צופרידן באַטראַכט.

— דיי באָזשע זדאָראָוויאטשקאָ, (געב גאָט געזונט הייסט עס,) האָט זי געענטפערט — פון וואַנען ביסטו? — האָט זי אים געפרעגט.

— פון רייקי — האָט ער געענטפערט — איך בין דאָ אַ לערער.

— אַזאַ קליינער, און שוין אַ לערער? ! — האָט זיך די פּויערטע גע׳חידוש׳ט — אָ, האָספּאָדי, האָספּאָדי — האָט אים די פּויערטע באַ־קרעכצט — וואָס איז דאָס פאַר אַ לעבן, אַז דו דאַרפסט שוין פאַרדינען אויף זיך און עסן באַ אַ פרעמדן טיש? ... און ביי מיר איז דאָ אַן איינִיקל, איז ער נאָך קלענער פון דיר, אַרבעט ער שוין אויך. שוין דאָ אַ הילף אין הויז. געזונט זאָלן זיין די כלאָפּציעס! — האָט די פּויערטע געווינטשעוועט און זיך געלאָזט איר וועג.

שמעון האָט פון ווייטן דערזען אַ גלח. ער האָט געשטעלט אַזעלכע דריבנע טריט, אַז מען האָט פון דער ווייטן קוים באַמערקט, ווי ער רירט זיך. נאָר אָט האָט זיך שמעון דערנענטערט צו אים. ער האָט דערזען אַ הויכן־הויכן אַלטעטשקען, אַ שטאַלטנע, ווי אַ יונגער־מאַן, די לאַנגע האָר אויף זיין שיינעם קאָפּ און דער ברייטער באָרד גראָ מיט אַ מין העלער גראָקייט, ווי אַ געוואַשענע. דער לאַנגער, גלח׳שער מאַנטל האָט זיך געשלעפּט ביי דער ערד. ער האָט ליבלעך געשמייכלט צו שמעונ׳ען.

— זדראָוסוואויטיע, מאַלאַדאָי טשיעלאָוויעק — האָט דער גלח ברייט און זינגעוודיק מיט אַ שטאַרק, קוים־קוים אַנגעשפּאַלטן קול זיך געגריסט און אויסגעצויגן די האַנט, אַז שמעון זאָל אים אַ קוש טאָן.

דאָס אינגל איז פאַרווירט געבליבן שטייען.

דער גלח האָט אים דערשטוינט אָנגעקוקט.

— איך בין ניט קיין רעכטגלויביקער — האָט שמעון געזאָגט.

— פּריעקראַסנאָ! — האָט דער גלח אויסגעזונגען — אַ ייד, הייסט עס, און אַן אַקצענט האָסטו בעסער פון אַ פּראַוואָסלאַווני! ...

דער גלח האָט זיך ביי אים דערפרעגט, ווער ער איז און וואָס ער טוט דאָ, און שמעון האָט אים אויף אַלץ געענטפערט.

— דאָס פאַלק פון קלוגשאַפט! — האָט דער גלח באַוואונדערט. ער האָט זיך געזעגנט מיט שמעונ׳ען און פאַמעלעכן ווייטער זיך אַוועקגערוקט, נאָכשלעפנדיק דעם לאַנגן מאַנטל.

שמעון האָט זיך געאײַלט... אַט־אַט, און ער איז שוין פון יענער זייט אַטשערעטניע. ער איז צו צום טויער, דורך וועלכן מען פאָרט אַרײַן אין דאָרף און דערזען יענעם וועג, וואָס לויפט קיין רײַקי.

שמעון האָט געקוקט אין דער ווײַט. פון דעם פאַרנעפּלטן האָרי־זאָנט האָט זיך אַרויסגעזען אַ דערפל. ווײַטער, אָן אַ זײַט — אַ קוימען פון אַ צוקער־פאַבריק... ביים האָריזאָנט — אַ וואַלד... רײַקי איז געווען ווײַט־ווײַט.

ער איז געשטאַנען און געקוקט אין דער ווײַט און עס האָט זיך אים געמאָלן, אַז אַט־אַט קומען אַרויס... דער טאַטע, די מאַמע... אַט וועט חנה׳לע אַרויס פונם טאָל, וועט קומען צולויפן, אַ קוויטשע טאָן און אים אַרומכאַפּן קושן... פאַר די אויגן איז דורכגעלאָפן יאוודאָכע אין איר טונקלרויטן קליידל, אַרומגעזוימט מיט פּליוש...

שמעון האָט אין דערשטוינונג ברייט געעפנט די אויגן: ער האָט ווירקלעך פון ווײַטן דערזען צוויי מענטשן. שמעון האָט פאַרשטאַנען, אַז זיי גייען אַהערצו, ווײַל ער האָט זיי פריער ניט געזען. די צוויי געשטאַלטן זײַנען ווי געשטאַנען אויף איין אָרט, נאָכדעם זײַנען זיי אַוועק אָן אַ זײַט, ניט געסטייעט און שפּעטער אַ ווײַלע ווידער זיך באַוויזן און זיך אָנגעהויבן צו דערנענטערן צו אים.

„אפשר גייען דער טאַטע מיט דער מאַמען געוואויר ווערן צו מיר? — האָט שמעון געטראַכט... ניין, די מאַמע וועט ניט גיין אַזוי ווײַט... מן הסתם — דער טאַטע מיטן זיידן... און אפשר גאָר ניומטשיק מיט חנהלען?...

די צוויי געשטאַלטן האָבן מיטאַמאָל אַ וואַקס געטאָן און זיך דערנענטערט מער און מער. שמעון איז געשטאַנען און זיך פונם אָרט ניט געקאָנט רירן.

עס האָט אַ צי געטאָן אַ פּייכטער ווינט און געבראַכט צוטראָגן פונם דאָרף דאָס קראַקן פון וואָראָנעס און דאָס קרייען פון אַ האָן.

נאָך אַ ווײַלע און נאָך אַ ווײַלע און שמעון האָט שוין געקאָנט זען, אַז די צוויי זײַנען אַ ער און אַ זי, און זיי זײַנען זיכער ניט קיין רײַקי׳ר.

אָן אַנטוישטער און אַ פאַרביינקטער, האָט ער זיך געלאָזט גייען ווייטער. ער האָט פון דער ווײַט אָנגעמערקט אַ בערגל. ביז אַהין צוגייען, אַרויף אויף דעם און פון דאָרט קוקן אַהיים.

ער האָט זיך שפּעטער באַגעגנט מיט די צוויי. ער איז געווען אָרעם, אָבער גרויסשטאָטיש געקליידעט. אויף זיין שוואַרצהאָריקן קאָפּ אַ סטודענטיש היטל און זי, אויסגעפּוצט אין אַ שיינעם מאַנטל און אַ פּליושן היטעלע אויפן קאָפּ — אַ פּאַניענקע. ער איז אַ הויכער, אַ ברייטפּלייציקער מיט שוואַרצע, מילדע אויגן, און זי, אַ בלאָנדע, מיט בלויע אויגן און אַ ברייטלעך מויל. ער האָט זי געהאַלטן אונטערן אָרעם, ווי אַ פּריץ אַ פּריצה. זיי האָבן אים ביידע דערמאָנט אַן העלדן פון אַ ביכל, וואָס ער האָט ניט לאַנג געלייענט. דאָס מיידל איז געווען ליכטיק און שיין און עס האָט פון איר געשמעקט מיט בעז אַזוי שטאַרק, אַז שמעונ׳ען האָט זיך די קאָפּ געדרייט. זי איז דורכגעגאַנגען זייער נאָענט לעבן שמעונ׳ען. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים מיט צוויי גרויסע, לאַכנדיקע אויגן, און איר פריש מויל האָט ליבלעך געשמיי־כלט. עס האָט אויך פרידלעך געשמייכלט דער סטודענט און טונקל געגלאַנצט מיט שאַרפע, שמאָלע אויגן. זיינע קליינע, שוואַרצע וואַנ־סעלעך האָבן ביים שמייכלען קאָמיש געטאָן אַ גיי אַרויף און אַראָפּ. שמעון איז געווען אין אַ פאַרלעגנהייט. ער האָט זיך תחלת געוואָלט גרוסן מיט זיי, אָבער זייער פּריצ׳עשקייט האָט אים געשראָקן. ער האָט פאַרלוירן געשמייכלט זיי אָקעגן און געפילט, ווי אונטער זייערע שמייכלען ווערט זיינער צעשוואומענער און הילפלאָזער. ער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און געזאָגט העפליך מיט אַ ציטעריק קול:

— דזשיען דאָברי, פּאַני...

דער מיידלס אויגן האָבן נאָך העלער אויפגעגלאַנצט און ביים סטודענט האָבן אין די טונקעלע אויגן פלעמעלעך אויפגעטוקט. גלייך נאָכדעם האָט דאָס מיידל געמאַכט אַן ערנסט פּנים און דער סטודענט האָט זיך צולאַכט.

שמעון איז געגאַנגען ווייטער. ער האָט געהערט, ווי אויך דאָס מיידל האָט געלאַכט. ער האָט געזען פאַר זיך איר רונד פאַרביק פּנים און נאָך אַלץ געפילט דעם שאַרפן ריח פון בעז.

ער איז צוגעגאַנגען ביזן אָנגעמערקטן בערגל, אַרויף אויף דעם און זיך אומגעקוקט. דעם סטודענט מיטן מיידל האָט ער שוין מער ניט געזען. ער האָט געקוקט קיין רייקי, אָבער זיין ליב דאַרף איז ערגעץ געווען פאַרבעהאַלטן.

דער ווינט איז געשטילט געוואָרן. די געדיכטע, טונקל-גראָע וואָלקנס האָבן זיך דורכגענומען מיט אַ קריינקליכער געלקייט. פון דער לופטן האָט זיך ציטריק און שרעקעדיק אַראָפּגעלאָזט אַ שנייעלע.

באַלד איז געקומען נאָך איינס, נאָך איינס און נאָך און נאָך . . . און עס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן פון אַלע זייטן האַסטיקע ווייסע חברהניקעס, פלינק אַראָפּ אויף דער ערד און ניט געסטייעט, אָבער אויף זייער אָרט זיינען שוין געווען אַנדערע, מער און געוואַגטער פון די ערשטע.

שמעון איז געשטאַנען, געקוקט און געקוקט, ביז ער האָט דערפילט, אַז עס ווערט אים קאַלט און עס קומט די נאַכט. ער האָט זיך מער ניט פאַרזאַמט און גלייך ווי אַ דערוואַקסענער, מיט אַן עול אויפן קאָפּ, אַוועק צו זיין אַרבעט.

שמעון איז שוין געווען אַ פאָלנע מענטש.

קאַפּיטל פופצן

עס איז אויסגעפאַלן אַ גרויסער, ליכטיקער שניי און גאַנץ אַטשערעטניע האָט אין זוניקע טעג געשעמערירט, ווי אַן אויסגעפוצטע זילבערנע פאַן.

פויערים האָבן אויסגערעכטעוועט זייערע שליטנס. קליינוואַרג איז אַרויס מיט די שליטעלעך אויף דער פריילעכער, ווייסער גאַס. איבערן דאָרף האָט זיך האַסטיק דורכגעטראָגן דעם פּריצ׳ס טשעטוויאָרקע. די פיר פּרעכטיקע שפּאַקעס האָבן לייכט געטראָגן דעם שייןגעפּאַרבטען שליטן, און ער האָט נאָך זיך געלאָזט שמאָלע, פּריצישע קאָליעס, דאָס גאַנצע דאָרף האָט די צוויי טיפע ווירעס באַוואונדערט. שפּעטער זיינען אָנגעפאָרן אויף די איידעלע קאָליעס שווערע פּויערישע שליטנס. זיי האָבן פאַרווישט און צעטראָטן די פּריצישע סליאַדן.

קיין טייך איז אין אַטשערעטניע ניט געווען, נאָר צווישן דעם פּריצישן פרוכטגאָרטן און די פּויערישע גערטנער איז געלאָפן אַ שמאָלע ריטשקע. זי האָט באַטריבן די וואַסערמיל, ביים אופיסט האָט זי זיך ברייט צעגאָסן און געבילדעט אַ קליין טייכל, ווייטער אַריינגעפאַלן אין אַ שמאָלער טיפעניש און אַוועק צווישן פעלזיקע בערגלעך, וואָס האָבן זיך געצויגן ווייט אַרויס פונם דאָרף.

כאָטש ס׳איז שוין געווען גוט קאַלט, איז די טיפע ריטשקע נאָך ניט פאַרפרוירן געוואָרן, און די וואָס האָבן געהאַט גליטשערס, האָבן זיך געגליטשט אָבער אויפן האַרטן, איינגעפּראַרענעם שניי, צווישן די קינדערשע שליטעלעך, אָבער אויף פאַרפרוירענע לוזשעס. ערטער צום גליטשן זיך זיינען דאָ געווען אַסך, אָבער דערהויפּט האָט זיך די קליינוואַרג און אויך די יונגוואַרג פאַרזאַמלט אויפן באַרג, וואָס פירט אַריין קיין אַטשערעטניע. דער באַרג איז געווען ברייט און שטאַרק משופּע׳דיק, און מען האָט באַדאַרפט זיין געוואַגט זיך פון אים אַראָפּלאָזן.

שמעון האָט זיינע קאָנקעס דאָ ניט געהאַט, זיך גליטשען אויף די פּאַדקאָוועס פון די שטיוול האָט ניט געפּאַסט און ער האָט זיך

ניט געפילט באַקוועם: נאָך אַלעמען איז ער שוין פּאַרט געווען אַ לערער!... און ער האָט זיך דעריבער געשאַרט צו די גרויסע... אויפן באַרג האָבן זיך אויך געגליטשט אַסך דערוואַקסענע שקצים און שיקסעס און אַפילו אייניקע פּריצים. צווישן זיי האָט שמעון דערקענט דעם סטודענט מיט דער מיידל, וואָס ער האָט ניט לאַנג צוריק באַגעגנט אין פעלד. זיי האָבן ביידע צו אים געשמייכלט, ווי צו אַן אַלטן באַקאַנטן. ביים מיידל איז דאָס פּנים געווען רויט ווי אַ פרישער רויטער עפּל און אַפילו דאָס סטודענטישע בלאַסע פּנים איז געווען לייכט פאַררויטלט. זיי האָבן זיך ביידע געגליטשט אויף שיינע, אייזערנע קאַנקעס. זיי זיינען צוגעפאָרן צו שמעונ׳ען. דער סטודענט האָט געלאַכט און געגלאַנצט מיט קליינע, ווייסע ציין און דאָס מיידל האָט ליבלעך געשמייכלט. עס האָט נאָך אַלץ פון איר געשמעקט מיט בעז. דער סטודענט האָט פריילעך געזאָגט:

— זדראַווסטוואויטיע, קאָליעגאַ!

שמעון האָט אים דערשטוינט אָנגעקוקט. ער האָט געמיינט, אַז יענער שפּאַסט, אָבער דער סטודענט האָט אים אויסגעשטרעקט זיין האַנט.

— און איך האָב זיך דערוואוסט — האָט דער סטודענט גערעדט רוסיש — אַז איר זענט ביי אונז אַ לערער — וואָט טאַק פּאַטיעכאַ!

שמעון האָט אים קוים דערלאַנגט די האַנט.

— מאַדמאַזעל סקווירסקאיא — האָט דער סטודענט פאַרגעשטעלט דאָס מיידל פאַר שמעונ׳ען. דאָס אינגל האָט דערפילט פונקען אין די אויגן. אָט נאָך איין ווילע — און ער האָט געהאַלטן דעם מיידלס האַנט אין זיינער!... און דעם סטודענטס שטים האָט דערוויל פריילעך געפּלאַפּלט: — און מיין נאָמען איז ראַבינאָוויטש, משה ראַבינאָוויטש.

שמעון האָט זיך מיט איין מאָל אויסגעניכטערט און אַנגעשטעלט אַ פּאָר שטוינענדיקע קוקערס אויפן שיינענדיקן סטודענט...

— זענט איר, הייסט עס, אַ ייד?

— קאַריענגאָי — האָט ראַבינאָוויטש געענטפערט — אָבער — האָט ער צוגעגעבן — איר יונגערמאַן, וועט פאַר מיר ניט פאַרשעמט ווערן. — דאָס האָט ער געזאָגט אויף רוסיש און גלייך צוגעגעבן אויף יידיש: — אַ צורה האָט איר אַ קריסטלעכע, ניט פאַר קיין יידן געדאַכט. זיינע פּאָר יידישע ווערטער האָבן שמעונ׳ען אַזוי דערמונטערט, אַז ער האָט געוואַגט אַ לאַך צו טאָן.

— און איר — האָט ראַבינאָוויטש אים ניט אָפּגעלאָזט — האָט ניט קיין קאַנקעס, און איר מוזט נעבעך קוקן, ווי יענער קאַטאַיעט זיך...

— דאָס איז גאָרניט, — האָט שמעון געזאָגט.

— איך וועל זיך אַ ווײַלע אָפּרוען און אײַך געבן מײַנע — האָט דאָס מײדל פאַרגעשלאָגן.

— נײַן, נײַן — האָט ראַבינאָוויטש געזאָגט — אויב אָפּרוען זיך, בין איך עלטער פון אײַך. נאָט, מאַלאַדאַי טשיעלאָוויעק, מײַנע גליט־שערס און — היידא! — און צוגעגעבן אויף יידיש: — איך לאָז אײַך ניט אַליין. פאַרט געזונט און לאָמיך האָבן נחת אָן אײַך.

דאָס מײדל האָט געוואָרט אויף שמעונ׳ען. זי האָט שעלמיש געקוקט אויפן סטודענט און שוין באַצײַטנס געמאַכט צו אים מיטן קלײנעם הענטל, ענג אײַנגעפּאַסט אין אַ שײנער הענטשקע. שמעון האָט מיט געניטע הענט פאַרבונדען אַלע פּאַסיקלעך און פאַרדרײט אַלע שרײַפּעלעך. ער האָט אויפגעהויבן דאָס פאַרפלאַמטע פּנים און זיך באַגעגנט מיט סקווירסקי׳ס לאַכנדיקע אויגן.

— איר קאָנט? — האָט זי אים געפרעגט.

— מיר׳ן זען, האָט שמעון שמייכלענדיק געענטפערט.

— ... האָט געזאָגט דער בלינדער — האָט סקווירסקאַיאַ אונטער־געכאַפּט און געלאַכט. ער האָט ניט געוואָלט לאַכן, אָבער דאָס גע־לעכטער איז געקומען קעגן זײַן ווילן. ער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און זי געפרעגט:

— איר ווילט זיך דען איבעריאָגן מיט מיר?

— נײַן, נײַן! — האָט זי זיך געכאַפּט — איך לערן זיך ערשט. איר וועט מיך מוזן האַלטן בײַ אַ האַנט, און אַזוי וועלן מיר בײדע אַראָפּפאָרן.

— איך האָב זיך נאָך קײנמאָל אין צווײען ניט געגליטשט — האָט שמעון זיך מודה געווען.

דאָס איז דעם סטודענט אַזוי געפעלן, אַז ער האָט זיך הויך און לוסטיק צעלאַכט.

— פון הײַנט אָן — האָט ער געזאָגט — הייבט עס בײַ אײַך אָן צו גײען אין צווײען. סקווירסקי האָט דעם סטודענט געדראָט מיט אַ פינגערל. זי איז צו צו שמעונ׳ען און אויסגעשטרעקט איר האַנט. ער האָט זי פאַרזיכטיק אָנגענומען. זײַן האַרץ האָט מאָדנע און אומגע־ווײנלעך געקלאַפּט.

— אַ גוטן שליטוועגס — האָט זיי דער סטודענט נאָכגעשריגן.

זיי האָבן אים ניט געענטפערט, איר הענטל איז געלעגן אין זײַן קלײנער, שטאַרקער האַנט. זיי האָבן זיך געלאָזט באַרג אַראָפּ. דער גרויסער באַרג איז, אין זײַן גאַנצער ברײט געווען באַשאָטן מיט קינדער

און דערוואַקסענע אויף קליינע שליטעלעך און אויף קאַנקעס. עס האָבן זיך דאָ אויך געגליטשט פאַרובקעס אין ווייסע און אין שוואַרצע פעלצן מיט הויכע, שמויסענע היטלען. אויך מיידלעך אין גרויסע פעלצן מיט שווערע שאַלן אויף די קעפּ. די בחורים האָבן פריילעך געאוכקעט און די מיידלעך האָבן אָן אויפהער צושראָקן געקוויטשעט. דאָס אוכקעניש פון די בחורים און דאָס קוויטשן פון די מיידלעך און די אומאויפהערליכע אויסגעשרייען פון די קינדער האָט זיך צונויפגעפלאָכטן אין אַ ווילדן כאָר, וואָס האָט פאַרקלונגען די פראָסטיקע לופט.

וואָס ווייטער אַרונטער, איז דער עולם געוואָרן גרעסער, און דער רויש — שטאַרקער. פונם באַרג האָט מען ארויסגעזען גאַנץ אָטשערעטניע מיט אירע לאַנגע, קרומלעכע גאַסן און שמאָלע זייטיקע געסלעך.

דאָס דאָרף איז געווען באַלד אונטערן באַרג, און פון ווייטנס האָט זיך שמעונ׳ען אויסגעוויזן, אַז מען קאָן פונם באַרג אַריינפליען ערגעץ אין אַ פויערש שטיבל.

ער האָט געהאַלטן סקווירסקי׳ן ביי דער האַנט און ער האָט זיך ניט געקאָנט צופאָרן, ווי עס דאַרף צו זיין, אָבער ס׳האָט אים ניט געאַרט, ווייל דער באַרג איז געווען אַזוי משופּע׳דיק און דער שניי אַזוי האַרט און גליטשיק, אַז סע האָט זיי גלייך געטאָן אַ טראָג, פריער אויפן פרייען באַרג, דערנאָך זיינען זיי אַריין צווישן שליטעלעך, דערנאָך — צווישן מענטשן דערנאָך האָט אַ ווינט אַ ברי געטאָן אין פּנים אַריין. אין און די אויגן האָבן אָנגעהויבן שווינדלען טונקעלע פלעקן . . . און דער ווינט האָט געבריט און געקלונגען . . . עס איז געווען מאָדנע: פונקט ווי דער באַרג וואָלט פאַרשוואונדן אונטער די פיס און אָטשערעטניע, דאָס גאַנצע גרויסע דאָרף מיט די ווייסע פאַרשנייטע שטיבלעך איז געלאָפן אויף זיי. און וואָס שנעלער די שטיבלעך האָבן זיך געטראָגן אויף זיי, אַלץ האַסטיקער איז דער באַרג פאַרשוואונדן אונטער די פיס. און אינייִנעם מיט אים האָבן זיך אויך אָנגעהויבן צו פאַרלירן די פילצאָליקע שליטעלעך, און די אויסגעשרייען פון די קינדער מיט די אַלע קולות און נאָכקולות וואָס אַרום — זיינען געוואָרן ווייטע און פרעמדע . . . און דאָ האָט שמעון דערפילט, ווי סקווירסקי׳ס האַנט האָט אין זיינער אַ ציטער געטאָן און גלייך האָט ער דערהערט איר פרישׁ קול:

— זאמיעדליטיע, זאמיעדליטיע זשיע! באָיוס!!

ער האָט איר ניט געענטפערט, — נאָר שטאַרק אָנגעכאַפּט איר

האַנט, זיך עטוואָס איינגעבויגן און זיך אָוועקגעטראָגן און זי מיט זיך מיטגעטראָגן נאָך האַסטיקער ווי פריער.

ער האָט שוין איצט גאָרניט געזען און קוים געהערט עפּעס אַרום זיך. ווייסלעכע פלעקן זיינען פונם טאָל אַרויס געשפּרונגען אויף אים מיט אַ געברום און אַ געקלאַנג פון אַ ווינט, וואָס האָט זיך פאַר־שייט געיאָגט באַרג אַרויף און געשפּריצט מיט הייסן שניי אין פּנים אַריין.

מיט איין מאָל איז שמעונ׳ען פינסטער געוואָרן אין די אויגן און דער ווינט איז ווי אויסגעלאָשן... זיי זיינען געווען אין טאָל.

— אַך, קאַקוי ווי ביסטרי! האָט זי אים באַוואונדערט. ער האָט זיך געשעמט איר קוקן אין די אויגן. זי האָט געפרעגט:

— איר ווילט נאָכאַמאָל?

ער האָט איר ניט געענטפערט.

— איר ווילט ניט, דאַרף מען ניט — האָט זי ברוגז געזאָגט.

פאַרוואָס ניט? — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן פּלוצים און צע־שראָקן. זיין קול איז אַרויסגעקומען ניט זיכער און קאָמיש.

דאָס מיידל האָט זיך הויך צעלאַכט.

— דאָס מאָל וועל איך זיך אויף אייך דערבאַרעמען — האָט זי געזאָגט. איצט — האָט זי דאַמעמעסיק צוגעגעבן — העלפט מיר אַרויפקלעטערן דעם באַרג.

שמעון האָט זי אויפמערקזאַם באַטראַכט. זי איז געווען אַסך עלטער פון אים, שוין אַ גאַנצע באַרישניע, אָבער ער איז העכער פון איר. ער וואָלט זי געקאָנט אַרויפטראָגן דעם באַרג, ווען ער זאָל זיך נאָר ניט שעמען.

— איך וועל זיך אָנהאַלטן אין אייך? — האָט זי געפרעגט און אָפּגעוואַרט — גוט? האָט זי קאַפּריזנע איבערגעפרעגט.

— יאָ, האָט ער מיט אַ קאַלט מענערש קול געענטפערט און זיך געלאָזט באַרג אַרויף. זי האָט אָנגעכאַפּט זיין אָרעם און זיך אים שוואַך נאָכגעשלעפּט.

די פויערשע קליינוואַרג און אויך די דערוואַקסענע האָבן זיי אָפּ־געטראָטן דעם וועג און שקצים האָבן ניט דרייסט געשמייכלט צו דער מיידל. זי האָט אָבער אויף זיי ניט געקוקט.

„ווייזט אויס, זי איז זייער אַ רייכע — האָט שמעון געטראַכט און זיך פאַרגעשטעלט, ווען זיינע חברים אין רייקי ווייסן, מיט וועמען ער, קאַנאַריק, גליטשט זיך אין אָטשערעטניע, מיט וועמען ער פאַרגייט זיך דאָ...“

דער סטודענט איז זיי אַקעגנגעקומען.

— ער קאָן, ער קאָן? — האָט ער סקווירסקי׳ן געפרעגט.

— בעסער פון אייך — האָט זי אים געענטפערט.

— יונגע כחות — האָט דער סטודענט דערקלערט און אַ זיפץ געטאָן. ער האָט געקוקט אויפן צעפלאָמטן שמעונ׳ען און דעקלאַמירט פושקינס אַ פערז:

*) „דיטיאַטי ל מילאַוואָ לאַסקאַיז,
אוזשיע יאַ דומאַיו: פּראָסטי,
טיעביע יאַ מיעסטאָ אוסטופאַיו,
מניע וורעמיא טליעט, טיעביע — צוויעסטי"

בשעת ער האָט דעקלאַמירט, האָט סקווירסקי פאַרקרומט דאָס פנים און פאַרקנייטשט דאָס קליינע נעזל, אַ קליפּע געטאָן מיט די אויגן, אָט־אָט — און טרערן וועלן פון זיי אַ שפּריץ טאָן. זי האָט האַלב פאַרמאַכט דאָס מויל. אירע שיינע, גלייכע ציין האָבן זיך מיט איין מאָל באַהאַלטן, איר גאָמבע האָט זיך פאַרשפּיצט און זי האָט אויסגעזען, ווי אַ פאַרקרומטע באַבעטשקע, וואָס וויינט אויף אירע אַלטע יאָר.

שמעון האָט זיך שוין מער ניט געקאָנט באַהערשן און זיך הויך צעלאַכט און, אויף אים קוקנדיק — דער סטודענט, אָבער סקווירסקי האָט איר ראָל אויסגעהאַלטן און קיין שמייכל ניט געטאָן.

זיי האָבן נאָך פאַרבראַכט דאָ אַ ווײַלע. נאָכדעם האָבן זיי זיך געזעגנט און ראַבינאָוויטש האָט איינגעלאַדן שמעונ׳ען צו זיך.

— די דריטע הויז פונם דיאַק — האָט ער אָנגעגעבן אַ סימן. יעדן אָוונט בין איך אין דער היים... מיר׳ן אַביסל פאַרברענגען.

*) ווען איך גלעט דאָס ליבע קינד,
קלער איך: אדיע.
דיר טרעט איך אָפּ מיין אָרט.
מיר איז צייט צו פאַרגיין, דיר — צו בליהען.

קאַפּיטל זעכצן

שמעון איז געקומען צו יונה גוי. ער איז ניט געווען אין דער היים, די קינדער זיינען שוין געשלאָפן און די יונה'כע איז געזעסן ביי דער אָנגעהייצטער הרוב'ע און געפּליקט פּעדערן. אויפן טיש האָט שוואַך געברענט אַן אַכטער קעראָסין־לאָמפּ. זיין געלער, שוואַרצער פּלאָם האָט אומרואיק געצוקט און דער באַלעבאָסטעס ברייטער שאָטן האָט אויף דער וואַנט געטאַנצט. ס'איז אים דערפון געוואָרן אומעטיק. ער האָט אַרויסגעדרייט דעם לאָמפּ: אין שטוב איז געוואָרן פריילעכער.

— אַ וואונדערלעכער אָוונט! — האָט שמעון אויסגערופן אויף רוסיש. די באַלעבאָסטע האָט אים משונה באַטראַכט און אומצופרידן געפרעגט:

— וואָס פאַר אַ שמחה, אַז ס'איז קאַלט?

האָט זי שוין שמעון אָנגעקוקט, ווי אַ ווילדע, ווי אַ פּראָסטע, ווי אַ פאַרגרעבטע, ווי אַ... שמעון האָט איצט געטראָגן אַ כעס אויף דער לייביקער פרוי, וואָס האָט ניט פאַרשטאַנען די וואונדערלעכקייט פונם ווינטער־אָוונט. ער האָט גדלות'דיק פאַרריסן דאָס ברוינע, פון קעלט פאַררויטלטע פּנים, גענומען אַ באַנד טורגיעניעוו און זיך געזעצט לייענען.

שמעון האָט שוין פאַרזוכט דעם וואונדערלעכן טעם פון דער פאַנטאַסטישער וועלט. ער האָט אויף די שיינע אויסגעטראַכטע מעשיות געקוקט, ווי אויף אַ חלום. ער האָט ניט געגלויבט, אַז ער וועט אַמאָל באַגעגענען אַזעלכע ליבע, ליכטיקע געשטאַלטן, ווי ער האָט אין די ביכער געזען, אָבער היינט האָט עס פּאַסירט!... סיי ראַבינאָוויטש, סיי סקווירסקאיא זיינען פאַר אים אַרויסגעשוואומען, ווי וואונדערליכע, אויסגעטרוימטע געשטאַלטן פון אַ פּאָעט. זייערע רייד, זייערע באַנעמונגען, סקווירסקי'ס געלעכטער, — דאָס אַלץ איז געווען ניי און פאַרפירעריש. און צוליב זיי, צוליב די צוויי זעלטענע מענטשן

איז דער גאַנצער ווינטערדיקער אָוונט מיטן ברייטן, פאַרשנייטן באַרג און אַפילו די פּאַרובקעס מיט די שיקסעס און זייערע גראָבע, ווילדע אויסגעשרייען, און אַפילו ער, שמעון אַליין, וואָס איז זיך געווען נעטער, ווי עמיצער אַנדערש און ער האָט דעריבער וועגן זיך ניט געקאָנט טראַכטן ווי וועגן איינעם, וואָס איז ניטאָ, אַפילו וועגן זיך האָט ער איצט געטראַכט, ווי וועגן אַ שיינעם, יונגען העלד.

ער האָט זיך דערמאָנט אָן רייקי, אין זיינע חברים, אין יאַוודאָכע'ן... ער איז מיט איין מאָל ניכטער געוואָרן... ער האָט פאַרגליכן זיין שיקסל מיט סקווירסקי'ן... גלייך האָט ער דערהערט סקווירסקי'ס העלן געלעכטער, און ס'האָט אים פאַרשמעקט מיט בעז... און ער האָט געקאָנט אַרומנעמען יאַוודאָכע'ן זי קושן אויף אירע האַרטע באַקן, וואָס האָבן געשמעקט מיט קרויט און אָפּט האָט זיך פון איר געפילט אַפילו דער ריח פון מיסט... ווי האָט ער געקאָנט, ווי האָט ער עס געקאָנט ? ! ...

„איך בין געווען אַ נאַר, אַ נאַר, אַ נאַר" — האָט שמעון זיך געזידלט און ער איז געווען זיכער, אַז ער איז געקומען אין באַרירונג מיט אַ שיינער און ליכטיקער וועלט, צו וועלכער בלויז געציילטע זיינען זוכה. ער האָט געלייענט דאָס בוך און איז געווען זיכער, אַז אַלע העלדן, וואָס ווערן דאָרט דערמאָנט, וועט ער, שמעון ווען עס איז זיכער בעגעגענען און זיך פאַרקניפּן מיט זיי אין אַ שיינער, דערהויבענער פריינטשאַפט.

ער איז די נאַכט שלעכט געשלאָפן. ער האָט געטראַכט וועגן זיין וויזיט ביי ראַבינאָוויטשן... ער וועט דאָרט זיכער טרעפן סקווירסקין און חוץ זיי נאָך אפשר אַזעלכע ווי זיי... וואָס זאָל ער טאָן ? ווי אַזוי וועט ער זיך האַלטן צווישן זיי ? וואָס און ווי אַזוי זאָל ער רעדן ? אַז מען וועט אים פרעגן, פון וואַנען ער קומט און ווער זיינע חברים זיינען, זאָל ער זאָגן דעם אמת, צי זאָל ער אויסטראַכטן אַ שיינעם ליגן ? פון וואַנען, זאָל ער זאָגן, קומט ער — פון קיעוו, צי פון אָדעס ? ער וועט זאָגן דעם אמת... „דער אמת, זאָגט טאָלסטאָי, איז די שענסטע און וויכטיקסטע זאַך" און דער גרויסער שרייבער זוכט אַלע זיינע יאָרן דעם אמת און וויל אים אַנטפּלעקן פאַר דער גרויסער אומגליקלעכער מענטשהייט, וואָס קאָן דעם אמת ניט געפינען... נאָך

וואָס דאַרף טאָלסטאָי זוכן דעם אמת? איז דען די וואָר אַזוי שיין? אָט זאָל ער, שמעון, פּרואוּוען דערציילן דעם ריינעם אמת וועגן זיינע שקצימלעך און שיקסלעך, ווי ער גנבעט מיט זיי עפּל אין קלויסטער־גאָרטן, אָבער ווי ער איז ערשט צוריק מיט עטלעכע וואָכן געגאַנגען גנבענען היטשקע... זאָל ער פּרואוּוען דערציילן דעם גאַנצן אמת...

שמעון האָט ליבערשט געוואָלט אַ שיינעם ליגן צוטראַכטן, עפּעס אַזאַ ליגן ס'זאָל קלינגען, ווי אַן אמת און אַלע זאָלן אים גלויבן און זאָלן קוקן אויף אים, ווי אויף אַ לייטיש, וואונדערלעך אינגל...

ער האָט זיך אַזוי אויפן געלעגער אָפּגעמאַטערט, צוטראַכטנדיק איין ליגן נאָכן אַנדערן, ביז ער איז אַנשלאָפן געוואָרן.

קאַפּיטל זיבעצן

ס'איז שוין אַוועק אַ פּאָר טעג, זינט שמעון האָט זיך באַקענט און שיער ניט באַפּריינדעט מיט ראַבינאָוויטש'ן און סקווירסקי'ן, אָבער ער האָט נאָך אַלץ ניט געוואַגט צו באַזוכן דעם סטודענט. ער איז שוין אַפילו איינמאָל דורכגעגאַנגען לעבן דיאקס שטוב און נאָכדעם אָפּגעציילט דריי הייזער און פאַרשטאַנען, אַז דאָ באַדאַרף וואוינען דער זעלטענער מענטש, אָבער ער איז אַ צושראָקענער אַוועק און זיך מורא געהאַט אומצוקוקן, טאָמער האָט אים דער סטודענט דערזען דורכן פענסטער.

אַזוי איז ער אויך היינט פאַרבייגעגאַנגען די באַשטימטע הויז און געזען, ווי ביים סטודענט לייכט זיך, און אויף די באַלויכטענע פענסטער שווינדלען שאָטנס פון מענטשן.

דאָס דאָרף איז געווען אָפּדערנאַכטיק שטיל. דער פראָסט האָט נאָכגעלאָזן, און דער שניי האָט זיך געבויגן אונטער די פיס. כמעט אין אַלע הייזער איז געווען פינסטער, נאָר אין די יידישע שטיבלעך און אין די פריצ'ישע געביידעס האָט זיך געלויכטן. אין איינזיקע פויע־רישע הייזער האָט זיך געזען אַ שוואַכע שיין. פון ערגעץ האָט זיך געטראָגן אַ געזאַנג פון פאַרובקעס. שמעון האָט געשפּאַנט. ס'איז שוין געווען צייט צו גייען שלאָפן, אָבער ער האָט צו יונה'ן איצט ניט גע־קאָנט גייען, און זיך געלאָזט צו איינער פון די באַלויכטענע הייזער. לעבן דעם הויז האָבן זיך פאַרזאַמלט פאַרובקעס און פון דאַנען האָט זיך זייער געזאַנג צעטראָגן איבערן גאַנצן דאָרף. ער האָט געקאָנט זייערע ניגונים און די ווערטער פון זייערע לידער. האָט ער שטיל נאָכגעזונגען.

ער איז צוגעקומען נענטער און דערזען, אַז דאָס איז אַ קלייט. שמעון האָט זיך דערפרייט, ווייל ער איז געווען זיכער, אַז ער וועט אינעווייניק טרעפן אַ יידן, אַ נייעם יידן, וואָס ער האָט נאָך אפשר ניט געזען. ער וועט דאָ פאַרברייגען און פאַרשפּאָרן גיין אַזוי פרי שלאָפן.

די קלייט איז געשטאַנען אויף אַ קליין בערגל. אינם בערגל זיינען געווען אויסגעגראַבענע טרעפּ, קאָסע און גליטשיק, אָבער שמעון איז אַרויף דורך זיי דאָס בערגל. די פּאָרובקעס האָבן זיך איבערגעקוקט, נאָר זייער גענאַנג ניט איבערגעריסן. ער איז אַריין אין קלייט. עס האָט זיך דאָ געפילט אַ פאַרלעגערטער גערוך פון הערינג, זייף און קעראָסין. אַ גרויסער טיש, ווי אַ דאַלעד האָט פאַרנומען אַ שטיק פון דער קראָם. ביי דער סטאָיקע איז געזעסן אַ פּויער מיט אויסגע־וואַשענע גראָע אויגן און שיינע, ווייכע, בלאָנדע וואָנציעס. צוויי אַנ־דערע פּויערים זיינען געשטאַנען אַנגעשפּאַרט אָן וואַנט. זיי האָבן גערויכערט און געהאַלטן אין איין שפּייען. ווען שמעון איז אַריינגע־קומען, האָבן די פּויערים אויפגעהערט צו רויכערן און אַפילו פאַרגעסן, אַז זיי דאַרפן אַ שפּיי טאָן. דער אָבער מיט די שיינע וואָנציעס ביי דער סטאָיקע האָט זייער פריינטלעך געשמייכלט און געקוקט דעם אינגל גלייך אין די אויגן.

— דאָברי וועטשיר! — האָט זיך שמעון געגרוסט.

— זדראַווסטוואויטיע — האָט דער אַנגעשטעלטער געענטפערט.

— און איך האָב געמיינט, אַז דאָס איז אַ יידישע קלייט — האָט זיך שמעון ווי פאַרענטפערט.

— דו ביסט דען אַ ייד? — האָט אים דער פריקאַזטשיק געפרעגט.

— יאָ, איך בין אַ ייד.

— ניט ענליך — האָט דער פּויער געזאָגט און ברייט געשמייכלט.

— נאָכדעם האָט ער געפרעגט: — וועמען זשע זוכט איר?

— איך זוך קיינעם ניט — האָט שמעון געענטפערט, ניט פאַר־שטייענדיק פאַרוואָס דער פּויער אירצט אים — אָט, סתם אַזוי אַריינ־געגאַנגען.

— פון וואַנען איז מען עס? — האָט דער פּויער געפרעגט.

— פון רייקי.

— וועמעס? . . . האָט איינער פון די פּויערים ביי דער וואַנט לעבעדיק אונטערגעכאַפּט. ערשט האָט שמעון באַטראַכט די אַנדערע צוויי פּויערים. דער פראַגע־שטעלער, אַ שוואַרצער, פאַרוואַקסענער פּויער, בלינד אויף איין אויג מיט אַ גראָב שטיקל ציהאַרקע אין מויל. דער צווייטער, אַ הויכער, אַ רויטער מיט ווייסע, קאַלטע אויגן איז אויך געווען פאַראינטערעסירט און זיין מויל איז פאַרבליבן אָפן.

— איך בין כייקל'ס — האָט שמעון געזאָגט — כייקל רייקיר'ס.

— האַ! — האָט זיך דער בלינדער דערפרייט — טראַסציא יאהא דובילאָ מא ז נים — ביסטו, הייסט עס, כייקלס כלאָפּעץ? האָסט אַן

ערלעכן טאָטן, נאָר אַן עבירה, וואָס ער איז אַ ייד . . . אַ גוטער מענטש איז ער: מע קען זיך מיט אים צוניפֿרעדן ווי מיט אַן אייגענעם.

— שטייט נאָר, — האָט זיך דער פּריקאַזטשיק אַריינגעמישט — און ווי איז אייער נאָמען?

— סיעמיאָן זאבוטי — האָט שמעון געענטפֿערט.

דער פּריקאַזטשיק האָט זיך אָנגעבויגן אונטער דער סטאָיקע און פֿון דאָרט אַרויסגערעדט: —

— און ביי מיר, מאָלאָדאָי טשיעלאָוויעק, לעגט פֿאַר אייך אַ בריוועלע פֿון רייקי, אַזוי איז טאַקי אָנגעשריבן: 'גאָספּאָדינו סיעמיאָנו זאבוטאָמו.'

שמעון איז צו צו דער סטאָיקע. דער פּריקאַזטשיק האָט אים דערלאַנגט אַ בריוו.

שמעון האָט באַטראַכט דעם אַדרעס. ס'איז ניט געווען ניט חנה'לעס, ניט ניומטשיק'ס האַנטשריפֿט . . . פֿון וועמען האָט עס געקאָנט זיין???

אין קלייט איז געווען שטיל. די פּויערים האָבן פֿאַרגאַפֿטע געקוקט אויפֿן דערשטויגטן אינגל. שמעון האָט זיך געווענדט צום אָנגעשטעלטן:

— ווי קומט אַהער דער בריוו?

— אַ פֿאַרשטענדלעכע זאַך — האָט יענער געענטפֿערט — דאָ איז אַ אָבשטשעסטווענע קלייט, און אַלע בריוו פֿונם דאָרף קומען פֿריער אַהער.

— אָט ווי! — האָט שמעון נאָך אַלץ פֿאַרגאַפֿט ווי פֿון אַ וואונדער אויסגערופֿן און זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט אַפֿילו ניט באַדאַנקט דעם פּריקאַזטשיק. — ספּאַסיבאָ, דיאדקו — האָט ער פֿריילעך אויסגערופֿן.

— ניע סטאָאיט, האָט יענער העפֿליך געענטפֿערט.

שמעון איז אַרויס אין דרויסן און זיך געלאָזט אַהיים. די פֿאַרובקעס האָבן נאָך אַלץ געזונגען. שמעון איז געגאַנגען שנעלער און שנעלער, און זיך באַלד געלאָזט לויפֿן. דער בריוו איז פֿאַר אים געווען אַ רעטעניש. ער האָט שוין וואָס גיכער געוואָלט אויפֿרייסן דעם בלאָען, ברייטן קאָנווערט. אין דער פֿינסטער האָט ער דערהערט עמיצן אָנקומען. שמעון האָט אויפֿגעהערט לויפֿן. באַלד איז עמיצער פֿון דער פֿינסטער אַרויסגעקומען גלייך אויף אים. דאָס איז געווען ראַבינאָוויטש.

— וואָט טאַק פֿאָטיעכאַ! — האָט יענער זיך דערפֿרייט — און איר זענט אַ מאָדנע מענטש, אַ פֿאַרשלאָסענער . . . אָבער איך האָב אייך

געפּאַקט! איר וועט זיך שוין פון מיר ניט אַרויסדרייען! היינט גייט איר מיט מיר... איך לויף בלויז אין אָבשטשעסטווענע קליניק נאָך אַ פּאָר קלייניקייטן, ווייל איך האָב היינט געסט. וועלן מיר גייען אינאיינעם... קומט צוריק, וועט זיין היימלעכער.

שמעון האָט ניט געקאָנט און ניט געוואָלט גייען, אָבער ער האָט קיין כח ניט געהאַט זיך שטעלן אַקעגן ראַבינאָוויטשן׳. ער האָט זיך אים נאָכגעשלעפּט. ראַבינאָוויטש האָט אים גענומען אונטערן דער האַנט און זיך געכאַפּט, אַז דאָס אינגל ציטערט.

— גאָט איז מיט אייך! — האָט ער באַזאָרגט אויסגערופן — איר ציטערט דאָך... איז אייך קאַלט?

— ניין...

— וואָס האָט פּאַסירט? — האָט דער סטודענט איבערגעפרעגט. שמעון האָט זיך אַ ווײלע געקווײנקלט און זיך מודה געווען:

— אַ בריוו.

— וואָס??!

— אַ בריוו.

— פאַרוואָס זשע ציטערט איר?

— איך ווייס אַליין ניט פאַרוואָס.

— אַ שלעכטע בשורה?

— איך ווייס אַליין ניט... איך ווייס אַפילו ניט, פון וועמען דאָס איז.

— פון דער היים?... טוט שוין אַ קוק!...

— דאָ איז פינסטער.

— וועט איר אַ קוק טאָן אין קליניק.

— איך שעם זיך — האָט שמעון געזאָגט.

— איר זענט אַ מאָדנע מענטש, ווען האָט איר אייער בריוו דער־האַלטן?

— איך... נאָר וואָס... כ׳האָב אַפילו ניט געוואוסט, אַז ס׳איז דאָ פאַראַן אַזאַ קליניק, וואוהין סע קומען אָן די דאָרפישע בריוו... בין אַריינגעקומען צופעליק, גיט מען מיר אַ בריוו, כאַטש נעם רייס זי אויף פאַר יענעם אין די אויגן...

— איין מאָמענט — האָט ראַבינאָוויטש געזאָגט — איר שטייט דאָ, און איכל שוין צוליב אייך געבן אַ שפּרונג און איינקויפן און — שוין בין איך מיט אייך, אָבער וואַרט דאָ אויף מיר! מיר׳ן פאַר־ברײנגען אַ שיינעם אָוונט.

ער האָט אַ פּאַטש געטאָן שמעונ'ען איבער דער פּלייצע און אַוועק־געלאָפן אין דער פינסטער.

שמעון איז געשטאַנען און געוואַרט. וואָלט ער כאָטש געהאַט מיט זיך אַ שוועבעלע... ער האָט זיך קוים דערוואַרט אויפן סטודענט.

— איר האָט אַ שוועבעלע? — האָט אים שמעון געפרעגט.

— הונדערט שוועבעלעך — האָט דער סטודענט געזאָגט — אָבער מיינע הענט זיינען פאַרנומען. — ער האָט אויפגעהויבן די הענט מיט די פּעקלעך און געזאָגט מיט אַ גוישן יידיש: — היט מיך און באַזוך מיך, באַ איך בין אַ לקחן... אין דער רעכטער קעשענע.

שמעון האָט דערמונטערט געלאַכט. ער האָט אַנגעטאַפּט דאָס קעסטעלע שוועבעלעך אין ראַבינאָוויטש'עס קעשענע. מיט ציטעריקע הענט האָט ער אָנגעריבן איינס און באַלויכטן דעם בריוו. נאָכדעם האָט ער אויפגעריסן דעם קאָנווערט און אַ קוק געטאָן, און ערשט אינם כתב וואָס אין בריוו דערקאָנט יאָוודאָכעס האַנטשריפט. ער האָט אין שרעק און בזיון געלאָזט פאַלן דאָס קעסטעלע שוועבעלעך מיטן בריוו. ער איז נאָך מער צומישט געוואָרן און זיך אָנגעבויגן... ער האָט אין דער פינסטער קוים געפונען די שוועבעלעך מיטן בריוו. די שוועבעלעך האָט ער געטאָן אַ רוק אַריין דעם סטודענט אין קעשענע אַריין, זיך אַפילו ניט געזעגנט און אַוועק צו יונה'ן.

— מאַלאַדאַי טשיעלאָוויעק! — האָט אים דער סטודענט פאַרצוויי־פלט נאָכגעשריגן, אָבער שמעון האָט אים ניט געענטפערט און שוין מער ניט געגאַנגען, — נאָר געלאָפן.

קאַפּיטל אַכצן

נאָך שמעונ'ס באַקאַנטשאַפט מיט ראַבינאָוויטש'ן און סקווירס־קי'ן, וועלכע האָבן אין אינגלס אויגן אויסגעזען ווי אויסגעטרוימטע שרייבערישע געשטאַלטן, האָט זאבוטי זיך אינגאַנצן אויסגעטאָן פון זיין אַמאַליקער ווילדקייט און דאָרפישער פּראָסטקייט. ער האָט משונה הנאה געהאַט צו פילן, אַז אויך ער ווערט באַהעפט צו די שיינע מענטשן, אַז ער ווערט שיער ניט איינער פון זיי, — אָבער דער בריוו פון זיינע חברים און חברט'עס האָט אים אַזוי צעמישט און צעשרויפט, אַז ער האָט אַפילו ניט געקאָנט טראַכטן, און אַלץ ווי אַ דערוואַקסענער באַ־טראַכטן און באַשליסן, וואו ער איז אין דער וועלט. ער האָט פאַר־גליכן סקווירסקי'ן מיט יאַוודאַכע'ן... יאָ, יאָ, ער האָט דאָך זיי שוין איינמאָל פאַרגליכן, אָבער איצט איז יאַוודאַכע אויך געוואָרן די ווייטע, די אויסגעטרוימטע און אַפילו וועגן די שקצים האָט ער איצט אַנדערש געטראַכט.

ער האָט דעם בריוו געליינט נאָכאַמאָל און ווידער אַמאָל. ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיין דאָרף...

צום פריערדיקן שניי איז איצט צוגעפאַלן נאָך אַ שניי, אַ נייער און אַ שווערער. ער האָט איצט געזען רייקי אינגאַנצן אויסגעווייסט און די צוויי בערג, איינער נאָכן אַנדערן מיט קליינינקן טאַלכל אין מיטן... דאָרט גליטשן זיך איצט זיינע חברים. דיניס האָט אַ גרויסן קינדער־שליטן וואָס זיין פעטער, דער וואַלדהיטער האָט פאַר אים אויסגעאַרבעט. אויף דעם דאָזיקן שליטן טוט מען זיך אַ לאָז אַראָפּ פונם ערשטן באַרג, פונם דאָרפישן טויער, מען פליט אַראָפּ אַזוי גע־שווינד, מען ווערט פאַרטראָגן אין קליינעם טאַלכל און דער אימפּעט איז אַזוי גרויס, אַז דאָס שליטל ווערט אַרויפגעטראָגן אויפן קליינעם בערגל אַרויף און נאָכדעם — באַרג אַראָפּ, אויפן פאַרפרוירענעם טייך... דאָס פליען באַרג אַראָפּ איז קיין קונץ ניט, אָבער אַרויף אַ באַרג... אַזאַ זאַך קאָן נאָר זיין אין רייקי, ליבע טייערע רייקי! שמעון וועט גיך, גאָר גיך זיך אַריבערכאַפּן אַהיים... זאָל מען פון אים לאָכן, ער וויל אַהיים, אַהיים, אַהיים!...

ער האָט אָנגעוואוירן זיין פריילעכקייט, געטאָן זיין אַרבעט שוויי־גנדיק, און אַלע פּאַרנאַכט געגאַנגען אויף שפּאַציר, און — ניט פאַר־פעלט צו זיין אין אָבשטשעסטווענע קלייט. ער האָט איינמאָל ווידער באַגעגנט ראַבינאָוויטש׳ן. יענער איז געגאַנגען פון דער קלייט און געטראָגן אַסך פּעקלעך.

— ווידער געסט! — האָט ער אויסגערופן — און אייך לאַד איך אויך איין און איך בעט אייך, מאַלאַדוי טשיעלאָוויעק, איין מאָל פאַר אַלע מאָל: איר מוזט היינט זיין מיין גאַסט!... האָט נאָר קיין מורא ניט: מע וועט אייך גאָרניט אָפּבייסן...

שמעון האָט געשוויגן.

— איר ווילט זיין אַ גוטער? — האָט אים ראַבינאָוויטש געפרעגט.

— וואָס זשע? — האָט שמעון ווי ברוגז איבערגעפרעגט.

— נעמט איבער ביי מיר אַ פּאָר פּעקלעך.

— מיט פאַרגעניגן! — האָט שמעון גערן אונטערגעכאַפּט און אונטערגעשטעלט ביידע הענט.

ראַבינאָוויטש האָט געלאַכט.

— איר זענט גרייט — האָט ער געזאָגט — מיך אויך נעמען אויף אייערע יונגע הענט.

— ניט פאַר מיינע כחות — האָט שמעון שעמעוודיק געמורמלט און גענומען פון ראַבינאָוויטש׳עס הענט אַ פּאָר פּעקלעך.

דער סטודענט האָט דערווייל גערעדט:

— איך טראָג דאָ אַ פּעקל האַרטן צוקער און אַן אַכטל טיי, און פּאַפּיראָסן, און ציקאָריע, און זעקס הערינג, און צוויי בינטלעך בייגל, און...

שמעון האָט אים איבערגעשלאָגן די רייד:

— אַנטשולדיקט — האָט ער האַרציק גערעדט — אָבער אַזאַ מענטש ווי איר וואָלט ניט באַדאַרפט אַליין טאַסקען די אַלע נאַריש־קייטן: עמיצער וואָלט עס געקאָנט טאָן פאַר אייך.

דער באַריידעוודיקער סטודענט האָט אינם ליכטיקן, שנייאיקן אָוונט געעפנט אַ פּאָר שטילע, פאַרטראַכטע און אין דער זעלבער צייט פאַר׳חידוש׳טע אויגן. אַזוינע אויגן קאָנען נאָר זיין ביי מענטשן וואָס רעדן ווינציק. שמעון איז פונם דאָזיקן אָפּענעם, ערליכן בליק מבולבל געוואָרן... ער האָט ניט געוואוסט, וואָס פאַר אַ נאַרישקייט ער איז דאָ באַגאַנגען מיט זיינע פאַר ווערטער.

דער סטודענט האָט ערנסט אַרויסגערעדט:

— איך בין ניט קליין זיך אַליין צו באַדינען — זיין קול איז געווען קאַלט און רואיק און שטאָלץ פון פאַרדראָס. שמעון האָט זיך נאָך מער פאַרשעמט. דער סטודענט האָט מיט איין מאָל געביטן דעם טאָן. זיין פּייערלעכע ערנסטקייט איז ערגעץ פאַרשוואונדן און ער האָט גוטמוטיק געפרעגט:

— וואָס בין איך עפּעס פאַר אַזאַ מענטש? — די לעצטע צוויי ווערטער האָט ער מיט אַ באַזונדער חנאה אַרויסגערעדט און צעגעגעבן: וואָט פּאַטיעכא!...

שמעון האָט געפילט, אַז ער דאַרף עפּעס זאָגן, ער מוז מיט אַ וואָרט כאַטש דערווידערן דעם געלערנטן מענטשן... יענער וועט נאָך דיינקען, אַז שמעון ווייסט גאָרניט... ער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און ניט געוואַגט און שטיל געזאָגט:

— איר וועט זיך דאָך ניט פאַרגלייכן צו אַ בעזגראַמאָטנע העפּ.

ווידער איז ראַבינאָוויטש'עס פּנים געוואָרן ערנסט, ווי נאָר שוויי־גנדיקע קאָנען זיין ערנסט. ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן און מיט אַ טאָן, אַזוי ווי עס וואָלט אים ווי געטאָן, אויסגערופן:

— מאַלאַדוי טשיעלאָוויעק!...

מער האָט ער גאָרניט געזאָגט, נאָר מיט ברייטע שפּאַן אַוועק אויף דער שטילער פאַרשנייטער גאַס. שמעון איז אים נאָכגעגאַנגען, אַ שולדיקער און אַן איבעריקער. וואָלט ער ניט געהאַט די פּעקלעך אין זיינע הענט, וואָלט ער אַנטלאָפן און פאַר בזיון זיך באַהאַלטן. אַזוי איז ער געגאַנגען און געקוקט אויף יענעמס פּלייצע. ראַבינאָוויטש האָט געשוויגן. זיין פּלייצע האָט, דאַכט זיך, געצוקט.

די פינסטערניש האָט זיך דערווייל געזאַמלט און געבליבן הענגען אין דער הויך, ניט קאָנענדיק באַהערשן די ליכטיקייט פונם קלאָרן שניי.

שמעון האָט שוין מער ניט געקאָנט פאַרטראָגן דעם לערערס שווייגן און געזאָגט: — אפשר בין איך אומגערעכט, אָבער ביי אונז אין רייקי איז געווען אַ לערער, אַ סטודענט פון אומאַן, האָט ער אויס־גענומען מיט די באַלעבאַטים, אַז מען זאָל אים אָפּגעבן אַ באַזונדער צימער מיט אַן הילצערנעם, געפּאַרבטן פּאָל, מען זאָל אים דערצו יעדן טאָג געבן אַ געפּרעסט העמד, אַ פּערטל פּוטער אויף איבערבייסן און אַלע שבת — אויף אַ בילעט קיין אומאַן.

ראַבינאָוויטש האָט געשוויגן און שמעון האָט ווידער ניט גע־וואוסט וואָס צו טאָן מיט זיך: טאָמער האָט ער מיט די עטלעכע ווערטער אָפּגעטאָן נאָך אַ נאַרישקייט.

מיטאַמאָל האָט זיך ראַבינאָוויטש אָנגערופן, אַזוי, גייענדיק מיט דער פּלייצע צו שמעון׳ען:

— און איר האָט אים געהאַלטן?

— שמעון האָט מיט חדוה אונטערגעכאַפּט:

— צוויי זמנים!... מיר האָבן אים אַלע גערופן, געמוזט רופן: ׳גאַספּאָדין אוטשיטיעל׳ און שטייען פאַר אים די גאַנצע צייט ביים לערנען רוסיש.

ערשט איצט האָט זיך ראַבינאָוויטש אומגעדרייט צו שמעון׳ען און זיך הויך און ברייט צולאַכט.

— וואָט טאַק פּאַטיעכאַ! האָט ער עטלעכע מאָל אויסגערופן. זיי האָבן זיך דערנענטערט צום דיאַקס שטוב און באַלד נאָכדעם איז געווען ראַבינאָוויטש׳עס העל־באַלויכטענע וואוינונג. וואָס מער שמעון האָט זיך דערנענטערט צום סטודענט שטיבל, מער אויפגערעגט איז ער געוואָרן. ער האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז אָט־אָט לאָזט ער פאַלן די פּעקלעך און אַנטלויפט. ער האָט דורך די קליינע, באַלויכטענע פענסטער דערזען מענטשן. זיכער איז דאָרט פאַראַן נאָך אַזאַ ווי ראַבינאָוויטש... און אפשר זיינען זיי דאָרט אַלע אַזעלכע... אַז זיי וועלן זיך דערוויסן, וואָס פאַר אַ נאַרישקייט שמעון איז דאָ באַגאַנגען, וועלן זיי אַלע זיכער לאַכן פון אים.

אָט האָט מען שוין אויסגעפּעלט דעם דיאַקס שטוב, און אָט גייט מען שוין איבערן הויכן פּערעלאַז צום סטודענט אויפן הויף. די פּויערישע שטוב איז דאָ אַ צווייזייטנדיקע. איין האַלבע איז פינסטער און אַקעגן דער באַלויכטענער, סטודענטישער וואוינונג זען די פענסטער אין דער אַנדערער האַלבער הויז אויס, ווי פירעקעכדיקע לעכער. אין שטאַל כראַמטשעט אַ פערד. דורך די פאַרמאַכטע טאָפּלטע פענסטער פון סטודענטס וואוינונג הערט זיך אַ געלעכטער און אַ געזאַנג.

— גיט אַכטונג — וואָרנט ראַבינאָוויטש ס׳איז ביי מיר אַ הויכע שוועל. ער האָט איבערגעדרייט דעם פאַררוקער און די דרויסנדיקע טיר האָט זיך געעפנט. זיי זיינען ביידע אַריין אין פינסטערן, פאַרשטיקטן פאָרהייזל. ראַבינאָוויטש האָט גלייך פאַרמאַכט די טיר, און אין דער פינסטער אָנגעטאַפּט די קליאַמקע פון דער שטוב־טיר.

ער האָט זי ברייט געעפנט און אַ וואַרעמער שטראָם פון שטוב־יקער לופט אויסגעמישט מיט פּאַפּיראָסן־רויך האָט אַ שלאָג געטאָן שמעון׳ען אין פנים אַריין, פאַר די אויגן האָבן געשווינדלט נייע פּנימער. סקווירסקי איז שמעון׳ען אַקעגנגעלאָפן, בשעת ראַבינאָוויטש האָט פריילעך אויסגערופן:

— און איך פיר אייך אַ גאַסט, אַ קאַלעגע מיינער. ער האָט דאָס גליק צו עסן ברויט פון לערערײ... — ער האָט זיך אויסגעדרייט צום פאַרשעמטן, פאַרלוירענעם אינגל — גיט נאָר אַהער אייערע פעקלעך!...

סקווירסקי איז שוין געשטאַנען איבער אים. זי האָט געטראָגן אַ שוואַרץ העמדל מיט רויטע פיליקעס אויסגענייט און דאָס האָט איר נאָך שענער געפּאַסט, ווי איר פריצ׳עשער מאַנטל. זי האָט אים אָקעגנגעטראָגן איר האַנט. ער האָט זי קוים באַרירט. נאָכדעם האָט זי אים גענומען אונטער דער האַנט און אים געפירט פון גאַסט צו גאַסט און אים פאַר איטלעכן פאַרגעשטעלט, אָבער שמעון איז געווען אַזוי פאַרלוירן, אַז ער האָט די ערשטע ווײַלע ניט געוואוסט ווער איז ווער. די נעמען האָט ער קוים געהערט און זיי באַלד פאַרגעסן. ערשט שפּעטער, ווען סקווירסקי האָט אים באַזעצט אויף דער לאַנגער, שווערער באַנק, וואָס האָט פאַרנומען די גאַנצע וואַנט פון דער טיר ביזן קעגנאיבערדיקן פענסטער, האָט שמעון באַטראַכט דאָס צימער, און געזען דאָס איז ׳פּראָסט און פּשוט׳ אַ גויש שטיבל, נאָר בילדער פון הייליקע האָבן דאָ געפעלט. ביים פענסטער, דאָרט וואו די באַנק האָט זיך געענדיקט, איז געשטאַנען אַ גרויסער, אומגעלומפּערטער טיש. ביי דער וואַנט אַקעגן — אַ ברייט בעט. דאָס בעט האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן אַ לעזשאַנקע, וואָס איז געווען צוגעבויט צו אַ גרויסן אויוון. דער דאָזיקער אויוון האָט פאַרנומען שיעור ניט אַ האַלבן צימער. אין ווינקל ביים אויוון זיינען געשטאַנען אַ פאַרסמאָלעטע קאָטשערע, צוויי ראָהאַטשעס. אין קעגנאיבערדיקן ווינקל איז איבער דער באַנק געווען צוגעבויט אַ שאַפקעלע פאַר געפעס, פאַרשטעלט מיט הילצערנע און ערדענע שיסלען. דאָס צימער איז געווען העל אויסגעווייסט. אַ שווערער, פירעקיקער באַליק איז געהאַנגען איבערן קאָפּ און אין זיין מיט איז געווען אויסגעהאַקט אַ צלם. שמעון האָט דערזען דעם צלם אין אַ יידישער וואוינונג און אין שרעק אַוועקגע־כאַפּט די אויגן פון אים...

„אַט די חברה — האָט ער געטראַכט — קערן נאָך דאָ פרעסן חזיר אויך!... אַז מען קען לאָזן אַ צלם איבערן קאָפּ, קאָן מען שוין טאָן נאָך עפּעס.״

אַט ווי שמעון איז ניט געווען אויסגעבונדן מיט די רייקי׳ר חברה, האָט ער אָבער חוץ גוי׳עש ברויט קיין אַנדער מאַכל זייערס ניט געגעסן.

ער האָט איצט באַטראַכט די מענטשן אין הויז. זיי זיינען געזעסן אויף דער באַנק און אויפן געלעגער. אויפן ברייטן בעט אַ מיטל־

יעריקער רויטער מענטש מיט אַ שייַן, שפּיציק בערדל. די האָר אויף זייַן קאָפּ זייַנען געווען פאַרקעמט אַרויף און זיי האָבן געשייַנט אַקעגן דעם ברענענדיקן לאָמפּ. ער האָט געטראָגן אַ שמאָלע טוזשורקע, באַצירט מיט העלע, גלאַנציקע קנעפּ. זייַנע אויגן זייַנען געווען גראָ, די נאָז אַראָפּגעבויגן איבער די גראָבע וואָנציעס און די ציין קלייַנע און פאַררויכערטע.

לעבן אים איז געזעסן אַ קלייַנינקער, שוואַרצ'חנ'עוודיקער יונגערמאַנטשיק מיט גלאַנציקע פּענסנע. אויפן זעלבן בעט זייַנען געזעסן צוויי מיידלעך, אייַנע לעבן דעם יוניפאָרמירטן. זי האָט געהאַט גרויסע גרויע אויגן און אַ פּינטל אויף דער רעכטער באַק — און די אַנדערע לעבן דעם מיט די פּענסנע. די איז געווען אַ קלייַנע זשוואווע מיידל אַ קוטשעראַווע, ווי אַ שעפּעלע. זי האָט געהאַט קלייַנע אויגעלאַך, אָבער אַזוינע פינסטערע און גלאַנציקע. ס'איז געווען אוממעגלעך צו קוקן אין די אויגן. שמעון איז געווען זיכער, אַז זי, אָט די טונקעלע, קוטשעראַווע מיידל ווייסט, וואָס ביי אים אין האַרצן טוט זיך.

אויף דער באַנק לעבן שמעונ'ען איז געזעסן סקווירסקי, לעבן איר — אַ גרויסער מענטש אָן וואָנציעס און אָן אַ באָרד, אַ שווייַגנדיקער מיט אַ מילדן בליק אין די טונקל בלויע אויגן. און ראַבינאָוויטש האָט אויפן פּריפּעטשעק סערווירט די סעודה פאַר די געסט.

קאַפּיטל נײַנצן

אַלע חוץ ראַבינאָוויטש׳ן און סקווירסקי׳ן האָבן מיט חידוש באַטראַכט דעם נייעם גאַסט, וואָס האָט זיך פּאַררוקט אין ווינקל, ביים טיש. אַ ווײַלע האָבן אַלע געשוויגן. דערנאָך האָט זיך דאָס קליינע מענטשל מיט די פּענסנע אָנגערופן, (דערביי האָט ער געקוקט אויפן גרויסן געגאָלטן מאַן.)

— איך בין זיכער, אַז ניט מיר, ניט גאָספּאָדין זאַבוטי וועלן זיך פילן געשטערט, ווען מיר וועלן פאַרזעצן אונזער געשפּרעך. ער האָט שמעון׳ס נאָמען אַרויסגערעדט זייער שאַרף, ווי ער וואָלט אים אונ־טערגעשטראָכן. בשעת׳ן דערמאָנען זיין נאָמען האָבן די אַנוועזנדע ווידער באַטראַכט דאָס היכוואָוקסיקע אינגל מיט די שטילע ברוינע אויגן. ערשט האָט שמעון דערזען, אַז אַלע מענער זיצן אָן די היטלען. האָט ער זיין היטל אויך אויסגעטאָן און עס געהאַלטן אויף די קני. סקווירסקי האָט עס מיט אַ שמייכל צוגענומען ביי אים, עס אַ וואָרף געטאָן איבער די קעפּ פון די געסט אויפן ברייטן פיל, דערנאָך האָט זי איר ליכטיק פּנים אומגעדרייט צום אינגל און געזאָגט:

— אָן אַ היטל פּאַסט אייך אַסך בעסער: איר האָט וואונדערליכע, טונקלברוינע האָר, איר הערט זיך צו צום געשפּרעך און איך וועל העלפן ראַבינאָוויטשן אין דער אָקוליאַציע.

זי איז לייכט צוגעלאָפן צום פּריפּעטשעק און שמעון האָט געקוקט דאָ אויפן קליינינקען מיט די פּענסנע, דאָ — אויפן גרויסן, געגאָלטן מענטשן, וואָס האָט אויסגעקוקט, ווי אַ פּויער, ניט לאַנג געקומען פון אַ גרויסער שטאָט.

דאָס קליינע מענטשעלע האָט זיך געהיצט.

— לאָמיר — האָט ער געזאָגט — אָוועקלעגן אויף אַ ווײַלע אַלע אייערע סאָציאַליסטישע לערעס מיט זייערע שיינע פּסוקים. זיי — האָט ער גיפטיק אונטערגעשטראָכן — זיי די פּירער און שרייבער האָבן דאָס רוסישע פאָלק ניט געקענט אַזוי ווי מיר קאָנען עס, פּשוט דער־פאַר, וואָס זיי האָבן מיט דעם ניט געלעבט, און אַלע זייערע ביכער

קוקן ביי מיר אויס, ווי ווילדע פאַנטאַזיעס, וואָס קאָנען שפּעטער מיט יאָרן און יאָרן אָנגעווענדט ווערן אויף ציוויליזירטע איירעפּייער, — ניט אויף איוואַנ׳עך מיט סטעפּאַנ׳ען...אַז סע פעלט אים גאָרניט, דעם מוזשיק...דו געב אים נאָר וואָדאָטשקי, אַ טשאַרקע און דערצו אַ גרויסע! — דאָס קליינע מענטשעלע האָט צענומען זיינע הענט און געוויזן ווי גרויס אַ גרויסע פּויערשע שיסל איז — אַ גרויסע, גרויסע שיסל באָרשטש, — דאַרף ער מער גאָ־אָרניט!...ניט ער וויל זיינע קינדער לערנען, ניט ער שטרעבט צו עפּעס, ער וויל אַפילו אין קלויס־טער אַריין ניט גייען, בעסער געזאָגט: ער איז פויל, פויל, פויל!... גאַנץ רוסלאַנד איז איין שטיק פוילקייט...

שמעון האָט שוין מער אויף קיינעם ניט געקוקט, — נאָר אויפן קליינעם, היציקן מענטשל. ער האָט באַוואונדערט יענעמס פלינקן רוסיש און געטראַכט: „גערעכט, גערעכט!” ער האָט נאָר געוואָרט, וואָס וועט יענער, אָט דער גרויסער שווייגער ענפערן.

יענער האָט גאָרניט געענטפערט, נאָר זיין רואיקער גרויסער פּנים איז פון כעס רויט געוואָרן און ער האָט אין פאַראַכטונג אָוועק־געמאַכט מיט דער האַנט, ווי מען טרייבט אָפּ אַ זלידניע פליג. די באַוועגונג זיינע איז געווען אַזוי קאָמיש, אַז אַלע האָבן זיך צעלאַכט, איבערהויפּט האָט געלאַכט די שוואַרצקעפּיקע, קוטשעראַווע מיידל. די שוואַרצע אויגן האָבן ביי איר געברענט און זי האָט געגלאַנצט מיט שאַרפע ציינדלעך. זי האָט מיט אַ קליין הענטל אָנגעוויזן אויפן גרויסן מענטשן און געזאָגט:

— ער איז אַזאַ ערלעכער!...זעט, ווי שטאַרק ער איז: מיט איין מאַך פון זיין האַנט האָט ער צעקלאַפּט יענעמס אַלע גערעדערייען.

— אָ, האָט זיך דאָס קליינע מענטשעלע געקאָכט — איר האַלט שטענדיק מיט די שטאַרקע.

— און איר — האָט זי אים געענטפערט — איר האַלט מיט די וואָס זיינען קעגן פאָלק, קעגן די שטאַרקע, און איך שווער אייך, איר האָט פאַרשפּילט.

ער האָט אומגעדרייט זיין שיין, צופלאַמט פּנים גלייך צו דער דאַמע און צווידייטיק געזאָגט:

— איך האַלט אין אַלגעמיין מיט די שוואַכע...מיטן שוואַכן געשלעכט...

— מ־מ־מ־ האָט די שווייגנדיקע בלאָנדינקע מיט אָנצוהערעניש אַ מאַך געטאָן און זיך איבערגעקוקט מיטן קליינינקנס אָפּאָנענט. זי האָט צו אים געשמייכלט, אָבער ער האָט זי ווי ניט באַמערקט. ער איז

געזעסן אויף דער שווערער, דעמבענער באַנק און איז ווי איינגעוואַקסן אין איר און מיט איר אין דער ערד. עס האָט אויסגעזען, אַז ווען ער וועט זיך אויפהויבן, וועט זיין גרויסער, קורץ־געשוירענער קאָפּ אונ־טערשפּאַרן די סטעליע און וועט אָט אַזוי דאָס גאַנצע שטיבל אויף זיין קאָפּ אַוועקטראָגן.

דער רויטער מענטש מיט די מעשענע קנעפּ אויף דער שמאָלער טוזשורקע האָט זיך אָנגערופן צום קליינעם מענטשל:

— איר, זייצעוו, לעבט אויפן חשבון פונם פאָלק און איר וואָגט עס צו באַליידיקן.

זייצעוו האָט זיך האַסטיק אַ שטעל אויף געטאָן און מיט אַ פאַר־ענדערט, דין קול אָנגעשטרענגט אויסגערופן:

— איך וועל קיינעם ניט דערלויבן זיך מישן אין מיינע פּריוואַטע אינטערעסן! איך וועל...

— וואָט טאַק פּאַטיעכא! — האָט זיך פונם פּריפּעטשעק דער־הערט ראַבינאָוויטש'עס קול. — עס האַלט שוין ביי איך צו ווייט, מיינע טייערע רעוואָליוציאָנערן... סקווירסקאיא — האָט ער געבעטן — גייט, מאַכט שלום.

סקווירסקי האָט זיך אַוועקגעשטעלט צווישן דעם רויטן אינזשעניר און זייצעוון און זיי געוואָרנט:

איך וועל עפּעס זאָגן און איר מוזט מיר ביידע נאָכזאָגן!

— איך — ניט — האָט זייצעוו זיך גלייך אָקעגנגעשטעלט.

— סקווירסקי האָט בייז אַ טופּע געטאָן מיטן פּיסל.

— שווייגן! האָט זי באַפוילן.

אַלע האָבן זיך שוין באַמיט זי צו פאָלגן. זייצעוו האָט פאַרקוקט צו דער צעבליטער מיידל.

— שולדיק, — האָט ער שוואַך אַרויסגעמורמלט.

— טוט, וואָס איך הייס אייך — האָט זי געשאַפן.

— איך נעם אָן אייער באַפעל מיט פאַרגעניגן — האָט דער רוי־טער געזאָגט.

— פאַלקאָוויטש איז אַ מוסטער פון געהאָרכזאַמקייט — האָט סקווירסקי געלויבט דעם רויטן. — איצט הערט ביידע און זאָגט מיר נאָך: דאָ.

— דאָ — האָט פאַלקאָוויטש מיט חשק אונטערגעכאַפּט און זיי־צעווס שטימע האָט זיך אים פאַר'עקשנ'ט און איבעריק נאָכגעשלעפּט...

— בודיעט, האָט סקווירסקי דיריגירט מיט ביידע הענט.

— בודיעט — האָבן שוין ביידע מענער איינעם געזאָגט.

— מיר — האָט זי פייערלעך אויסגערופן.
— מיר — האָבןביידע געמוזט נאָכזאָגן.

— בראַוואָ! — האָט סקווירסקי אויסגערופן. נאָכדעם האָבן אַלע געשריען בראַוואָ און מען האָט באַלד דערלאַנגט צום טיש פולע טעלער מיט אַנגעשניטענעם הערינג און ברויט מיט פּוטער. ווער ס'האָט ניט געהאַט קיין אָרט ביים טיש, האָט זיין פּאַרציע באַקומען אויף די הענט. ס'ערשטע האָט מען יעדן דערלאַנגט אַ גלעזל. ראַבינאָוויטש איז אומ־געגאַנגען מיט אַ קאַראַפינקע בראַנפן אין די הענט און אָנגעגאָסן יעדנס גלעזל, די מענער — פולע, די מיידלעך — צו עטלעכע טראָפּנס. דאָס לעצטע גלעזל האָט ראַבינאָוויטש אָנגעגאָסן פון זיינעטוועגן. ער האָט זיך געזעצט צווישן סקווירסקי'ן און שמעונ'ען. ער האָט אויפגעהויבן דאָס גלעזל אין דער הויך און אויסגערופן: לחיים!

אַלע האָבן אין כאָר געענטפערט לחיים. ביים גרויסן, געגאָלטן מענטשן איז אַרויסגעקומען „לייהייעם", און שמעון האָט פון דעם געדרונגען, אַז יענער איז ניט קיין ייד. סקווירסקי האָט אים גע־פּרוּווט נאָכמאַכן דעם שיינעם 'לייהייעם.' און אַלע, אַפילו דער געגאָלטער אַליין, האָבן געלאַכט.

זייצעוו איז אַראָפּ פונם פּיל, אויפגעהויבן דאָס גלעזל אין דער הויך און אויסגערופן:

— פאַרן געזונט פון אונזערע געהערטע דאַמען! — ער האָט זיך מיטן אויפגעהויבענעם גלעזל אומגעדרייט אַרום און אַרום און עס פאַרזיכטיק אויסגעטרונקען. דאָס מיידל לעבן אים האָט אַלעמען גע־וואונטשן געזונט און צוגעטוליעט די ליפּן צו די ברענענדיקע טראָפּנס. זי האָט זיך שטאַרק פאַרקרומט און מיט אַ קליין טיכעלע געהאַלטן אין איין ווישן די העל־פאַרביקע ליפּן.

דער גרויסער, געגאָלטער מענטש האָט אַזוי געזאָגט:

— פאַרן אויפבוי פון מיין דערנידעריקט פאָלק און פאַרן געזונט פון אַלע דערנידעריקטע און באַליידיקטע! — ער האָט דאָס גלעזל געטאָן לייכט אַ קער איבער און דער בראָנפן איז אַריינגעפלויגן אין זיין גרויס מויל אַריין.

נאָכדעם האָבן די אַנדערע געטרונקען לחיים. עס האָט זיך דער־נענטערט שמעונ'ס ריי. ער איז געוואָרן אויפגערעגט און שוין ניט געהערט, וואָס מען האָט גערעדט. ער האָט איין ציטעריקע האַנט געהאַלטן אויף דער קני אונטערן טיש און מיט דער צווייטער האַנט האָט ער זיך געהאַלטן אָנם גלעזל.

ס'איז געוואָרן שטיל. ער האָט געוואַרט. אַלע האָבן געוואַרט. ער האָט געפילט אַלעמענס אויגן אויף זיך. ער האָט ניט געוואָלט, ניט געקאָנט קוקן אויף קיינעם און דאָך אַ קוק געכאַפּט און דערזען, אַז אַלע קוקן נאָר אויף פּאַלקאָוויטש'ן און וואַרטן שווייגנדיקע. יענער שטייט אין מיטן שטוב מיטן פולן גלעזל אין דער אויסגעשטרעקטער האַנט. זיין פּנים איז פאַרטרוימט, ווי ער וואָלט געווען ניט דאָ און מיט אַ געהיימניספול פּנים, פול מיט פייערלעכקייט און גלויבן ברענגט ער שאַרף און קלאָר אַרויס:

— פאַרן אויפבלי פון קאָמוניזם.

אַלע חוץ זייצעוו און ראַבינאָוויטש'ן אַפּלאָדירן. שמעון האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן — אַפּלאָדירן צי ניט: ער האָט אַלץ איינס ניט געקאָנט אָפּרייסן די ציטערדיקע האַנט פונם גלעזל.

— זאָגט אַ וואָרט, — האָט אים ראַבינאָוויטש געמונטערט.

שמעון האָט זיך אויפגעשטעלט און דערפילט אַ פראָסט אויף די באַקן. די שטוב מיט די מענטשן האָט געטאָן אַ שווים אַוועק פון אים. זיי האָבן זיך אַלע אַ וויג געטאָן און אַנגעפלויגן אויף אים מיט וואַרטנ־דיקע, שמייכלענדיקע אויגן, צוריק אָפּגעשוואומען און קוקן שוין אַלע אויף אים פון וויטן... זיי ווילן ניט הערן, וואָס ער וועט זאָגן. ער האָט שווער און לאַנג אָפּגעאָטעמט און קוים אַרויסגעבראַכט:

— פאַרן אויפבלי פון אַלץ וואָס איז גוט!

— בראַוואָ! — האָט ראַבינאָוויטש אומגעווײנלעך אויסגערופן.

— בראַוואָ! — האָט סקווירסקי אונטערגעכאַפּט.

— „בראַוואָ! בראַוואָ! בראַוואָ!" פון אַלע זייטן האָט מען גע־שריגן „בראַוואָ" און שמעון איז געשטאַנען מיטן גלעזל אין דער האַנט... ניט ער האָט זיך געקליבן אַוועקזעצן, ניט ער האָט פאַרזוכט דעם בראָנפן.

— טרינקט האָט אים ראַבינאָוויטש אַ שטורכע געטאָן.

שמעון האָט אַביסל אָפּגעטרונקען און, אַ דערשעפּטער, זיך אַוועק־געזעצט. ער האָט זיך עטוואָס באַרואיקט און זיך דערמאָנט אָן דער אויסערגעווײנלעכער פייערלעכקייט פונם רויטן פּאַלקאָוויטש'ן. בעת יענער האָט געזאָגט: 'זא פּראָצוויעטאַניא קאָמוניזמא.' ער האָט דעם מענטשן אויפמערקזאַם באַטראַכט. די ערשטע צוויי ווערטער האָט ער פאַרשטאַנען, דאָס דריטע האָט ער קיינמאָל ניט געהערט. ווייזט אויס, ס'איז עפּעס אַ וויכטיקע זאַך, זייער, זייער אַ וויכטיק וואָרט, אַז מע קאָן אַזוי רעדן דערפון... וואָס זאָל דאָס זיין???... וואָס זאָל דאָס באַטייטן?... ער וועט אַ קוק טאָן אין ווערטער בוך... ווען

ער שעמט זיך ניט, פרעגט ער שוין ראַבינאָוויטש'ן. ניין, ניט איצט, ווען אַלע קוקן אויף אים. סקווירסקי האָט אים צוגערוקט אַ שטיקל הערינג מיט ברויט מיט פּוטער. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער איז אַן אַ היטל... ער האָט נאָך זינט ער לעבט אַן אַ היטל ניט געגעסן. ער האָט זיך מאָדנע אַרומגעקוקט... ראַבינאָוויטש האָט אים פאַר־שטאַנען. ער האָט זיך צוגעבויגן צום אינגל און אים געפרעגט:

— מעריב האָט איר היינט געדאַוונט?...

— אוי, ניין! — האָט זיך שמעון אַ כאַפּ געטאָן.

— נאַט אייך מיין האַנט — האָט דער סטודענט שטיל געזאָגט — שמעון האָט אים געדרוקט די האַנט...

— איך שווער אייך — האָט אים דער סטודענט פאַרזיכערט — אַז איך נעם אייער עבירה פאַר ניט דאַווענען היינט און מאָרגן און אַ גאַנץ יאָר — אויף זיך...

ער האָט עס געזאָגט אַזוי לייכט און וואַרעם, און פריילעך, נאָכ־דעם זיך אַזוי האַרציק צעלאַכט, אַז שמעון האָט זיך ניט געקאָנט באַ־הערשן און זיך צעלאַכט און פונם געלעכטער איז אים געוואָרן גרינג אויפן האַרצן. ער האָט גענומען דאָס גלעזל בראָנפן און עס אינגאַנצן אויסגעטרונקען.

קאַפּיטל צוואַנציק

ער האָט געטרונקען און געפּילט בשעת מעשה, אַז ראַבינאָוויטש נעמט אים דורך מיט ליכטיקע, ברייטע אויגן. באַלד ווי ער האָט אָוועקגעשטעלט דאָס ליידיקע גלעזל צוריק אויפן טיש, האָט ער זיך באַגעגנט מיט ראַבינאָוויטש'עס אויגן. זיי האָבן העל געגלאַנצט, ווי פון אַן אומגעוויינלעכער, וויכטיקער דערמאָנונג, וואָס קומט אַן פּלוצים און באַרוישט...

— איי דא פּאַטיעכא! — האָט ראַבינאָוויטש לעבעדיק אויסגע־רופן — טייערינקער מיינער! נו, און וואָס איז געוואָרן מיט יענעם שרעקלעכן בריוו, וואָס האָט אייך אַזוי צעטומלט?

פּונקט ווי פריר מיט אַ ווײַלע, ווען שמעון האָט געזאָלט טרינקען לחיים, — אַזוי האָט ער אויך איצטער דערפילט אַ פראָסט אויף די באַקן און גלייך האָט אין זיי אַ שלאָג געטאָן אַ היץ, וואָס האָט אים פאַרגאָסן דאָס גאַנצע פּנים מיטן האַלדז. אין די אויערן האָט עס אָנגעהויבן צו רוישן, ווי בשעת מען טונקט זיך אונטער... אין די אויגן האָט ער דערפילט טרערן... דאָס אינגל איז געקומען פּנים אל פּנים מיטן ריינעם אָבער אומריינעם אמת און ער האָט זיך אַזוי דער־שראָקן, אַז ראַבינאָוויטש האָט זיך פאַרלוירן,אויף אים קוקנדיק... און אַלע געסט האָבן זיך פאַרקוקט אויף דיביידע, וואָס האָבן זיך אָנגעקוקט, איינער מיט שוואַרצע, פריילעכע אויגן און דער אַנדערער מיט ברוינע, פון טרערן פינקלדיקע און פאַרלוירענע אויגלעך... ווער עס איז געבליבן מיט אַ פול אָנגעשטאָפּט מויל, ווער — מיט אַ גלעזל אין האַנט. ביי פאַלקאָוויטש'עס שכנה האָבן די אויסערגעוויינלעך ווייסע ציינדלעך געגלאַנצט נאָר אויף אַ ביס צו טאָן.

דער גרויסער, שווייגנדיקער אוקריינער האָט זיך דער ערשטער אָנגערופן:

— אויב מיר וועלן אַזוי אויפנעמען געסט, וועט מער צו אונז קיינער ניט קומען, און דער מאַלאַדיעץ וועט אויך אַנטלויפן.

זייצעוו האָט כיטרע באַמערקט:

— דא דא, ליבע איז זייער אַ סענסיטיווע זאַך.

דער צעשראָקענער שמעון האָט אומגעדרייט זיין צופלאַמט פּנים צו זייצעוו'ן און זיך פאַרטיידיקט:

— ביי גאָט, ניט דאָס, וואָס איר האָט געזאָגט!

האָבן זיך שוין די מיידלעך צולאַכט און זייצעוו האָט טריאומפּי־רנד אויסגערופן:

— וואָס זשע האָט איר זיך אַזוי פאַרלוירן? אויב אַ קאָנספּי־ראַציע, זיצן דאָ גרעסערע פון אייך... — ער האָט אונטערגעוואונקען אויף פאַלקאָוויטש'ן און דעם אוקריינער.

— האָדי, האָדי! — האָט דער אוקריינער איבערגעריסן זייצעוו'ן. און סקווירסקי האָט זיך אָוועקגעשטעלט אין דער ראָל פון אַ דיריגענט און שטיפעריש באַפוילן:

— האָדי!

אַלע האָבן אין כאָר אויסגערופן „האָדי". זיי זיינען דאָ אַלע געווען אויפגעלעגט, נאָר שמעון האָט זיך פאַרלוירן מער און מער און בכדי מען זאָל אים ניט חושד זיין אין אַזאַ זאַך, ווי ליבע, האָט ער באַשלאָסן צו ווייזן דעם בריוו, וואָס ער האָט פון רייקי דערהאַלטן...ס'איז זיך ניטאָ מיט וואָס צו באַרימען, אָבער שענער פון ליבע איז עס פאַרט...

— אָט איז עס — האָט ער געזאָגט, אַנטאָפנדיק דעם בריוו אין קעשענע. ער האָט אים דערלאַנגט ראַבינאָוויטש'ן. דער סטודענט האָט זיך פאַרלוירן.

— לייענט אין דער הויך — האָט שמעון, אַ באַרוישטער אויס־גערופן.

— נו, דאָס איז שוין עפּעס — האָט זיך ראַבינאָוויטש געררוקט צוריק און סע האָט אים שוין באַנג געטאָן זיין נייע באַקאַנטשאַפט. שמעון האָט זיך אָנגענומען מיט נייעם מוט און שיעור ניט מיט אַ הפקר'דיקן טאָן אויסגערופן:

— נו, וועל איך אַליין איבערלייענען.

ער האָט אַרויסגענומען די בויגעלעך פּאַפּיר פונם גרויסן בלויען קאָנווערט.

— אַ פרויען־האַנטשריפט — האָט פאַלקאָוויטש'עס שכנה טראַ־ציק באַמערקט. שמעון האָט איר באַמערקונג געהערט, דעריבער האָט זיין שטימע אַ ציטער געטאָן און ער האָט אָנגעהויבן צו לייענען.

אין שטיבל איז געוואָרן אויסערגעוויינלעך שטיל.

ביערו פיעראָ וו רוקי

פישו פיסמאָ סאָ סקוקי, האָט שמעון דעקלאַמירט.

אַלע האָבן זיך מיט איינגעהאַלטענעם געלעכטער איבערגעקוקט, אָבער שמעון האָט געלייענט ווייטער און ווייטער... און אָט האָבן זיך די גראַמען געענדיקט און עס האָט זיך אָנגעהויבן געווײנלעכע פּראָזע, וואָכעדיקע געשעענישן. נאַטירלעך, האָט שמעון איצט זיין שטימע נידריק און וואָכעדיק געמאַכט, אָבער דאָ ערשט האָט ער דערפילט, ווי די פריערדיקע שטילקייט איז נאָך איינגעהאַלטענער געוואָרן... און אַזוי האָט די פייערלעכע שטילקייט אָנגעהאַלטן ביזן סוף פונם בריוו, ביז די גרוסן.

די גרוסן האָט ער ניט פאַרגעלייענט און אָנגעשטעלט טריאומפירנדיקע אויגן אויף זייצעוו'ן. זייצעוו האָט איגנאָרירט דאָס אינגל און זיך געווענדט צו פאַלקאָוויטש'ן:

— אייער מי איז ניט אומזיסט.

פאַלקאָוויטש איז געזעסן גערירט. ביים אוקריינער זיינען די לענגליכע אויגן געווען פול מיט טרערן. ראַבינאָוויטש האָט געקוקט אויף שמעונ'ען אַנטציקט, ווי מען קוקט אויף אַ געראָטן קינד. די מיידלעך האָבן זיך געריסן זען די האַנטשריפט פון דער בריוו־שרייבערן.

פאַלקאָוויטש האָט זיך געווענדט צו זייצעוו'ן:

— איר זעט? פויערשע קינדער רעוואָלטירן שוין, און איר האַלט זיך נאָך אַלץ ביי אייערע פאַרשימלטע פילאָזאָפיעס.

דאָס בריוועלע — האָט זייצעוו מיט פאַראַכטונג געזאָגט — באַשטעטיקט נאָר מיינע אומבאַשטרייטבאַרע געדאַנקען. אַז דער פויער באַדאַרף אויסערן מאָגן גאָר ניט... ביי אייך איז דאָס אַ גרויסע דערגרייכונג, און ביי מיר קוקט עס אויס: פשוט פאַרן מאָגן און צוליבן מאָגן!... און קיין העכערע צילן זיינען דערביי ניטאָ... און די אַלע זאַכן האָבן אַזוי צו טאָן מיט אייער מאַרקסיזם, ווי איך מיטן טערקישן סולטאַן...

— איין מינוטקעלע, איין מינוטקעלע — האָט פאַלקאָוויטש אים איבערגעריסן — דאָס וואָס איר זעט ניט קיין שיינקייט און קיין דערהויבענעם ציל אין דער זאַך, באַווייזט נאָר, אַז איר האָט רעוואָליוציאָנערע הינער־בלינדעניש. פאַר אונדז איז ניט וויכטיק, צו מען האָט פאַרבערענדט דעם קורין פון אַ גוטבאַזיצערס אַ שומר...

— נאָר וואָדען, נאָר וואָדען ? ? . . . — האָט זייצעוו בייז אויס־גערופן.

— . . . פאַר אונז איז וויכטיק, וואָס די פויערשע קינדער, וועלכע זיינען דערצויגן געוואָרן אויף גאָטס הילף און גאָטס גנאָד, האָבן שוין מער אויף אים ניט געוואָלט וואַרטן און האָבן זיך אַליין געהאָלפן.

פאַלקאָוויטש׳עס פּנים האָט זיך אויסגעלייטערט און זיינע רויטע האָר האָבן געשיינט מיט אַ פייערדיקן אָפּשיין אַקעגן דעם ברענענדיקן לאָמפּ.

זייצעוו האָט שוין מער ניט געקאָנט איינזיצן. ער איז אַראָפּ פונם פּיל, אין גרויס אויפרעגונג צוגעלאָפן צו דער טיר און אויסגע־רופן:

— אין מיינע אויגן זענט איר בלויז גוטזאָגער פאַר פאַרברעכן. דאָ זיצט גאָספּאָדין זאַכאַרענקאָ . . .

— יאַ וואַם ניע האָספּאָדין ! האָט זיך זאַכאַרענקאָ אָנגערופן :

— נו, טאָוואַרישטש, טאָוואַרישטש — האָט זייצעוו מיט פאַר־אַכטונג איבערגע׳חזר׳ט — ס׳איז מיר ניט אָנגענעם צו זאָגן, אָבער הערט : איר וועט געדיינקען מיינע רייד, די אַלע קליינע ווייסע חברה׳־ניקעס — אויב עס וועלן זיך נאָך געפינען מענטשן, וואָס וועלן לויבן זייערע שיינע מדות — וועלן אויסוואַקסן גזלנים, רוצחים און זיי וועלן נאָך מאַכן פּאָגראָמען אויף יידן.

ראַבינאָוויטש האָט די גאַנצע צייט געגעסן. איצט האָט ער האָס־טיק געטאָן אַ רוק אַוועק דעם טעלער פון זיך און אויסגערופן :

— זייצעוו, זייצעוו, באַהערשט זיך !

דער גרויסער, שווייגנדיקער זאַכארענקאָ האָט זיך געריסן צום וואָרט, ער האָט נאָר ניט געוואָלט איבערשלאָגן ראַבינאָוויטש׳ן.

— הערט — האָט ראַבינאָוויטש געזאָגט — אַז סע וועט זיין אַ רעוואָליוציע, וועלן קאָנטררעוואָליוציאָנערן זיכער מאַכן פּאָגראָמען און די קאָנטררעוואָליוציאָנערן וועלן זיכער אויסנוצן אַסך פון די ווייסע חברה׳ניקעס, אָבער געדענקט, אַז איר, איר וועט אויך האָבן אַ חלק אינם פּאָגראָם, ווייל איר זענט קעגן רעוואָליוציע !

זייצעוו האָט אויסער זיך געהויבן ביידע קליינע פויסטן צום קאָפּ. זיינע פּענסנע האָבן שרעקלעך געגלאַנצט . . .

— גאָט — האָט ער גערופן — גאָט ! אין וואָס מען באַשולדיקט מיך ! ! — זיין דין קול האָט זיך אָנגעבראָכן — און דאָס רעדט אַ

לערער, אַ דערציער פונם יונגן דור?!... איינער דערציט און דער צווייטער פּראַקטיצירט... אַז איך וועל הייראַטן און גאָט וועט מיר שיינקען קינדער, וועל איך זיי בעסער פאַרשפּאַרן אין אַ שטייג, איידער זיי איבערגעבן אין אייערע הענט!

שמעון איז געזעסן און שטאַרק פאַר'חידוש'ט געקוקט אויף די אַלע מענטשן. ער האָט קוים פאַרשטאַנען אַלץ, וואָס זיי האָבן גערעדט. ער איז געווען שטאַרק צומישט, געוואָלט וויסן, ווער פון זיי איז גע־רעכט און ניט געקאָנט דערגייען קיין עק. זיין בריוו איז נאָך געלעגן אויפן טיש. ער האָט אים פאַרזיכטיק אַריינגעלעגט אין קאָנווערט און אים באַהאַלטן אין קעשענע. זייצעוו האָט עס באַמערקט און געזאָגט:

— און איר, מאַלאַדאַי טשיעלאָוויעק, וואָלט אָט דעם שיינעם בריוו אַפילו ניט געדאַרפט מער אַרומטראָגן ביי זיך: איר'ט זיך נאָך אָנפרעגן אַ צרה...

שמעון האָט אַ קוק געטאָן אויף ראַבינאָוויטש'ן. יענער האָט גע־שמייכלט ליכטיק און דערמוטיגנד. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און געזען, אַז אַלע קוקן אויף אים, אַז ביי די מיידלעך שיינען די אויגן פון באַוואונדערונג. ער האָט אָנגעהויבן צו באַנעמען, אַז אַלע זיינען דאָ קעגן זייצעוו'ן, און דאָס מיינט, אַז ער איז שולדיק אין אַלעמענס אויגן. אָבער שמעון האָט ניט געוואוסט פאַרוואָס: זייצעוו האָט פאַר־דאַמט גנבה, גזלה און הפקרות... און אַלע זיינען קעגן אים... און וואָס איז דאָס אַזוינס קאָמוניזם, רעוואָליוציע און קאָנטררעוואָליוציע?..? וועגן פּאָגראָמען האָט ער געהערט. ער איז דאַמאָלט אַלט געווען זעקס יאָר. מען האָט אין הויז ביי זיי גערעדט פון פּאָגראָמען... גוים קוילן אויס יידן. זיי האָבן אַפילו אויף קליינע קינדער קיין רחמנות ניט... קיין רייקי זיינען די צרות ניט דערגאַנגען . . . דער קיסר, האָט מען געזאָגט, האָט מער ניט געהייסן... יידן האָבן תפלה געטאָן צו גאָט — און עס האָט געהאָלפן... די גע'הרג'עטע האָט מען גערופן קדושים.....

ער האָט אַזוי געטראַכט און געזען, ווי סקווירסקי איז צוגעגאַנגען צו זייצעוו'ן, אים אָנגענומען ביי אַ האַנט אַזוי ווי אַ מאַמע נעמט אַן אַ קינד, ווי זי האָט אים צוגעפירט צום פּיל און זיך אים געהייסן זעצן. זי האָט אים צוגעטראָגן אַ הייסע גלאָז ציקאָריע און אים געהייסן טרינקען... ער האָט זי געפאָלגט. זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין מיטן צימער און אַלעמען איבערגעבעטן מיטן נאָכזאָגן דעם שיינעם „דאַ בודיעט מיר" אָבער קיין שלום האָט שוין ניט געקאָנט זיין. פאַרקערט, אין דער שטילקייט, וואָס האָט זיך נאָכן מאַמר אָנגעהויבן, האָט זיך

געפילט אַן ענגשאַפט, אַז ס׳איז געווען שווער צו אָטעמען. זאכארענקאָ האָט זיך שווער געדרייט אויף דער באַנק און אויסגעמיטן צו קוקן אין די אויגן . . . שפעטער האָט ער זיך אויפגעהויבן, זיך שטיל געזעגנט מיט אַ נויג צו אַלעמען און זיך שטאַרק אָנגעבויגן צו דער נידריקער טירביים אַרויסגאַנג.

שפעטער האָבן זיך פאַרלעכוויז אַרויסגערוקט — פאַלקאָוויטש מיט דער שוואַרצחנעוודיקער מיידל, זייצעוו מיט דער בלאָנדער, נאָר שמעון מיט ראַבינאָוויטש׳ן און סקווירסקי׳ן זיינען געבליבן, ווי אייגענע מענטשן—(אין דער אמת׳ן האָט ער זיך געפילט זייער פרעמד) און קליין — קליין אין פאַרגלייך מיט די צוויי וואונדערליכע מענטשן, און ער האָט זיי געהאָלפן צוראַמען דאָס שטיבל.

קאַפּיטל איין און צוואַנציק

איבערגעבן שמעונ'ס געדאַנקען, נאָכדעם ווי ער האָט זיך מיט די נייע מענטשן אין אַטשערעטניע באַקאַנט און זייערע געשפּרעכן געהערט, — וואָלט געווען פּונקט אַזוי אוממעגלעך, ווי אוממעגלעך עס איז איבערצוגעבן די צאָל טראָפּנס פון אַ רעגן און דעם קלאַנג פון זייער פאַלן און בשעת מעשה — דאָס רוישן פונם ווינט, דאָס שפּיל פון די וואָלקנס און דאָס פּלוצימדיקע אויפשיינען פון דער זון, דאָס געזאַנג פון די פויגלען און די קולות פון מענטש און חיה אין שרעק און אין רו.

שמעון אַליין האָט ניט געוואוסט, וואָס מיט אים קומט פאָר... איין זאַך האָט ער באַנומען: ער איז געוואָרן עלטער און אַ העלע, שניידנדיקע שיין, וואָס איז פּלוצים געקומען צו אים, האָט אים איינ־גאַנצען פאַרבלענדט.

דער ווינטער איז געווען קאַלט און גרויס, און שיין, ווי אַ גרויער, פאַרביקער דיאַדקאַ, וואָס איז אַביסל אונטערן גלעזל, אָבער זיין שיכרות איז ניט געפערלעך.

די פריערדיקע שנייען האָבן זיך איינגעפּרעסט און זיך אַראָפּגע־זעצט, אָבער נייע, פרישע שנייען האָבן זיי באַדעקט און די אַטשער־עטניע'ר קליינוואַרג האָט זיך גאַנצע פאַרנאַכטן געגליטשט. שמעון האָט זיך זייער געוואָלט גליטשן און זיך געשעמט, אַפילו ווען ער האָט אויפן ברייטן באַרג אַנגעטראָפן זיינע לערער. ער האָט ניט פאַרשטאַנען, ווי פאָרן זיך ערנסטע רייד מיט פּוסטעפּאַסעווען און מיט גליטשן זיך איניינעם מיט שקצים און שיקסעס...

„אַז זיי טוען עס, מסתמא דאַרף עס אַזוי זיין" — האָט ער גע־טראַכט, און ער האָט איינמאָל פאַרנאַכט, גייענדיק מיט ראַבינאָוויטש'ן פונם גליטש, געפרעגט דעם סטודענט:

— אייך אינטערעסירן די אַ? — ער האָט מיט די אויגן אָנגעוויזן אויף די אָנגעפּעלצטע מענטשן, וואָס האָבן ווי ווילדע זיך געיאָגט אויפן גליטשיקן באַרג.

דער סטודענט האָט אים שווייגנדיק אָנגעקוקט, פריר מיט פאַר־דראָס, נאָכדעם מיט פאַרגעבנדיקע אויגן.

— מיט וואָס ווייזט זיך אייך אויס, בין איך בעסער פון זיי ? זענט איר בעסער פון זיי ?... אייער גליק, וואָס סקווירקסקי איז היינט ניטאָ מיט מיר, זי וואָלט אייך שוין געגעבן אַ פּסק...

שמעון האָט געוואָגט צו ענטפערן :

— נו, סקווירסקאיא האַלט זיך ווי אַ פּריצה, זי רעדט אפילו צו זיי ניט.

— מאָלאָדוי טשיעלאָוויעק ! — האָט ראַבינאָוויטש אויסגערופן — איר'ט עלטער ווערן, וועט איר קליגער ווערן.

— איך פיל, — האָט שמעון געזאָגט, — אַז איך בין עלטער געוואָרן, אָבער...

— ...ניט קליגער — האָט ראַבינאָוויטש פריילעך אונטער־געכאַפּט.

עס האָט אַ צי געטאָן אַ קאַלטער ווינט. ראַבינאָוויטש האָט אויפ־געשטעלט דעם פוטערנעם קאָלנער פון זיין מאַנטל. זיין פּנים איז געוואָרן שמעלער און קלענער, אָבער די אויגן זיינען ווי גרעסער געוואָרן, גרעסער און פאַרשטענדלעכער.

— וואונדערליך, האָט ער פאַמעלעכן געזאָגט און ווידערהאָלן. — אודיוויטיעלנאָ ! איר, וואָס זענט אַזוי צונויפגעוואַקסן מיט זיי, זאָלט אַזוי רעדן...

שמעון האָט אים שלעכט פאַרשטאַנען און זיך פאַרענטפערט :

— נו, וואָס האָב איך געזאָלט טאָן, אַז איך האָב קיין אַנדערע חברים ניט געהאַט ?...

— נו, נו... — האָט אים ראַבינאָוויטש איבערגעשלאָגן... — לאָמיר שוין רעדן פון פריילעכערע זאַכן... אייך איז ניט קאַלט ?

— ניין, האָט שמעון געזאָגט.

— פונדעסטוועגן בריה'ט זיך ווינציקער און — לאָמיר גייען אַהיים, ס'א פוילער ווינט און ער קריכט אין די ביינער... ער איז געקומען אויפפרעסן דעם שניי... איר ווילט גייען צו מיר ? קיין געסט וועל איך היינט ניט האָבן, אָבער איך וועל אייך ניט לאָזן זיך לאַנגווייליקן... גייען מיר ?

שמעון האָט איינשטימיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

דער סטודענט האָט אים גענומען אונטער דער האַנט, ווי אַ פּריץ — אַ פּריצה.

שמעון האָט זיך געפילט געהויבן און אין דער זעלביקער צייט אומבאַקוועם.

אַ ווײַלע האָט ראַבינאָוויטש געשוויגן און באַלד האָט ער אָנגעהויבן רעדן:

— איר האָט ליב צו לייענען גוטע ביכער?

— יאָ, האָט שמעון געענטפערט.

— דאָס איז זייער גוט און שיין און נוצליך — האָט ראַבינאָוויטש געזאָגט — מאַלאַדוי טשיעלאָוויעק, עס זיינען אָנגעשריבן געוואָרן אַזוינע וואונדערלעכע ביכער! די גרעסטע מחות פון דער וועלט קענען ניט באַנעמען דעם כח פונם דיכטער, וואָס האָט די וואונדער געשאַפן! פריעקראַסנאָ... אָבער דאָס שענסטע בוך — איז דער מענטש!... דער לעבעדיקער, טראַכטנדיקער, ליבנדיקער, האַסנדיקער, ליידנדיקער מענטש!... און יעדער מענטש באַשטייט פון אַזוי פיל מענטשן! און יעדער מענטש אינם מענטשן איז אַ וועלט מיט וועלטלאַך פאַר זיך. און ווער עס איז געבענטשט מיט אַ באָאָבאַכטונגס-אויג און קאָן אַריינבליקן אין די אַלע וועלטן, — דער איז דער רייכסטער, דער גייסט-רייכסטער אין דער גאָרער וועלט!...

„איר זעט אָט די אַלע ווייסע חברהניקעס? ווי קוקן זיי אויס אין אייערע אויגן? ווי אַ סטאַדע ווילדע לאָשעקלעך, וואָס זיינען אַרויס פונם שטאַל אויפן פרייען פעלד... קוקט זיך אָבער צו צו יעדן איינעם פון זיי, קומט נאָר אַריין צו יעדן פון זיי אין כאַטע און זעט, ווי זיי לעבן, הערט זייערע מעשיות, זייערע קרעכצן, זייערע לידער, קוקט אַריין אַביסעלע טיפער — וועגן יעדן פון זיי קאָן מען אָנשרייבן בערג מיט ביכער... פאַרוואָס ווייז איך אייך אָן אויף זיי, ווייל איר האָט זיך אַ זאָג אָפּ געטאָן „זיי". איך זע, אַז איר הערט, — טאָ הערט זשע: אַזוי לאַנג ווי עס וועלן זיין מיר און זיי, וועט דאָס שלעכטס הערשן אויף דער וועלט. זיי קענען אונז ניט, און מיר קענען זיי ניט, און מיר לעבן דאָך צוזאַמען און מיר ליידן דאָך צוזאַמען, פאַרוואָס זשע גרענעצן מיר אָפּ אונזערע ליידן פון זייערע, פאַרוואָס? פאַרוואָס גיסן מיר זיך ניט צונויף מיט זיי אין איין מעכטיקן שטראָם און שווייקען ניט אַרונטער די משא, וואָס דריקט אונז אַלעמען?... איר הערט, וואָס איך רעד צו אייך? פאַרוואָס שווייגט איר? וואָס ציטערט איר? ס'איז אייך קאַלט? שפּיליעט זיך גוט צענויף און שטעלט אויף אייער באַשליק...

שמעון האָט אים געפאָלגט.

— קיין הענטשקעס האָט איר ניט?... אַ שאַד! נו, באַהאַלט אייערע הענט אין די קעשענעס... אָט אַזוי... און איצט מאַרשירן מיר ווייטער... יאָ, איך האָב פאַרלוירן מיינע געדאַנקען... אָ, איך האָב נייע!... איר לעבט שוין דאָ... ווי לאַנג זענט איר שוין דאָ?

— זעקס וואָכן.

— איך בין שוין דאָ דעם דריטן זמן. געקומען פון ווינניצע, אַ גרויסע שטאָט... בין געווען פאַרטראָגן מיטן לערנען, אין הויך־הויכע ענינים און די וועלט פאַר זיך ניט געזען. ערשט דאָ האָב איך זיך „אַראָפּגעלאָזט"... תחלת האָב איך זיך דערשראָקן: געמיינט, איך ווער פאַרמוזשיקעוועט, אָבער — ניט געפערלעך, איך קוק איצט גאָר אַנדערש אויף זאַכן. איך האָב זיך דאָ באַקאַנט מיט אַסך פּויערים, מיט זייערע ווייבער און קינדער. נו, און די יידן דאָ, אויך אינטערעסאַנטע טיפּן, איך ווייס נאָר ניט צו וועלכען קלאַס זיי צורעכענען...

ער איז אַנשוויגן געוואָרן און געשמייכלט צו זיך אַליין.

— אַך, — האָט ער באַלד אויסגערופן — ווען איך זאָל זיין אַ שרייבער און זאָל וועלן שרייבן וועגן אַטשערעטני׳ער יידן און פּויערים, וואָלט איך פאַר מיינע דריי הויפּט־העלדן געמאַכט: אַרונ׳ען, דעם גוטבאַזיצער און מיכאַלקאַ קאָוואַלטשוקן. מיט אַזעלכע דריי טיפּן וואָלט ניט פאַרשעמט געוואָרן דער גרעסטער קלאַסיקער... נאַטירלעך, איך גיי אַראָפּ פון מיין פריערדיקן וועג, אָבער דאָס איז ניט אומאינטערעסאַנט... דאָס איז בלויז ליטעראַטור...

„איך דערציילן די גאַנצע מעשה, דאַרף געדויערן ניט איין טאָג און ניט איין נאַכט. איכ׳ל עס אייך דעריבער מאַכן בקיצור:

„דער גוטבאַזיצער:

„אַ מיטלוואוקסיקער, מיט גרויע, פּויערישע אויגן. אַ פריצ׳ישע שליאַפּע וואויליונגעריש אַנגערוקט אויף אַ זייט די ביעלאָקורע וואַנציעס פאַרדרייט אַרויף... שמעקט מיט פאַרפיום, און — טייערן טיטין, טראָגט שטענדיק אַ רעוואָלווער אין קעשענע און אַ בייטשל אין דער האַנט. כמעט אַלע פּויערים און דאָרפסיידן האָבן שוין פאַרזוכט דעם טעם פון אָט דעם בייטשל. איך האָב עס שוין אויך שיעור ניט פאַרזוכט. (אַ גאַנצע מעשה וועגן דעם) מען זאָגט, אַז גרויע אויגן ווערן פון כעס גרין. ביים פריץ ווערן די אויגן פון כעס געל... אַ געל פייער צינדט זיך אָן אין זיי, און דער איידעלער מענטש, וואָס שמעקט מיט פאַרפיומען און טייערן טיטין, ווערט דאַמאָלט געפערלעך און עס דראָט ניט דאָס בייטשל, — נאָר אויך דער רעוואָלווער... ער האָט שוין איינמאָל פאַרוואונדעט אַ פּויער, זיך געלאָזט קאָסטן שיינע עטלעכע רובל און געבליבן אַ העלד... איז זיך נוקם אָן די פּויערים, שניידט פון זיי פּאַסן. דערשמעקט צוריק מיט עטלעכע יאָר, אַז ער האָט צופיל אָנגעטראָטן אויפן בלאָטער — און אָנגענומען די רעכטגלויביגע אמונה.

„פון דאַמאָלט אָן דערלויבט ער זיך אַזוינע מערדערייען, וואָס קיין פּאָליאַק (ער איז אַ פּוילישער) וואָלט זיך מורא געהאַט צו דער־לויבן... ער דאַרף נאָר וואַרפן אַן אויג אויף אַ שיינער פּויערטע, צי אַפילו אויף אַ מיידל, באַפוילט ער איר קומען צו אים... וואָס זענט איר אַזוי רויט געוואָרן? יערונדאַ, מאַלאַדוי טשיעלאָוויעק... ווי אַלט זענט איר?...

— דאָס פערצנטע יאָר.

— ??!!

— וואָס קוקט איר אַזוי אויף מיר? — האָט שמעון געפרעגט.

— איר זעט אויס, ווי זעכצן, אויב ניט מער — האָט ראַבינאָוויטש, אַ געפּלעפּטער גערעדט — אָבער עס מאַכט ניט אויס... אַז איך בין אַלט געוואָרן עלף יאָר, האָב איך שוין געזען אַסך שיינע זאַכן און איר ווייסט אויך עפּעס, און שרעקן זיך דאַרף מען ניט... ראַבינאָוויטש האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט, געשוויגן, נאָכגעקלערט, באַטראַכט שמעונ'ען, ווי ער וואָלט אים באַנייס אַ קאָן אָפּגעשאַצט און צופרידן פאַרגעזעצט: — איך האָף, אַז מיר'ן האָבן נוצן פון אייך...

„... און דער אויסוואָרף, דער פּריץ (איך מוז פאַרזעצן) האָט דריי זינדלעך, דאַרף דאָס דאַרף פון זייער פאַרגעניגן וועגן אויך צו־שטעלן סחורה... האָבן פאַרובקעס זיך אַמאָל פאַרזעצט הינטערן פּריצ'־ישן הויף און מיט שטיינער שיעור דערהרג'עט אַ פּאַניטש, וואָס האָט געשלעפּט אַ שיקסל צו זיך אין די פּריצישע צימערן. זי קוויטשעט נעבעך, ווי אַ הינדל, און ער, דער מערדער, שלעפּט זי, — און מיט־אַמאָל — באַץ! און גלייך אַ שטיין אים אין דער פּלייצע... אַ גליק־לעכער שוויין!... ווען ער טרעפט אים אין קאָפּ אַריין, איז ער אַ פּאַרטיקער...

„פון דאַמאָלט אָן איז געוואָרן אַביסל שטילער די מגפה פון פאַר־גוואַלטיקן פּויערשע מיידלעך. און מערקווירדיק איז דאָס, וואָס דער אַלטער גראַף שטעלט צו די סחורה פאַר זיינע זין. ער פירט די פאַרהאַנדלונגען, ער צאָלט און ער דינגט זיך, ווי אַ מאַכליאַר... איצטער קלייבט זיך אויף אים אַ פייער. ער ווייסט עס, אָבער ער גיט זיך ניט אונטער און פירט זיין ווילדע מלוכה ווי געוועזן.

„פאָטאָגראַפיע נומער איינס...

„און איצט — יעמוד הנגיד ר' אַרון וואַסערמאַן, דער שיינער, איידעלער ייד, וואָס רעדט תמיד מיט גאָט, זאָגט אַלעמען מוסר, וואָס מען איז ניט פרום גענוג און אַפילו דער שטאָטישער רב שטרייכט זיך אין אים... ער איז דער שפּיגל פון אונזערע דאָרפיידן. ער דאַוונט

פאַרן עמוד. ער גיט דעם טאָן ניט נאָרביים דאַווענען, נאָר אויך — נאָכדעם... אַלע פרעגן אים אַן עצה... ער האָט עס מיך אויסגעקליבן פאַר לערער... און ווייסט איר פאַרוואָס? דערפאַר, וואָס איך האָב אַ שיינע האַנטשריפט... „איר שרייבט דאָך נאָך שענער פון מיר" — האָט ער מיר געזאָגט.

„ווען ער האָט מיר געהייסן ווייזן אים מיין כתב יד, האָב איך אים אָנגעקוקט ווי — אַ ווילדן, אָבער איך האָב אים געפאָלגט, מחמת דערביי זיינען געשטאַנען נאָך עטלעכע מיינע באַלעבאַטים און אַלע האָבן אַרויפגעקוקט צום שיינעם יידן מיט דרך ארץ...

„איך האָב אָנגעשריבן: קריעסטיאַנין פּאָשיעט פּאָליע. ער האָט עס צופרידן באַטראַכט און געזאָגט: „שרייבט נאָך עפּעס אָן!...

„איך האָב באַטראַכט די דאָרפסיידן מיט ר' אָרונ'ען בראש. איך האָב איצט אויף זיי געטראָגן אַ פאַרדראָס און ניט געוואוסט, וואָס זיי צו זאָגן. האָב איך איינגעטונקען די פען און מיט כעס, אָבער מיט אַן אומשולדיק פּנים אָנגעשריבן, עס זאָל אויסקוקן וואָס שענער און געצאַצקעטער: דיעריעוויענסקיע סקאָטי.

שמעון האָט ברייט צעעפנט די אויגן און געפרעגט:

— איר האָט גאָר קיין מורא ניט געהאַט?

— מאַלאָדוי טשיעלאָוויעק, זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען...

— זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען?! — האָט שמעון געגאַפט.

— דיעריעוויענסקיע סקאָטי — האָט ראַבינאָוויטש איבערגעזאָגט און זיך צעלאַכט. שמעון האָט מיטגעלאַכט, אָבער — אומגערן, ווייל ער האָט זיך געפילט באַליידיקט, זייענדיק אַ דאָרפסמענטש... ער האָט זיך דערמאָנט אַן זיין גוטן, ליבן פאָטער, אינם זיידן און ער האָט געליטן פאַר זיי און פאַר זיך. ער האָט שווער געשוויגן.

זיי האָבן זיך דערנענטערט צום סטודענטס וואוינונג.

ראַבינאָוויטש האָט ווייטער גערעדט:

— נו, מילא, דאָס זיינען אַלץ קליינינקייטן... אָבער אינטערעסאַנט איז דער ר' אָרון, דער אָנפירער פון די היגע עטלעכע יידן. ס'וואָלט מיר קיין פאַרדראָס ניט געווען, ווען ער זאָל זיין אַ שטיקל לייט... איז ער אָבער קאַרג און שלעכט און ניט פאַרגינעריש, און פּשוט, פּשוט... ווי זאָל איך עס זאָגן?... אַ רויבער. ער האָט איצט אַ מאַנופאַקטור־קלייט. מעסט ער סחורה און מאַכט פרייזן, אַז די די פויערטע קרעכצט אַזש... ער טוט עס אָבער מיט אַזאַ ערליך פּנים, אַז די פויערטע דעליבעט אַרויס די לעצטע פאַר גרייצער און

באַצאָלט אים. און אַז סע פעלט איר אויס, פאַרשרייבט ער און גייט מאָנען.

„אַז אַ פויערטע דערזעט ר׳ אַרונען אַליין מיט זיין כבוד קומען אויף איר אָרעמער שוועל, ווערט זי אַ דערציטערטע און באַצאָלט, וואָס סע קומט אים. אויב זי האָט ניט קיין געלט, — איז דאָ אַן איי, אַביסל מעל, הירזש, גרויפּן, פאַסאָליעס, אַרבעס, קאַרטאָפליעס... געלט לעגט ער מיט אַן הייליקער מינע אין קעשענע אַריין, פּראָדוקטן אָבער ווי ער רופט זיי: גוי׳שע פּאַטראַוועס — הייסט ער דעם בעל חוב זיך מטריח זיין און אַריבערטראָגן צו ר׳ אַרונען אין הויז אַריין.

„ער איז געבוירן אין אַ שטאָט און האַלט פאַר אַן אומכבוד צו זיין אַ דאָרפסייד... לערנט ער זיינע קינדער ביי שטאָטישע לערער. און מאַכט זיי חתונה אין די שטעט אַריין. ער האָט אַ זון אַן אַפּטייקער, צוויי אַנדערע — מיט אייזן־געשעפטן. דאָס מיידל מיט די צוויי איינגלעך, וואָס לערנען זיך דערווייל ביי מיר וועלן אויך חס ושלום אין דאָרף ניט פאַרבלייבן. ר׳ אַרון רוט ניט...

„זיין שוואָגער, דער פאַנפעוואַטע מאַטל האָט אַ פולע שטוב מיט קליינע קינדער, איז אַן ערלעכער מענטש און אַ גרויסער קבצן... האָט עפּעס אַ שטיקל קלייטל און קויפט אויף קליינינקייטן ביי די פויערים, אָבער אַרונ׳ען איז זיין קראָם קאַרג און ער פירט איין ביי זיך באַקאַליי. ער מאַכט קאַליע דעם שוואָגער. די שוועסטער וויינט, דער שוואָגער שילט... אָבער שבת גייט מען דאַווענען צו אַרונ׳ען און מען טראָגט אים דעם „גוט שבת” אָקעגן...

„ס׳איז דאָ אַ וואַסערמיל, דעם פריצ׳ס אַ מיל. האַלט זי אין אַרענדע זעליג טאַבאַטשניק (דעם האָט איר נאָך ניט געזען: ער איז מער אין בעט, ווי אין דרויסן. אַ חלוש, אָבער אַ חשוב ביים פּריץ) פאַר אַ קליינער ראַטע האַלט ער אַן די וואַסער־מיל און האָט אַביסל פרנסה.

„ר׳ אַרון רוט ניט... ער דרייט זיך שוין אַרום פּריץ, ער וואַרט שוין אויף זעליג׳ס טויט... ער וועט שוין אַריין אין מיל, ער וועט שוין, ער וועט שוין... ווי אַנגעמאַסטן פאַר אַנטיסעמיטישע שרייבער!

„פאָטאָגראַפיע נומער צוויי.

„און איצט קומט מיכאַלקע קאָוואַלטשוק. הויך און טרוקן און שטאַרק, און פאַרהאַרטעוועט... שוין אַריבער די פופציק און האָט פאַרן אינגסטן און שטאַרקסטן אין דאָרף קיין מורא ניט. אַ גוטער ברודער מיט נאַטשאַלסטווע. ווערט אַלע דריי יאָר דערוויילט פאַר סטאַראָסטע. ער איז איין מאָל דורכגעפאַלן, האָט ער זיך ביים קומענ־

דיקן טערמין אַזוי נוקם געווען אין די פּויערים, אַז זיי קלייבן אים שוין אויס... ער האָט נאָר חשק, אַז דער כבוד זאָל איבערגייען בירושה צי זיינע קינדער... ער שכור'ט — און איז קיינמאָל ניט שכור. ער גייט זיך מתודה זיין צום גלח, אָבער ער זאָגט אים גאָרניט. אַז דער גלח הויבט אים זאָגן מוסר, ענטפערט ער: „און פאַר וועמען איז זיך מתודה דער באַטיושקא?" „פאַרן אַלמעכטיקן" — ענטפערט יענער גאָטספאָרכטיק. „איך בין די מאַכט — זאָגט קאָוואַלטשוק — און גאָט מעג זיך צו מיר אויך צוהערן..."

„דער איינציקער, פאַר וועמען קאָוואַלטשוק האָט מורא, איז דער פריץ, פאַן ריעמניצקי: ער האָט אַמאָל אַליין געהערט, ווי ריעמניצקי האָט דעם איספּראַווניק געזאָגט 'דו.' דער איספּראַווניק איז דורכגעפאָרן אַטשערעטניע, זיינען פּויערים געפאַלן פאַר די פערד פון זיין קאַרעטע און אַלעמאָל אָפּגעשטעלט דעם שפאַן... און ריעמניצקי האָט יענעם מעכטיקן מאַן געזאָגט 'דו.'

„ער האָט אויסגעהאָדעוועט צוויי זין, זיי חתונה געמאַכט און זיי קיין פעלד ניט געוואָלט אָפּטיילן. זיינען זיי אַוועק קיין אַמעריקע און ער לעבט מיטביידע שניר. מיך רופט ער „מוטשיטעל" און ער פרעגט זיך שטאַרק נאָך, צי איך לערן מיינע שילער מורא האָבן פאַר גאָט און פאַרן קיסר...

זיי זיינען שוין געווען ביי ראַבינאָוויטש'עס וואוינונג.

די נאַכט איז ראש צוגעפאַלן, און די קליינע פענסטערלעך אינם סטודענטס וואוינונג האָבן אויסגעזען שוואַרץ מיט אַ גראַליכן אָפּגלאַנץ. דער הימל איז געווען פאַרוואָלקנט, דער ווינט האָט זיך געשטאַרקט.

ראַבינאָוויטש און שמעון זיינען געשטאַנען ביים פּלויט. שמעון איז אַזוי געווען פאַרקאָכט אינם סטודענטס דערציילן, אַז ער האָט אים געקוקט אין מויל אַריין און געוואַרט אויף נאָך...

— איר קומט אַריין צו מיר? — האָט ראַבינאָוויטש געפרעגט.

—מיט פאַרגעניגן — האָט שמעון שעמעוודיק געענטפערט און צוגעגעבן: איר רעדט אַזוי שיין!

— ראַבינאָוויטש האָט ווי שולדיק געשמייכלט—פּאַטיעכא ס'וואמי דא אי טאַלקאָ (ס'איז נאָר אַ קאַטאָוועס מיט אייך). איך דערצייל אייך פאַקטן, און איר מיר — 'שיין.'

— איך ווייס ניט — האָט שמעון באַרוישט געמורמעלט — איך וואָלט געהערט און געהערט...

— וואַרט, טייבעלע — האָט ראַבינאָוויטש אים פאַרזיכערט — איך

וועט דאָ לעבן, וועט איר דאָ נאָך שענערס זען, ווי איך האָב אייך דערציילט... און סע וועט זיין אינטערעסאַנטער אויך...

זיי זיינען אַריין אין שטיבל. עס האָט אין דעם זיך געפילט אַ פוסטקייט און קעלט. ביים פריפּעטשעק איז געלעגן אַ בונט שטרוי. ראַבינאָוויטש האָט באַלד איינגעהייצט. די שטרוי האָט זיך פּעמעליכן אָנגעצונדען, זיך דורכגענומען מיט רויך און העל אויפגעפלאַמט. די קעגנאיבערדיקע וואַנט איז באַלויכטן געוואָרן מיט אַ רויטלעכער, טאַנצנדיקער העלקייט.

ראַבינאָוויטש האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ, צוגערוקט צווי ביינ־קלעך צום אויוון געבעטן שמעונ׳ען זיך זעצן און זיך אַליין צוגעזעצט.

— מיר׳ן אַביסעלע זיצן אַזוי, אין די קליידער, ביז עס וועט ווערן וואַרעמער — האָט דער סטודענט געזאָגט — און נאָכדעם וועלן מיר זיך אויסטאָן... און דערווייל וואָלט איך געוואָלט, איר זאָלט מיר אָפּגעבן אַ שטיקעלע חוב...

שמעון האָט אים אָנגעקוקט.

— איך — האָט ראַבינאָוויטש פאַרגעזעצט — האָב אייך אַזוי פיל דערציילט, איצט דערציילט איר מיר עפּעס וועגן אייער דאָרף.

שמעון האָט זיך פאַרשעמט.

— אַז איך ווייס ניט, ווי אַזוי מ׳הויבט אָן — האָט ער זיך מודה געווען.

— נו, אָט פּראָסט, אַזוי ווי איר זעט זיי און קענט זיי.

ער האָט זיך אָנגעבויגן, גענומען אַביסל שטרוי, פלינק געמאַכט דערפון אַ קרוטין און עס אַריינגעוואָרפן אין אויוון. דער קרוטין האָט זיך ברענענדיק צעפלאַכטן, שפּריצנדיק מיט פונקען אין שוואַרצן קוימען אַריין.

ס׳איז געווען שטיל.

אין דרויסן האָט עמיצער גערעדט.

ראַבינאָוויטש האָט זיך אָנגערופן:

— ער גייט שוין... ס׳איז זאַכאַרענקאָ... אַ וואוילער מענטש, אָבער אַ שווערער. גוט, וואָס איר זענט דאָ מיט מיר: אַליין איז מיר אומעטיק מיט אים... מיט וועמען קאָן ער רעדן?... אַהאַ, ער געזעגנט זיך שוין... ער קומט.

עס האָבן זיך דערהערט טריט און באַלד אַ לייכטער קלאַפּ אין טיר און אַ העפלעכער ׳מאָזשנאָ?׳

— ביטע — האָט ראַבינאָוויטש גערופן.

די נידריקע, שווערע טיר האָט זיך ברייט געעפנט און זאַכאַרענקאָ האָט זיך אַריינגעשטעלט אין זיין גאַנצער גרויס.

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

— אָ, וויבאטשטי!... האָט ער זיך פאַרכאַפּט, דערזעענדיק די ראָמאַנטישע, פינסטערע שטילקייט, וואָס איז געווען דורכגעלויכטן מיט אַ רויטן שטראָם פונם ברענענדיקן אויוון אַרויס — אפשר שטער איך אייך?... — דערזען שמעון׳ען, האָט זיך דער פויער ברייט צע־לאַכט — האָ־כאָ־כאָ!... און איך בין חושד געווען, אַז די אַטמאָספערע איז געמאַכט צוליב אַ ראָמאַנטישן צוועק, אַזוי צו זאָגן, כאַ כאַ כאָ!...

ראַבינאָוויטש האָט זיך דערוויל געפּאָרעטביים לאָמפּ.

— אַ נאַר וואָלט איך געווען איך אַריינלאָזן — האָט ער געשפּאָסט.

ס׳האָט זיך דערהערט, ווי מען רייבט אָן אַ שוועבעלע און ס׳האָט אויפגעבליקט אַ געל, רויקיק פלעמל. דאָס מויל ביים קאָלפּאַק האָט זיך אָנגעצונדן און אַ שמאָלער, שפּיציקער פלאָם האָט זיך אַ ריס געטאָן אַרויף, זיך אויסגעצויגן העכער און העכער און אויפגעציטערט, שפּריצנדיק מיט קליינע פונקען. ראַבינאָוויטש האָט אָנגעטאָן דאָס גלעזל איבערן קאָלפּאַק. דער פלאָם האָט זיך גלייך אַראָפּגעזעצט, געוואָרן ברייטער און ליכטיקער.

זאַכאַרענקאָ האָט זיך אַוועקגעזעצט, אויסגעטאָן דאָס שווערע, שמויסענע היטל און עס אַוועקגעלעגט לעבן זיך.

— אוף! — האָט ער אָפּגעאָטעמט — אין מיטן ווינטער אָפּגעשוויצט.

— וואָס איז געשען? — האָט ראַבינאָוויטש געפרעגט.

— אָט, געפּרוּאווט איינ׳טענה׳ן מיט מיינע מוזשיקעס וועגן פעלד און ברויט, און נאָך אַזעלכע זאַכן... געזעסן אין אָבשטעסטווענע קלייט און איינגע׳טענה׳ט. איך האָב זיי געמאַכט אַ פשוט׳ן חשבון: „זעט — האָב איך געזאָגט — מיר האָבן פיר הונדערט פינף און זיבע־ציק פאַמיליעס אין דאָרף. די קלענסטע פאַמיליע באַשטייט (חוץ איינציקע אויסנאַמען) פון פיר פערזאָן. אַסך פאַמיליעס האָבן צען און צוועלף און אַפילו פערצן פּיקערס. אַז מען זאָל אַזוי אָ אַ רעכן טאָן און אַפילו ניט דערזעכענען, — האָבן מיר אַ פערטהאַלבן טויזנט נפשות, — און מיר האָבן אַלע איינינעם ווינציקער פעלד, ווי רעמ־ניצקי. די צוויי וועלדער, וואָס באַלאַנגען צו אָטשערעטניע זיינען

דעם פּריצס. דער גרויסער פּרוכט־גאָרטן מיטן אַלטן כּוטאָר, מיט דער וואַסערמיל — זײַנען אויך פֿאַן רעמניצקי׳ס. וואָס זשע האָבן מיר? ... אונז נעמט אַפּילו קיין פֿערטל מערגע זיך ניט אָן אויף אַ נפש, — און ער אַליין האָט איבער טויזנט מאָרג בלויז הבואה־פֿעלד." דאַכט זיך אַזוי קלאָר, ווי אַ ועסניאַני לויטערער פרימאָרגן... ניין, פּאָטופּעט זיך עס ניט בא זיי אין קאָפּ! ... „אַ מוזשיק איז דערויף באַשאַפֿן געוואָרן, ער זאָל עסן געפרוירענע קאַרטאָפליעס און וויקן אין אָפּפאַל. זעט, — זאָגן זיי — דאָס זעלבע פֿעלד, די זעלביקע ערד, — איז ביים פריץ די ווינטער־תבואת געראָטן, און אויף אונזערע פעלדער — ניט ... דעם רייכן גייט אין אַלץ — זאָגן זיי ... זאָג איך: „ער האָט אָפּגעקליבן גוטע זריעה, ער האָט גוט באַמיסטיקט זיינע פעלדער." „ ניין, טענה׳ן זיי, גאָט האָט אָן אונז פאַרגעסן ... פאַרגעסן, פאַרלאָזן און עס איז ניטאָ, ווער עס זאָל העלפן." אוף! — האָט ער שווער אָפּגעאָטעמט — איך האָב עס אָפּגעמעלויצעט איבער די פויערשע קעפּ, און זיי, זיי האָבן זיך אַ קראַץ געטאָן ... אַ פויסט האָט זיך געהויבן און געדראָט. מען טאָר ניט אויפגעבן, מען דאַרף אים וועקן, דעם פויער. זאָל נאָר דער ווינטער אַריבער, וועט רעמניצקי, דער פּראַוואָסלאַווני זיך צעלייגן מיט זיינע חזיר׳שע פּיס ... די פויערים אונזערע וועלן ניט שווייגן ... זיי וועלן ניט שווייגן! — האָט זאַכאַרענקאָ ווידערהאָלן און מיטאַמאָל שטיל געוואָרן.

ראַבינאָוויטש האָט אים אויפמערקזאַם באַטראַכט. שמעון האָט פונם פויער קיין אויג ניט אַראָפּגענומען. ראַבינאָוויטש האָט געזאָגט:

— יאָ, ס׳איז זייער אַ שווערע הלכה... אָט, ווען סע קען צוגיין סיסטעמאַטיש, מאַכן אַן אויפשטאַנד, אַ ריזיקן, אַ קאָלאָסאַלן איבערן גאַנצן רוסלאַנד און איבערנעמען דאָס גאַנצע גוטס! ... דאָס וואָלט געווען אַ פּאַטיעכאַ! ... ניט שפּיזן די פויערשע קעפּ מיט יידן־האָס, פוילן־האָס, קאַצאַפּעס־האָס, — נאָר איין האָס זאָל זיין: צו די רייכע.

זאַכאַרענקאָ האָט אָוועקגעדרייט דעם קאָפּ און שולדיק געזאָגט:

— נו, ווען עס קומט צו אייער פאָלק, קאָן איך שוין גאָרניט מאַכן... איין מאמר: „זשידי אי פּאַני..." זיי ווילן זיך אָפּרעכענען מיט אייך אויך... זינט עס האָבן זיך געגרינדעט די סאַיוזן מיט די אָבטשעסטווענע קלייטן, איז גאָר אַן אומגליק. עס קומט אָן צו אונז די ׳נאָוואָיע ווריעמיא.׳ זיי נעמען זיך דאָרט שטאַרק אָן די קריוודע פונם פאָלק און אַלע צרות, אַלע בלבולים וואַרפן זיי אויף אייערע קעפּ.

— מיט וועמען האָט איר עס דאָרט אין דרויסן גערעדט? — האָט ראַבינאָוויטש אַ פרעג געטאָן זאַכאַרענקאָן.

— מיט פּאָווליוק'ן.

ראַבּינאָוויטש איז בלייך געוואָרן.

— מיט פּאָווליוקן ?! — האָט ער איבערגעפרעגט מיט אַ פאַר־ענדערט קול. אַ ווײַלע האָט ער געשוויגן. דער פויער און שמעון האָבן אים פאַרגאַפּט באַטראַכט. — און ער האָט אייך געזען אַרײַנגיין צו מיר ?!

— יאָ, האָט זאַכארענקאָ מודה געווען. ראַבּינאָוויטש האָט אים דורכגענומען מיט די אויגן.

— חבר זאַרכארענקאָ, איר זענט באַגאַנגען אַ מסוכנ'עם פעלער!

זאַכארענקאָ האָט זיך אויפגעשטעלט און זיך אַ קלאַפּ געטאָן מיט זײַן גרויסן פויסט אין האַרצן אַרײַן.

— זאָל מיך אַ דונער דערשלאָגן, — האָט ער זיך געשוואָרן — אויב איך האָב עפּעס אַפילו חושד געווען!

— פּאָווליוק, פּאָווליוק! — האָט ראַבּינאָוויטש איבערגע'חזר'ט פאַרביטערט — דאָס איז דאָך אַ פּאַנסקי אונטערלעקער: ער העלפט דאָך קאָוואַלטשוק'ן שלאָגן די פויערים אָן איר ווייסט עס!... חבר, חבר!...

זאַכארענקאָ האָט ווי זײַן שטייגער איז, אָנגעהויבן שוויצן און זיך פאַרענטפערן:

— אַוואַדע קען איך אים. איך האָב אים אָבער געוואָלט אַריבער־געווינען אויף אונזער זייט, און ער האָט מיר אַלץ נאָכגעגעבן גיכער ווי אַלע אַנדערע מוזשיקעס.

ראַבּינאָוויטש האָט אים דורכגענומען מיט שטרענגע, קלוגע אויגן און געזאָגט:

— איצט מעג איך זיך שוין אײַנפּאַקעווען.

זאַכארענקאָ איז צוגעקומען צו ראַבּינאָוויטש'ן און אים אָנגעכאַפּט בײַ די הענט.

ראַבּינאָוויטש האָט אים גע'מוסר'ט:

— און איך האָב זיך אויף אײַך פאַרלאָזט. איך האָב דאָך ניט געקאָנט קומען, — אַ פרעמדער — און אַ ייד דערצו — און דערציילן די פויערים מעשיות. איך האָב אײַך אויסגעקליבן, — און מען האָט אײַך אַזוי מיאוס אָפּגענאַרט!...

— אַפּדורילי! האָט זאַכארענקאָ שולדיק נאָכגעזאָגט, אָפּגעלאָזט ראַבּינאָוויטשעס הענט און זײַנע געלאָזט הענגען.

— איר האָט כאָטש מײַן נאָמען ניט דערמאָנט? — האָט אים ראַבּינאָוויטש געפרעגט.

— אָ, וואָס רעדט איר, וואָס רעדט איר! ? איר האַלט דאָך מיך ניט פאַר קיין גולם. און ער, דער כלב...

— יאָ, און ער, דער כלב — האָט אים ראַבינאָוויטש איבערגעשלאָגן די רייד — האָט אייך גאַרניט געפרעגט, צו וועמען איר גייט ?

— ניין, — האָט זיך זאכארענקאָ דערפרייט.

— זעצט זיך שוין, זעצט זיך שוין אַוועק, טייערער חכם מיינער!...

זאכארענקאָ האָט זיך שווער אַראָפּגעלאָזט אויף דער באַנק און מיטן אַרבל אָפּגעווישט דאָס פאַרשוויצטע פּנים.

ראַבינאָוויטש איז אַרונטערגעקראָכן אונטערן פּיל, אַרויסגעשלעפּט פון דאָרטן אַ שווערן טשעמאָדאַן און אים געעפנט. ער איז געווען פול מיט וועש... אַזוי האָט עס אויסגעקוקט, — אָבער אונטער די וועש זיינען גאָר געלעגן ביכער מיט טאָוולען און אַ סך קליינע ביכעלעך אָן טעוועלעך. ער האָט געבעטן שמעון׳ען אַרויסגייען אין דרויסן און אַכטונג געבן, צו קיינער קומט ניט.

שמעון איז אַרויס אין דרויסן און זיך געזעצט אויף דער קאַלטער ספּריזבע.

אין דער צווייטער האַלבער שטוב איז געווען פינסטער. אין שטאָל האָט זיך עמיצער געפּאָרעט און גערעדט צו די פערד. נאָכדעם איז דער עמיצער אַרויסגעגאַנגען פונם שטאָל און זיך געלאָזט גלייך אויף שמעון׳ען. שמעון האָט געוואָלט אַריינלויפן און זאָגן ראַבינאָוויטש׳ן, אַז מען גייט, אָבער ער האָט עס ניט באַוויזן צו טאָן, ווייל דער וואָס איז אַרויס פונם שטאָל איז שוין געווען לעבן אים.

— און ווער ביסטו דאָס ? — האָט דער מענטש אין דער פינסטער שטרענג געפרעגט ווי אַ באַלעבאָס.

— איך, איך בין דאָ אַ אוטשיטיעל...

— אָ, נאָך אַ אוטשיטיעל ? ! — האָט זיך דער פויער געחידושט און זיך צולאַכט — ווייסט זיי דער רוח, די יידן... זיי קאָנען זיך גאָר מיט תורה ניט אָנזעטיקן!... מיר, אַ גאַנץ דאָרף האָבן איין לערער און די אַנדערהאַלבן יידן האָבן זיך צוויי לערערס... — דער פויער האָט זיך איינגעבויגן צו שמעון׳ען. דאָס אינגל האָט דערזען אַ גרויס פּנים, איינגעטונקען אין אַ גרויסער ברייטער באָרד און צוויי קליינע אויגן האָבן געקוקט גלייך אין שמעון׳ס.

— אָ, נאָך גאָר אַ יונגינקער! — האָט דער פויער פריילעך אויסגערופן. — וואָס זשע ביסטו, זיינער אַ פּאָמאָטשניק ? דאָס איז גוט!... יידן האָבן שכל: אין אַלץ האָבן זיי פּאָמאָטשניקעס... און דיין באַלעבאָס, גאָספּאָדין ראַבינאָוויטש איז זייער אַ וואוילער מענטש,

נאָר אַן עבירה, וואָס ער איז אַ ייד...אַ גאָלדן האַרץ!...דעם לעצטן פּאַפּיראָס פון דער טאַבאַטשניצע גיט ער אַוועק און וויטעט זיך מיט אַלע מוזשיקעס, און וויל ניט ליידן, אַז מען רופט אים פּאַני...
אַ, אַ ליבער מענטש און תורה האָט ער אין זיך פּיר־ר־ו! — האָט דער פויער באַוואונדערנדיק געפּייפט — און אַ שיינער!...אַלע זשידי־וואַטשקעס לויפן אים דאָ נאָך, אָבער די אַ, פון די סקווירסקיס איז זיינע...אַ וואוילע מיידל.

דער פויער האָט אויף אַ ווײַלע איבערגעריסן זיין מאָנאָלאָג און געפרעגט שמעונ׳ען:

— נו, און וואָס זיצטו דאָ, אין דער פינסטער?

— אָט, גלאַט אזוי — האָט שמעון געזאָגט.

— פרישינקע לופט? — האָט דער פויער מיט חוזק איבער־געפרעגט.

— איך האָב פּאַר קעלט קיין מורא ניט — האָט שמעון מעשה העלד געזאָגט.

— מאָלאָדיעץ! — האָט אים דער פויער געלויבט. — נו, דו כלאָפּטשע, האָסט היינט ניט געמעלויצעט, ווילסטו נאָך ניט שלאָפן, — איך דאַרף שוין גיין.

דער פויער איז אַריינגעגאַנגען אין דער פינסטערער האַלבער שטוב. פריר האָט זיך הינטער אים פאַרמאַכט די טיר פונם פּאָרהייזל, דערנאָך האָט שמעון געהערט, ווי עס סקריפּעט די שטוב־טיר. דערנאָך איז שטיל געוואָרן.

שמעון האָט געכאַפּט אַ קוק אין די פענסטער ביים סטודענט. זיי זיינען אַלע מאָל שטאַרק באַלויכטן געוואָרן און ווי מורא האָבנדיק אויפרייסן דער וועלט די אויגן מיט זייער פלוצימדיקן ליכט, האָבן זיך די קליינע פענסטער אַלע ווײַלע געלאָשן און ווידער אויפגעשיינט.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט אים ראַבינאָוויטש אַריינגערופן.

ווי נאָר ער האָט געעפנט די שטוב־טיר, האָט אים אַ שלאָג געטאָן אַ הייסער שטראָם לופט אין פּנים אַריין. דער פלאַם, וואָס האָט פריר זיך מיט אַ שאַרפער העלקייט געשפּאַרט דורך די פענסטער, איז שוין מער דאָ ניט געווען, אָבער זיין אָטעם האָט איבערגעפּולט דאָס גאַנצע שטיבל.

ראַבינאָוויטש איז געזעסן אויף אַ ביינקל, ביים פריפּעטשעק און זאַכאַרענקאָ — אויף דער באַנק. ביידע האָבן אַ פּנים געהאַט, ווי זיי וואָלטן נאָר־וואָס געקומען פון אַ לויה. שמעונ׳ען האָבן קלויסטער־גלעקער געקלונגען אין די אויערן, שמאַטעס האָבן זיך געוויגט און די

גאָטן מיט די גאָטעכעס מיט די קליינע גאָטעלעך האָבן זיך אַזוי גע-הוידעט, ווי דאָס בלינדע מלאָכל אויפן אויסגעהאָפטענעם פאָרהאַנגל אין דער היים, אין אַלקער.

ער האָט זיך שוין אין איין וועגס דערמאָנט די היים און אַלע שטוביקע, אַלע שכנים גרויס און קליין, הייזער, קלוניעס, פאַרקאַנעס און גערטנער האָבן געטאָן אַ קום אָן — יעדערער מיט זיין קול, מיט זיין געשטאַלט און מיט זיין גערוך...

און די צווי זיינען אַלץ געזעסן שטיל און די שטילקייט פונם אָנגעהייצטן צימער האָט זיך אָנגעגליט וואָס אַמאָל מער און מער, ביז שמעון האָט שוין מער ניט געקאָנט אַריבערטראָגן און אַפילו פון רייקי טראַכטן. ער האָט שווער אָפּגעאָטעמט און געזאָגט:

— איך מוז שוין גיין.

זאַכאַרענקאָ האָט זיך ניט גערירט, נאָר ראַבינאָוויטש האָט שנעל אומגעדרייט זיין טונקל פנים און די קאַרע אויגן האָבן זיך באַמיט צו קוקן פריילעך.

— דער אָוונט איז נאָך גרויס — האָט ער געזאָגט — איר פאַר-שטייט דאָך, וואָס דאָ קומט פאָר...

שמעון איז רויט געוואָרן.

ראַבינאָוויטשעס אויגן האָבן ערשט איצט פריילעך אויפגעגלאַנצט.

— פאָטיעכקא ס'וואָמי דא אי טאַלקאָ!... טאָוואַרישטש זאַכאַ-רענקאָ — האָט ער געמונטערט דעם שווער־שווייגנדיקן פויער — ער פאַרשטייט דאָך גאַרניט, וואָס דאָ קומט פאָר... הערט, האָט ער זיך געווענדט צו שמעונ'ען — איר געדיינקט נאָך יענעם וואונדערלעכן בריוו?

— אַ בריוו?!... האָט שמעון זיך געחידושט.

— אַך, גאָט מיינער! נו, וועגן דעם פאַרברענטן שטרויענעם ביידל.

שמעון איז ווידער רויט געוואָרן, אָבער ראַבינאָוויטש האָט אים ניט אָפּגעלאָזן:

— איז אָט, ווען מען פאַקט אייערע חברה, גיט מען זיי אַ פאָר האַראָפּניקעס און באַסטאַ... מיר, ווי איר ווייסט — ניט, זיינען אויך אַזעלכע חברה ווי איר... און אונז, ווען מען כאַפּט, וואָלט מען אונז חוץ האַראָפּניקעס נאָך עפּעס געגעבן... מען וואָלט אונז שוין געגעבן... מיר האָבן דאָ אַלע גוטע זאַכן פאַרברענט, אָבער איך בין דאָך ניט זיכער, וואו איך וועל מאָרגן אין דער צייט זיין, אַזוי אַז . . . איילט זיך ניט.

שמעון האָט זיך דערשראָקן ...

— איר פאָרט אַוועק ? ? ! — האָט ער געפרעגט.

— ניין, האָט ראַבינאָוויטש געענטפערט — סיידן מען וועט אַוועקפירן. און, איר, טייערער, האָט ער זיך געווענדט צו זאכארענקאָ'ן — דערהויבט אייער געפאַלענע נאָז — און זאָל זיין אַן עק צו אַלע זאָרג. אַלע זאָלן זאָגן: „אמן" ...

שמעון האָט שוין, אַ באַרואיקטער געשמייכלט. אַפּילו זאכאַרענקאָ האָט שוין, כאָטש געפינטלט מיט די אויגן, — דאָך געקוקט ראַבינאָוויטש'ן אין פּנים אַריין.

דער סטודענט האָט זיך גענעצט לעבן זאכארענקאָ'ן.

— הער, האָט ער אים געטרייסט — וואוהין וועלן זיי מיך פאַרשיקן ? מיך אַרט ניט אין אַלע טורמעס, אויף דער ווייטער סיביר, — אומעטום זיינען דאָ מענטשן, וואָס ליידן. מען דאַרף מיך אפשר דאָרט אויך האָבן.

זאכארענקאָ האָט זיך, דאכט זיך, שוין אינגאַנצן באַרואיקט און געענטפערט:

— איך מיין, אַז איר טרייבט איבער: קיינער ווייסט פון גאָרניט און קיינער וועט אייך ניט טשעפּען.

— איז דאָך אַוואַדע גוט ! — האָט ראַבינאָוויטש אויסגערופן — אויף יעדן פאַל, לאָמיר זען רופן אונזער קאָמפּאַניע און כאָטש פאַרברייגנען, איידער מיר דערוויטערן זיך. האָט אין זינען: שבת וועלן מיר אַ הוליע טאָן. און איצט, מיין ליבער חבר, זאָלט איר זיין אַ סטאַטיק, מיט קיינעם קיין נאַרישקייטן ניט רעדן און טאָמער האָט איר עפּעס אין דער היים פון יענע גוטע זאַכן, טוט זיי אָפּ זייער רעכט ...

— אַט טאָ פּראוודא ! — האָט זיך זאכארענקאָ אויסערגעווײנלעך פלינק געטאָן אַ שטעל אויף. שמעון האָט נאָכגעקוקט זיין האַסטיקע באַוועגונג און זיך גע'חידוש'ט, ווי אַזוי דער גרויסער פויער האָט מיטן קאָפּ ניט דורכגעבראָכן די סטעליע.

— זייט זשע מיר געזונטינקע — האָט ער געזאָגט און זיך געלאָזט צום טיר.

— גייט זשע מיר געזונטינקע — האָט אים ראַבינאָוויטש אין טאָן געענטפערט.

קאַפּיטל דריי און צוואַנציק

ערשט איצט האָט זיך שמעון דערמאָנט, אַז ער האָט נאָך זיינע חברים אויף זייער בריוו ניט געענטפערט... ער האָט זיך קוים דער־וואָרט אויף פרייטיק בייטאָג, ווען די קינדער לערנען שוין מער ניט און ער האָט זיך געזעצט שרייבן אַ בריוו צו דיניס'ן.

אין שטוב איז געווען שטיל. יונה איז נאָך ניט געקומען אַהיים אויף שבת. די יונה'כע האָט זיך געפּאָרעטביים אויוון. אסתר'קע האָט מיט אַ קליין בעזימל געקערט דעם ערדענעם פּאָל און מעכל איז אויף אַ גראָבן זאַק געזעסן און געפּוצט אַלעמענס שיך אויף שבת. דאָס אינגל האָט געאַרבעט איבער די שיך מיט אַלע זיינע קליינע כחות. ער האָט געשמאָרעט מיט דער קיילעכדיקער נאָז, געקליפּעט מיט די אויגן, אַרויסגעשטעלט אַ צונגל, אָנגעבלאָזן די באַקן, וואָס זיינען געווען פאַרשפּריצט מיט שוה־וואַקס. און אַז דער שוך האָט ניט געוואָלט גלאַנצן, האָט מעכעלע אים געזידלט מיט שטאַרקע און גראָבע ווער־טער, אין דער מאַמען אַריין, אויפן עכטן רוסישן שטייגער...

— מעכל! — האָט שמעון אים געוואָרנט.

— איזוויניאיוס, — האָט זיך מעכל אַנטשולדיקט און זיך ווידער גענומען צו זיין אַרבעט.

שמעון האָט אָנגעשריבן:

„צו מיין חבר דיניס און צו מיין חבר טאַנאַסקאַ, און צו מיין חבר טימקאַ, און צו מיין חבר קאַלען... ער האָט זיי אַלעמען אויסגערע־כנט... געקומען צו די מיידלשע נעמען, האָט זיך שמעון אָפּגעשטעלט און ניט געוואוסט, מיט וועמען פריער אָנצוהויבן. ער וואָלט זיך מיט די אַלע שקצים און שיקסעס — אַבי ער איז נאָר פּטור געוואָרן פון זיי — קיינמאָל ניט דורכגעשריבן, אָבער איצט, נאָך דער וואונדער־לעכער באַקאַנטשאַפט מיט די זעלטענע מענטשן, האָט ער אַפילו ניט מורא געהאַט שרייבן צו מיידלעך, צו גוי'שע שיקסלעך. ער האָט זיך נאָר קיין עצה ניט געקאָנט געבן, ווי אַזוי קומט מען דאָ אויס מיט יאַוודאָכע'ס נאָמען. ענדלעך האָט ער איר נאָמען אַריינגעשטעלט

צווישן די נעמען פון צוויי אַנדערע מיידלעך און זיך געוואָלט נעמען באַשרייבן אַלץ, וואָס מיט אים איז דאָ פאָרגעקומען, זינט ער האָט זיך מיט זיי צעשיידט. אָבער די געדאַנקען האָבן געטאָן אויף אים מיטאָמאָל אַ שפּאָר אָן און ער האָט זיי ניט געקאָנט אויפסילען אויף די שורות... אין מוח האָט זיך אים געפּלאָנטערט דער אַלטער נוסח: אין די ערשטע צײלן פון מיין בריוו קום איך דיר צו מעלדן א. א. וו. גאָט צו דאַנקען געזונט". גאָט צו דאַנקען?... וועדליק ראַבינאָוויטש האָט אים געלערנט, קאָן מען זיך באַגיין אָן גאָט... פאַרקערט, דער אויסערגעוויינלעכער סטודענט האָט אים נאָך דערוויזן, אַז וואָס ווינ־ציקער דער מענטש פאַרלאָזט זיך אויף גאָט, אַלץ געזונטער איז פאַרן מענטשן... האָט אים שמעון געגלויבט, אָבער אין דער שטיל האָט ער נאָך ליב געהאַט גאָט און ער האָט איצט, נאָך אַ קורצן ישוב הדעת, דאָך אָנגעשריבן דעם געוויינלעכן נוסח אין אָנהויב פונם בריוו. און נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבן אַזוי:

„טייערע זעמליאַקעס!

שוין באַלד אַ חודש, אַז איך האָב פון אייך דערהאַלטן אַ בריוו, און איך האָב אייך נאָך ניט געענטפערט. און דאָס איז אַלץ דערפאַר, וואָס איך בין דאָ פאַרנומען מיט מיין נייער אַרבעט. איך בין דאָ אַ אוטשיטיעל און דאָ זיינען דאָ נאָך צוויי לערער, איינער אַזאַ ווי ביי אונז, אין דער דאָרפישער שקאָלע, און איינער אַ סטודענט, וואָס לערנט מיט יידישע רייכע קינדער. און צום סטודענט קומען אַריין פאַרשיידענע געלערנטע מענטשן. און איך האָב זיך מיט זיי אַלעמען באַקאַנט, און זיי האָבן מיך ניט אַרויסגעטריבן — נאָר מיך צוגענומען פאַר אַן אמת'ען גאַסט. און איך האָב פאַרגעלייענט אייער בריוו פאַר די אַלע געלערנטע מענטשן און זיי האָבן אָנגעקוואָלן פון אייך...

און איך זאָג אייך, אַז איך האָב אייך אַזוי פיל צו שרייבן, אָבער ס'איז שווער מיט דער פּען עס אַרויסברענגען. דעריבער וועל איך ענדיקן מיין בריוו און ווען מיר וועלן זיך זען, וועל איך אייך אַלץ, אַלצדינג דערציילן.

און איצט זייט אַלע געזונט און איך בוק זיך נידריק פאַר אייך, און איך גרוס אייך איטלעכן באַזונדער פון מיין טיפן האַרצן.

אייער שמעון זאבוטי.

ער האָט איבערגעלייענט דעם בריוו און איז געבליבן אומצופרידן. ער האָט געמיינט, ער וועט פאַרשרייבן אַ גאַנץ העפט, און דאָ האָט ער אַפילו איין בלעטל פון ביידע זייטן ניט פאַרשריבן. ער האָט נאָך געהאַט אַסך צייט און שוין אויך אָנגעשריבן אַ בריוו צו זיינע עלטערן.

געענדיקט די בריוו, האָט ער זיך אָנגעטאָן און זיך געלאָזט גיין אין אָבשטשעסטווענבע קלייט זיי דאָרטן איבערלאָזן אויף אָוועקצושיקן זיי אין וואַלאָסט אַריין.

ער איז אַרויסגעקומען אין דרויסן און פון ווייטן דערזען סקוויר־סקי׳ן. זי איז געגאַנגען אַ שטאָלטנע אין איר איידעלען פריצ׳ישן פּאַלטאָ און איר פיגור האָט שאַרף אָפּגעשלאָגן אויפן שניי.

שמעון האָט זי געוואָלט אויסמיידן: ער האָט זיך נאָך אַלץ גע־שעמט פאַר איר. אָבער זי איז געגאַנגען אַזוי האַסטיק, אַז ער האָט ניט געהאַט ווען אויסצומיידן זי.

פון ווייטן האָט ער באַמערקט, ווי אָנגעכמורעט איר שיין פנים איז און ווען זי איז צוגעקומען נענטער, האָט ער אין אירע ליכטיקע אויגן דערזען טרערן.

סקווירסקי האָט געוויינט!!

דאָס איז געווען אַזוי אומגעווײנלעך און אַזוי רירנד, אַז שמעון האָט באַלד דערפילט אַ וואַרעמקייט אין זיין האַרצן און אַ שווערקייט האָט זיך אים געשטעלט אין שלונג.

סקווירסקי איז צוגעקומען. סע האָט פון איר געשמעקט מיט בעז. די טרערן אין אירע אויגן האָבן געציטערט. ער האָט געקוקט אין אירע אויגן און געפילט, ווי אויך זיינע פילן זיך אָן מיט טרערן. ער האָט קוים געפונען אין זיך כח אַרויסצוברענגען די פּאָר ווערטער:

„וו טשיאָם דיעלאָ?"

— ראַבינאָוויטש ניעט! — האָט זי פאַרשטיקט אויסגערופן און זיך צעוויינט. — נעכטן דערהאַלטן אַן איינלאַדונג אויף מאָרגן... היינט געקומען אים אַרויסהעלפן — און ניטאָ!...

שמעון האָט דערשראָקן געשוויגן. סקווירסקי האָט פאַרגעזעצט:

— איך האָב זיך ביי אים געבעטן: „היט זיך, ליבער מענטש! קליג זיך ניט צופיל..." נו, האָט ער מיך ניט געפאָלגט... — זי האָט זיך אונטערבראָכן, זיך צושראָקן אַרומגעקוקט און שטיל געזאָגט:

— לאָמיר ניט שטייען: סע קאָן נאָך אויף אייך פאַלן אַ חשד.

אָפּגעזאָגט, האָט זי זיך גענומען שפּאַנען און דער צעטומלטער שמעון — נאָך איר.

די איינגעטראָטענע סטעזשקע איז געלעגן אַ שמאָלע און אַ קרומ־לעכע, איינגעגראָבן צווישן הויך־אָנגעפּאַלדעוועטן שניי. און ס׳איז אויסגעקומען, ווי זיי וואָלטן ביידע געגאַנגען אין אַ ריוו. ער האָט זי געוואָלט פרעגן, וואוהין זי גייט, און ניט געקאָנט. איז ער איר שטיל נאָכגעגאַנגען, ביז זיי זיינען דורך דאָס ווינקל. דאָ האָט זיך די גאַס

געענדערט. סע האָט זיך געשפּרייט אַ פּאַרשנייטער, באַרגיקער סטעפּאָק מיט אַ גרויסער קרעניצע אין דער מיט. אַ פויערטע איז זיי איבערגעגאַנגען מיט צוויי פולע עמער וואַסער אויפן אַקסל. די פויערטע איז געווען אַ גרויסע, אַ שווער-אָנגעפּעלצטע און אין עטלעכע שאַלן אַ פאַרוויקלטע. דאָס רונדע פּנים אירס איז געווען געקנייטשט, עס האָט אָבער געהאַט לאַכנדיקע אויגן מיט קליינע טרערן אין זיי פון קעלט. עס האָט איר הנאה געטאָן, וואָס זי איז מיט פולן איבערגעגאַנגען. האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, פלינק איבערגעדרייטביידע שווערע עמער אויפן אַנדערן אַקסל און צו-ווינקענדיק כיטרע, האָט זי געזאָגט צו סקווירסקי'ן:

— אַ, דיוואָוכאַ-פּיוואָוכאַ! האָסט זיך שוין געפונען אַ בייאינקען?... נו, זאָל אייך זיין מיט גליק! איך בין אייך איבערגעגאַנגען מיט פולן. איכ'ל דיר זאָגן דעם אמת: דער איז טאַקי אַסך אינגער פון יענעם און — שענער אויך... זע נאַר, זע! ... — האָט זי באַטראַכט שמעונ'ען און אירע אויגן האָבן נאָך מער געלאַכט. — זע נאַר, ווי ער איז רויט געוואָרן!... און די בעקעלעך זיינע, ווי אַ רויטינק בעריקל, ווי אַ קאַלינע... דיווי, דיווי!... די פויערטע האָט זיך הויך און ברייט צעלאַכט.

— אַ יאָ, אַ שיינער? האָט סקווירסקי זי איבערגעפרעגט.

— אַ שיינער און אַ פרישינקער! — האָט די פויערטע געענטפערט.

סקווירסקי איז דערווייל געגאַנגען ווייטער.

זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט פונם סטעפּאָק, זיך אַרומגעדרייט פריר אַרום אַ פויערס הויז, דערנאָך — אַרום אַ גאָרטן און באַלד זיינען זיי אַריין אין אַן אַנדער ווינקל, אַ שמאָלס און אַן אויסגעקרומטס, ווי אַ געשריבענע ריש. אויף אַ בערגל, צווישן צוויי פויערשע הייזער, איז געשטאַנען אַן אַלטע, נידריקע, גרויסע הויז. די ווענט זיינען געווען צעקרומט, די פענסטער — קליין און ביי דער ערד. איבערן גרויסן שווערן, שטרויענעם דאַך האָבן זיך אַרויסגעזעצט צוויי צעבראָכענע ציגלנע קוימענעס.

סקווירסקי איז געגאַנגען גלייך צו דער אַלטער הויז. ביים אַלטן, קרומען טויער האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און געפרעגט שמעונ'ען, צו ער וויל אַריינגיין „צו אונז."

— איר וואוינט דאָ? — האָט ער געפרעגט.

— יאָ, — האָט זי געענטפערט. — איר וועט דאָ טרעפן נאָך באַקאַנטע. קומט, קומט — האָט זי אים געמונטערט, זעענדיק, ווי ער

שטייט דערשלאָגן און פאַרשעמט. זי האָט זיך, ווי אַ אינגל אָנגעכאַפּט ביי ביידע סטופּשיקלעך פונם הויכן פּערעלאָז און אים פלינק איבער־געשפּרונגען. ער איז איר נאָכגעגאַנגען. זי האָט פאַר אים געעפנט די טיר און ער האָט אויך אין שטוב דערפילט דעם גערויך פון בעז, וואָס האָט אים ביי זייער ערשטער באַגעגעניש אַזוי ניי און אַזוי פריש פאַרשמעקט.

זיי זיינען דורכגעגאַנגען פריר איין צימער, נאָכדעם — אַ צווייטן. ערגעץ האָבן דאָ געקלאַפּט ניי־מאַשינען.

סקווירסקי האָט געעפנט די טיר אין אַ דריטן צימער, — און שמעון איז ערשט געבליבן שטייען אַ געפּלעפּטער: דער צימער איז געווען פאַרוואַלגערט מיט שטיקער וואַרע, פאַדים און קלאַטשע. ביי ביידע מאַשינען זיינען געזעסן די שוואַרצינקע מיט די קליינע ביסטרע אויגן און די בלאָנדע, וואָס איז יענעם אָוונט, אין ראַבינאָ־וויטשעס וואוינונג געזעסן לעבן זייצעוו׳ן. לעבן דער ערשטער איז אויף אַ פּוסביינקעלע געזעסן דער רויטער אינזשעניר. די מיידלעך האָבן גענייט און זיינען געווען שטאַרק פאַרטאָן אין דער אַרבעט. דער אינזשינער האָט פאַרקוקט אין אַ זשורנאַל.

— איך האָב אים געבראַכט! — האָט סקווירסקי געזאָגט.

די מיידלעך האָבן זיך אָפּגעריסן פון דער אַרבעט, אומגעדרייט זייערע פּנים׳ער צו שמעונ׳ען און ביידע מיט איין מאָל זיך צעוויינט.

דער אינזשינער האָט אין אויפרעגונג געקנייטשט דעם זשורנאַל אין זיינע ווייסע, קלייענדיקע הענט, אַ שמיץ געטאָן אים פון זיך און ביייזלעך געזאָגט:

— נו, וואָט אָפּיאַט ראַספּוסטילי ניוני!

די, מיט די ביסטרע אויגעלעך איז אָנגעפאַלן אויף אים:

— איר האָט דאָך אַן אייזערן האַרץ! עס אַרט אייך דען פאַר עמיצן?

ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און, אַ נערוועזער אָנגע־הויבן צו שפּאַנען איבערן צימער.

שמעון איז געשטאַנען און זיך איינגעהערט, ווי די מיידלעך האָבן שטיל געכליפּעט. ער האָט דערפילט, ווי טרערן רינען אים איבער די באַקן, און ער האָט אָוועקגעדרייט זיין פּנים אָן אַ זייט.

— בוזיא, הער אויף, האָט זיך דער אינזשעניר געבעטן ביי דער שוואַרצ׳חנ׳עוודיקער — און דו אויך! — האָט ער איינגענומען די בלאָנדע — און דו און איר! ... האָט ער פאַרצווייפלט געקוקט אויף שמעונ׳ען און אויף דער, וואָס איז נאָר וואָס אַריינגעקומען — נו,

שוועסטערלעך! — האָט ער מיט פאַרדראָס געזאָגט. דערפון האָט שמעון געדרונגען, אַז די דריי מיידלאַך זיינען שוועסטער. קוקנדיק אויף שמעון'ען, האָט דער אינזשינער צוגעגעבן: — אים וואָלט איר געמעגט צונעמען פאַר אַ ברודער...

ער האָט זיך צעלאַכט מיט אַ ניט־אַנגענעמען געלעכטער.

די מיידלעך האָבן זיך ביסלעכווייז באַרואיקט. די צוויי, וואָס זיינען געזעסן ביי די מאַשינען, האָבן זיך גענומען צום שטעפּן און אַננאַ האָט זיך געזעצט שלייפן לעכלעך.

אַלע האָבן געשוויגן.

די מיידלעך האָבן אַלע ווילע שווער אָפּגעזיפצט. שמעון איז נאָך אַלץ געשטאַנען. ער האָט געהערט, ווי ערגעץ האָט געסקריפּעט אַ טיר. עס האָט פאַרשמעקט מיט באַרשטש און מיט פיש. עס האָבן זיך דערהערט לייכטע, שנעלע טריט און עס איז אַריינגעקומען אַ גראָע אידענע מיט אַ ליכטיק־קלאָרן פּנים, דעם קאָפּ פאַרבונדן מיט אַ ווייס ציצן טיכל.

— קינדער! — האָט זי ליבלעך אַ קאָמאַנדעווע געטאָן — אויס, אָן עק, שבת זאָל ווערן!... זי האָט באַמערקט שמעון'ען און זיך אָן צערעמאָניעס פאַרגעשטעלט פאַר אים: — סקווירסקאיא. און אייער נאָמען?... — האָט זי געפרעגט:

—זאבוטי — האָט שמעון געענטפערט.

— זאבוטי?! — האָט די שיינע, ליכטיקע אידענע אויסגערופן — ניט טשאַסאָם כייקל רייקיר'ס? איי גוט! איך האָב שוין געהערט וועגן אייך... זיצט זשע, מאָלאָדוי טשיעלאָוויעק, וואָס שטייט איר?... קינדער, שבת, שבת זאָל ווערן! דער טאַטע וועט אייך טרעפן פרייטיק צו נאַכט ביי דער אַרבעט!... מאַרש, אָן עק זאָל עס נעמען! — זי האָט זיך מיט אַ העפלעכן שמייכל געווענדט צו שמעון'ען: — און איר וועט מיר אַנטשולדיקן, מיין ליבער גאַסט, איך דאַרף גיין פאַררוקן טשאָלנט. זי האָט דאָס וואָרט אַרויסגערעדט מיט שפּאַס און מיט חן. זי האָט זיך אַליין צעלאַכט און אַלעמען אָנגעשטעקט מיט איר געלעכ־טער. זי איז אַוועק אין קיך. די מיידלעך האָבן אַוועקגעלעגט די אַרבעט, אָבער אַנשטאָט ראַמען, האָבן זיי זיך אויסגעזעצט, ווי ביי ראַבינאָוויטש'ן בשעת די שמועסן.

דער אינזשעניר האָט געזאָגט:

— מיר האָבן אייך גערופן אַהער, ווי אַ גלייכן, ווי אַ חבר, איר זאָלט וויסן, וואָס איר האָט צו טאָן.

שמעון האָט ניט באַנומען, וואָס מען רעדט צו אים.

— אַט וואָס—האָט דער אינזשעניר געזאָגט—חבר ראַבינאָוויטש איז פּלוצים אַרעסטירט געוואָרן, און מען האָט אים צוגענומען. מיר האָבן געגעבן צו וויסן אין שטאָט אַריין. זיי וועלן זיך שוין דאָרט אַן עצה געבן. מיר קאָנען אייך ניט, נאָר ראַבינאָוויטש האָט אונז געהייסן האָבן צוטרוי צו אייך, — פאָלגן מיר אים. מיר ווילן פון אייך, איר זאָלט פאַרשטיין, ווי ערנסט די לאַגע איז. ווייל איך אייך בעטן און וואָרענען, ווי אַן עלטערער חבר: טאָמער וועט אייך עמיצער פון די פּויערים, צי דער סטאַראָסטע, אָבער דער דיאַק, צי אַפילו דער גלח, צי סתם עמיצער — פרעגן אויף ראַבינאָוויטשן, זאָלט איר וויסן, וואָס צו ענטפערן. מען וועט, פאַרשטייט זיך, וועלן אויסגעפינען, וועגן וואָס איר פלעגט רעדן מיט אים, ביי אים מיט אונז אַלעמען... זאָלט איר זאָגן: געשפּילט אין קאָרטן און געטרונקען טיי... פאַרשטאַנען?

— פאַרשטאַנען — האָט שמעון נאָכגעזאָגט, הגם ער האָט זייער ווינציק פאַרשטאַנען.

דער אינזשינער האָט אים אָפּגעלאָזן. אַלע דריי מיידלעך האָבן אויף שמעונ׳ען געקוקט מיט חשד. ביי „זיין" סקווירסקין האָבן די אויגן געשטראַלט מיט צוטרוי.

שמעון איז נאָך אַ ווײַלע אַזוי געזעסן צווישן די מענטשן, וואָס האָבן אַלע שווער געשוויגן. ער האָט געזען, ווי סע פאַלט צו די נאַכט און זיך געזעגנט מיט זיי. די אַלטע סקווירסקי האָט אים אָפּ־געוואָרט ביי דער טיר. איר שיין פּנים איז געווען צעקרומט און די אויגן פאַרלאָפן מיט טרערן.

— איר האָט זיי געפּרואווט טרייסטן? — האָט זי געפרעגט. מיין אַניוטאַ איז גאָר אויס מענטש!... איך מאַך זיך נאַריש, זיי טוען אַ לאַך, אָבער, אַבי איך גיי אַרויס פון דער מאַסטיערסקאיאַ, כליפּעט זי שוין ווידער. זי ווײַנט און זיי — קוקנדיק אויף איר. מאַלאָדוי טשיעלאָוויעק, היט זיך פאַר ליבע! די ליבע איז זיס, אָבער זי פאַר־ביטערט דאָס לעבן!... ראַבינאָוויטש איז טאַקי אַ טייער קינד, אַ גאָלדענע נשמה... נו, נו, איך וועל אייך ניט פאַרהאַלטן... קומט צוגייען אָפטער. אַ דאַנק פאַר אַ וויזיט. גייט געזונטערהייד!

— דאַסווידאַניאַ — האָט שמעון זיך פאַר איר פאַרנויגט. ער איז אַרויס אין דרויסן און מיט דער שטילער, פאַרנאַכטיקער גאַס, זיך געלאָזט צו דער אָבשטשעסטווענע קלייט. אָבער די צוויי בריוו, וואָס ער האָט איצטער מיט זיך געטראָגן, זיינען גאָר געווען איבעריק, ווייל ער האָט אַצינד געוואָלט אַהיים, אַהיים!

קאַפּיטל פיר און צוואַנציק

שמעון האָט געוואוסט, אַז ביז ליכט בענטשן וועט ער קיין רייקי ניט פאַרגיין. דאָ האָט ער אָבער מער ניט געקאָנט פאַרבלייבן.

„ראַבינאָוויטש איז אַרעסטירט!" „ראַבינאָוויטש איז אַרעסט־ירט!" האָט ער מיט מורא איבערגע'חזר'ט. פאַר זיינע אויגן האָט זיך געשפּרייט אַן אומעטיק, פאַרשנייט פעלד, אַ ווייטער, שמאָלער וועג... צוויי סטראַזשניקעס פירן ראַבינאָוויטשן קיין ווינניצע. דאָרט פאַרזעצט מען אים אין אַ פינסטערער טורמע און פון דאָרט — קיין סיביר. פון יענעם ווייטן, שטענדיק־פאַרפרוירענעם לאַנד — האָט שמעון געהערט — קומט מען שוין ניט צוריק... וועט ער שוין מער ראַבינאָוויטש'ן ניט זען? אָט ווען ער האָט אַצינד זיין גאַנצע חברה מיט זיך, וואָלטן זיי אַלע איבערגעם נאָכגעלאָפן די סטראַזשניקעס און זיי וואָלטן ראַבינאָוויטש'ן אויסגעריסן פון זייערע הענט.

שמעון האָט, אַ צופלאַמטער, געשפּאַנט איבערן דאָרף און אין הילפלאָזן כעס געקריצט מיט זיינע קליינע ציין.

ער האָט באַגעגנט דעם גלח.

דער אַלטער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ גרויסן, סאַקסאַקענעם פעלץ, און אין גוטע, ברוינע פּוישטן. פון אונטערן שווערן יאַלים האָט די ווייסע פּאַטלע אַרויסגעשטעקט.

— און וואוהין איילט איר זיך דאָס, מאַלאָדוי טשיעלאָוויעק, — האָט דער גלח געפרעגט.

— אויף שבת אַהיים — האָט שמעון געענטפערט.

— אַ גליקלעכן וועג! — האָט דער גלח אים געווינטשעוועט און זיך פאַרנויגט. ער האָט זיך געלאָזט גיין, זיך אָפּגעשטעלט, ווי ער וואָלט זיך אַן עפּעס וויכטיקס דערמאָנט, און געפרעגט: — איז עס אמת, אַז מען האָט אַרעסטירט אַ בונטאָווטשיק ביי אונז אין דאָרף?

שמעון האָט אים געקוקט גלייך אין די לויטערע, אויסגעוואַשענע אויגן און מוטיק געזאָגט:

— וואָס ווייס איך?...

— אַ, איר ווייסט ניט? — האָט זיך דער גלח געוואונדערט — דאָס איז ריינער גאָטס אמת!... אַרעסטירט אַ גאָטלעסטערער, אַ יידן?...

שמעון האָט שוין מער ניט געקאָנט איינשטיין. ער האָט געפילט, אַז, נאָך אַ ווײַלע — און ער וועט עפּעס זאָגן אַזאַ וואָרט, וואָס וועט דעם אַלטן צערייצן און אים, שמעונ׳ען וועט אויך קיין טובה דערפון ניט אַרויסקומען. חוץ דעם האָט דער גלח אַזוי דורכדרינגענד געקוקט אויפן אינגל, אַז ער האָט זיך קוים אַרויסגעדרייט און איז אַוועק זיין וועג.

עס איז געווען וואַלקנדיק, — און מען האָט ניט געקאָנט זען, ווי נידריק די זון איז שוין, אָבער שמעון האָט פאַרשטאַנען, אַז די נאַכט איז ניט ווייט און ער איז אַוועק נאָך מיט שנעלערע טריט ווי פריער. פון ווייטן האָט ער באַמערקט זאַכאַרענקאָ׳ן און זיך זייער דערפרייט, אָבער יענער האָט זיך אויף שמעונ׳ען אַפילו ניט אומגעקוקט. ער האָט דורכגעשפּאַנט לעבן אינגל, אַ שווערער און אַן אָנגעסופּעטער און ערשט ווען ער איז זיך צונויפגעקומען מיט אים, האָט ער פריינדלעך און גוטברודערש צוגעוואונקען צו אים. דערפון איז שמעונ׳ען געוואָרן אַזוי לייכט און אַזוי פריילעך, אַז ער האָט געוואָלט נאָכלויפן דעם פויער און אים אַ קוש טאָן.

„מסתמא דאַרף ער פראַווען רוגז" — האָט שמעון געטראַכט און געקלערט, אַז אויך ער וואָלט זיך באַדאַרפט פירן אַנדערש, אָבער ווי אַזוי — האָט ער ניט געוואוסט און ווער עס זאָל אים זאָגן, איז ניט געווען.

ער איז אַריבער די בריק, דורכגעגאַנגען דעם באַרגיקן גליטש. דאָרט האָבן זיך שוין געזאַמלט קינדער. פון יענער זייט באַרג, נאָכן סטעפּאָק, האָט זיך אַרויסגעזען דאָס פעלד, ווייטער אַהינצו — דאָס בערגל, וואו ער האָט דאָס ערשטע מאָל דערזען אַניוטע׳ן און ראַבינאָוויטש׳ן.

— דזין דאָברי, פּאַני! — האָט ער זיי דאַמאָלט געגריסט, ווייל ער האָט געמיינט, אַז זיי זיינען פריצים... ער האָט זיך דאַמאָלט שטאַרק פאַרשעמט... סע האָט אים פאַרשמעקט מיט בעז און אַניוטע׳ס אויגן, פאַרלאָפענע מיט טרערן, האָבן געקוקט אויף אים, און ער האָט געהערט איר פאַרצווייפלטן אויסגעשריי: „ראַבינאָוויטש אַ ניעט!"

די אומבאַוועגלעכע, שיטערע גרויקייט, וואָס האָט דעם גאַנצן גרויסן הימל פאַרצויגן, האָט זיך גענזאַמלט, זיך געקנייטשט, געשפּאַלטן און דורך די שפּאַלטן האָבן אַרויסגעקוקט חנ׳עוודיקע פּאַסן הימל. עס האָט אַ צי געטאָן אַ קאַלטער, אָבער אַ טרוקענער ווינט. ער האָט זיך געוואָלט אַ שפּיל טאָן מיטן שניי, אָבער יענער איז געלעגן אַ שווערער, ווי אונטער אַ גלאָז.

ווייט, ווייט אַקעגן האָט זיך עפּעס געשוואַרצט. איז דאָס געווען אַ בוים, צי אַ מענטש, צו אפשר איז גאָר אַ וואָלף אַ הונגעריקער אַרויס זוכן זיין קרבן. שמעון האָט זיך אָפּגעשטעלט, זיך איינגעקוקט אין ווייטן געשטאַלט און מיט מורא זיך אומגעקוקט. פון אַטשערעטניע איז ער שוין געווען ווייט, פון רייקי — נאָך ווייטער וואָס האָט ער געזאָלט טאָן? ס׳איז פאַרנאַכט, ער האָט נאָך היינט קיין מנחה ניט געדאַוונט... ער האָט שוין בכלל ניט געדאַוונט, אַפילו ווען ער האָט לפנים אָנגעטאָן די תפלין... אין דער וואַרעמער שטוב, וואו ער איז גאָספּאָדין אוטשיטיעל, איז ער אַ העלד. דאָ אָבער, איינער אַליין אין גרויסן, פאַרשנייטן פעלד, האָט אים אַ מורא אַרומגעכאַפּט, אַז גאָט וויל זיך מיט אים איצט אָפּרעכענען, דערפאַר, וואָס ער האָט געפּאַלגט ראַבינאָוויטש׳ן און אים, דעם אַלמעכטיקן אָפּגענאַרט.

ער האָט זיך איינגעקוקט אין דער ווייט. דאָס געשטאַלט האָט זיך, דאַכט זיך, באַוועגט. אָבער גרעסער איז ער ניט געוואָרן.

שמעון האָט גערעדט צו גאָט:

„ניין, איך האָב דיר ניט גענאַרט, ווייל ווען איך האָב אַפילו ניט געדאַוונט, האָב איך דיך אויך אין זינען געהאַט, און ליב געהאַט דערפאַר, וואָס דו שיינקסט מיר יעדן פרימאָרגן צוריק מיין אָטעם, דו היטסט מיך, וואו איך גיי און וואו איך שטיי, האָסט מיר געגעבן ליבע טאַטע־מאַמע, אַ ברודער אין אַ ליב און טייער, זיס שוועסטערל... גאָט, גאָט! זיי מיר מוחל! — האָט שמעון שטיל געמורמלט, קוקנדיק דורך די צעריסענע שטיקער וואָלקנס אין די קלאָרע שטיקער הימל. — העלף מיר, גאָט, איך זאָל פאַרגיין אַהיים בשלום און זאָל דאָרט טרעפן אַלעמען געזונט און שטאַרק! איך זאָג דיר צו, אַז איך וועל דאַווענען צו דיר און אָפּהיטן אַלע דיינע געבאָטן!...

דערווייל איז געוואָרן טונקעלער און אומעטיקער. ער האָט דערזען די נאַכט, ער איז נאָך קיין האַלב וועג ניט אָפּגעגאַנגען. ער האָט זיך גענומען דאַווענען מנחה. פון די לויב-ווערטער צו גאָט איז אים געוואָרן גרינגער און ער איז, אַ דערמונטערטער, ווייטער אַוועק. אין דער טונקלקייט איז ערגעץ דער ווייטער שאָטן פאַרשוואונדן.

שפּעטער אַ ווײַלע האָט ער בײַ דער זײַט פונם וועג דערזען אַ דאָרף. דאָס איז געווען סקאָראָפּאַדקע. פון דאָרטן פלעגן עס קומען די געלערנטע מענטשן צו ראַבינאָוויטש׳ן. דער רויטער אינזשעניר און זײַצעוו זײַנען אויך פון דאָרטן. אין צוקער־פאַבריק האָט זיך געלויכטן. מען האָט געהערט אַהערצו דאָס בילן פון די סקאָראָפּאַדקע׳ר הינט... און אָט איז שוין דער וועג קיין סקאָראָפּאַדקע, און דאָרט, פונם דאָרף פאָרט אַרויס אַ שליטן... אפשר פאָרט מען קיין רײַקי?... דאָס וואָלט געווען גוט, גוט!

שמעון האָט געשפּאַנט ווײַטער און גע׳פועל׳ט זיך ניט אומצוקוקן, ביז די פור וועט אים אָניאָגן, אָבער ווען ער האָט זיך שוין מער ניט געקאָנט דערוואַרטן, און זיך אומגעקוקט, האָט ער דערזען, אַז דאָס פורל האָט זיך פאַרקערעוועט קיין אָטשערעטניע.

שפּעטער איז אָנגעקומען אַ פורל אַקעגן. אַ גרויסער פויער מיט אָנגעפרוירענע וואָנציעס האָט זיך הויך, אויף אַ קול געגריסט מיט שמעונ׳ען. ער האָט פון חוזק וועגן אײַנגעלאַדן שמעונ׳ען אין שליטן אַרײַן...

ערשט אונטער רײַקי האָט אים אָנגעיאָגט אַ היימיש פורל, קאַלעניקס טאַטע, דער הוסטנדיקער קורני.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און בייז, אָבער גוטמוטיק געפרעגט:

— און פון וואַנען האָסטו זיך אַהער גענומען?

— איך גיי אַהיים אויף שבת.

— נא סאָבאָטי? — האָט אים קורני איבערגעקרומט, כאָטש שמעון האָט גערעדט אוקרײַניש בעסער פונם פויער. — גיטשאָבעס — האָט דער שכן זיך גע׳חכמה׳ט — ווילסט אונטערפאָרן?

— איך ווייס? — האָט שמעון זיך געקווײַנקלט...

—וועסט געבן אַ פּעקעלע מאַכאָרקע, וועל איך דיך אונטערפירן, — האָט קורני געזאָגט.

— גוט — איז שמעון מסכים געווען.

ער האָט זיך געזעצט לעבן פויער און אַרײַנגעשטעקט די פיס טיף אין דער שטרוי. קורני האָט אַ טשמאַק געטאָן צו די פערד. זיי האָבן גערירט.

— פון וואַנען גייסטו? — האָט דער פויער געפרעגט שמעונ׳ען.

— פון אָטשערעטניע, — האָט דאָס אינגל געענטפערט.

— אַזוי ווײַט?! — האָט קורני זיך גע׳חידוש׳ט.

— אָ, — האָט זיך שמעון גע׳בריה׳ט — ווען איך בין פון דאָרט אַרויסגעגאַנגען, איז שוין באַלד נאַכט געווען.

— אַזוי ווי אַ לאַשיק, — האָט קורני געזאָגט — עסט זיך אָן מיט ווייסער חלה און בריקעוועט.

שמעון האָט אים פאַרשוויגן און עס האָט אים ניט געאַרט, וואָס דער פויער חכמה'ט זיך. ער האָט געקוקט אויפן אָנגעפעלצטן מענטשן, אויף זיין לענגליך־מאָגער פנים מיט די קאַלטע, גרויע אויגן, און — די שיטערע, שטרויענע וואָנציעס. דער פויער איז עפעס אויסגעקומען ניט ווי דער שכן קורני, — נאָר ווי אַ שפּיגל אַזאַ מין, אָבער אַ פענס־טער, דורך וועלכן מען זעט אַרויס גאַנץ רייקי. און ניט נאָר ער, די צוויי פערדעלעך, איינס אַ מויז־קאָליר, און דאָס אַנדערע אַ קאַשטאַ־ניוואַטע, אַפילו דער פלאַכער שליטן, ביי וועלכן איין פליגל איז שוין פון יאָרן אָפּגעבראָכן, — אַלץ איז שמעונ'ען געווען אַזוי היימיש און אַזוי ליב, אַז ער האָט איצט אינגאַנצן פאַרגעסן אָן אַטשערעטניע מיט אַלע אירע מענטשן. ער האָט געפרעגט:

— דיאַדקו קורני, האָט איר אפשר געזען מיין טאַטן און מיין מאַמען?

— יאָ, איך זע זיי, אַ שטשאָ? . . .

— אַלע זיינען געזונט?

— געזונט . . . וואָרט! . . . — האָט זיך קורני אַ כאַפּ געטאָן. — איך דאַרף זיי אָנזאָגן די בשורה. דיין מאַמע וועט מיר אויך געבן אויף אַ פעקל מאַכאָראַטשקע, און נאָך אַ שטיקל חלה דערצו . . . דערביווע נאָר, כלאָפּטשע, דיינע דריי קאָפּיקעס.

שמעון האָט אים געגעבן דריי קאָפּיקעס. קורני האָט אָנגעשפּיגן אויפן קופּערנעם זעקסער און אים באַהאַלטן. ער האָט אונטערגעשמיסן די קליינע פערד און זיי זיינען אַוועק לעבעדיקער. דער שליטן איז אַלע מאָל אַריין אין אַ גריבל אָבער — אַוועק אַ זייטיקע . . . עס איז געווען אַ געפּאַר זיך איבערקערן, דערפאַר איז אָבער געוואָרן פריי־לעכער . . . און דאָ האָט זיך דערנענטערט רייקי, די היים . . .

דער פויער האָט, אַ פריילעכער, געטשמאַטשקעט, געפאָכעט מיט דער בייטש איבער די טונקעלע רוקנס פון די פערד, זיי ניט געשלאָגן און זיי נאָר געמונטערט מיט אַ וואוילוונגערשן הע־ע־העך! . . .

און שמעון איז געזעסן מיט ברייט־אָפענע אויגן אין דער בלויער, שנייאיקער טונקלקייט און געזען, ווי דאָ אין דאָרט, אַקעגן, פונם טאָל בליקעט אַרויס אַ פייערל און שפּעטער האָט ער דערהערט דעם גע־רויך פונם היימישן דאָרף.

מען איז צוגעפאָרן צו די גערטנער און אַריינגעפאָרן אין דאָרף אַריין.

— איר זעט, איר זעט ? ! — האָט שמעון אויסער זיך אויסגערופן, דערזעענדיק די ברענענדיקע שבת־ליכט אין דער היים, אין פענסטער — דיאדקו קורני, באטשיטי ? — האָט ער ווידער גערופן, זיך געוואָלט אויפשטעלן, אָבער די פערדלעך האָבן אַ טראָג געטאָן און שמעון האָט זיך אין שליטן איבערגעקערט אויף צוריק און זיך פריילעך צעלאַכט.

קאַפּיטל פינף און צוואַנציק

ביים אייגענעם טויער האָט ער געמוזט וואַרטן, ביז קורני וועט אַרויסקומען, ער האָט שוין מער אין שליטן ניט געקאָנט איינזיצן, און איז אַרויף אויפן הויף. דורך די באַלויכטענע פענסטער פון דער גרויסער סטאָלאָווע האָט ער דערזען די באָבע מיטן זיידן זיצן אויפן געקאָווען קאַסטן ביי דער הרובע. די מאַמע איז דורכגעלאָפן. ער האָט דערהערט ווי חנהלע האָט אַ קוויטשע געטאָן. די טיר האָט זיך געעפנט, און קורני איז אַרויסגעקומען.

מער האָט שוין שמעון ניט געקאָנט איינשטייען און געטאָן אַזאַ לויף, אַז ער איז אַרויף אויף קורני׳ן און אים שיעור אומגעוואָרפן.

— ביסט משוגע געוואָרן? — האָט אים דער שכן געזידלט און געגאַנגען צו זיין פור.

אַקעגן שמעונ׳ען איז אַרויסגעלאָפן חנה׳לע. ער האָט זי אין דער פינסטער ניט געזען, ער האָט אָבער געפילט, ווי זי פליט גלייך אויף אים און הינטער איר שרייט די מאַמע:

— גיי אַוועק פון אים: ער איז פול מיט קעלט! אַריין צוריק! אַריין צוריק, זאָג איך דיר!!

דער מוטערס קול איז געווען אַזוי דרינגענד און אַזוי דראָענד, אַז דאָס טעכטערל האָט געמוזט פאָלגן און שמעון איז נאָך חנה׳לען אַריין אין הויז אַריין.

ער איז געבליבן שטייען אין מיטן דער אָנגעהייצטער שטוב, אַ שעמעוודיקער און אַ צעטרודערטער. אַ ווילע האָט ער פאַרלוירן געשוויגן און ווי פאַר׳גנב׳עט געזאָגט:

— אַ גוט שבת...

— ס׳פּראיכאלאָם, — האָט אים דער זיידע מקבל פּנים געווען.

— שוין, שוין — האָט די באָבע זיך אָנגענומען פאַר אים — גאָט וועט אים מוחל זיין.

— „מוחל זיין" — האָט דער זיידע ברוגז נאָכגעזאָגט.

שמעון האָט זיך געוואָלט אויסטאָן און ערשט איצט דערפילט, אַז ער קאָן מיט די פינגער ניט רירן, אַזוי פאַרקילט זיינען זיי געווען.

איז חנה'לע צוגעלאָפן צו אים און אים אָנגעהויבן אָפּשפּיליען. זי איז געשטאַנען אַקעגן אים, פּנים אל פּנים, און אירע אויגן האָבן געשטראַלט אויף אים מיט אַ ליכטיקער וואַרעמקייט. זי האָט זיך אָנגעשטרענגט אָפּצושפּיליען די גרויסע קנעפּ פון זיין מאַנטל און דערביי, ווי אַ קינד, אַרויסגעשטעלט אַ שטיקל צונג. שמעון האָט געקוקט אויפן טאָטן, וואָס איז געזעסן אַ שווייגנדיקער און געקנאַקט סאָנישניק-קערלעך. די מאַמע איז געשטאַנען מיטן האַנטעכל פונם געפעס אויף די הענט און געקוקט אויפן גאַסט. און ניומטשיק האָט געעפנט זיינע איבער־געשראָקענע, קיילעכדיקע אויגן און עס האָט פון זיי אַרויסגעקוקט אַן איבערגעשראָקענע פרייד. ער האָט געהאַלטן קערלאַך אין די הענט, אָבער ניט געקנאַקט.

ווי נאָר חנה'לע האָט אָפּגעשפּיליעט* ניומטשיק'ן און צוגענומען ביי אים דעם מאַנטל, האָט זיך אָנגעהויבן די סדרה פון צוקושן זיך. צוערשט האָט זיך שמעון צוקושט מיט דער באָבען. ער האָט זי געוואָלט אַ קוש טאָן אין דער באַק, און געטראָפן אין דער לאַנגער, שפּיציקער נאָז... דעם זיידנס באָרד האָט געשמעקט מיט רינד־פליייש און — פלוימען־צימעס. די מאַמע איז צוגעגאַנגען צום זון, אים אַרומגענומען, צוגעדריקט צו זיך, צוגעפאַלן מיט איר וואַרעמען מויל צו זיין פּנים און זיך צוכליפּעט. חנה'לע האָט, ווי אַ קעצל, געטאָן אַ שפּרינג אונ־טער, אַרומגענומען שמעונ'ס האַלדז, האָט זי דעם ברודער געקושט דאָ אויף איין באַק, דאָ — אויף דער אַנדערער.

זי האָט אים אָפּגעלאָזט און מיט גרויס חידוש אויסגערופן:

— זע נאָר, ווי גרויס דו ביזט!

— קיין עין הרע! האָבן די באָבע און די מאַמע אונטערגעכאַפּט.

דער טאַטע האָט זיך אויפגעהויבן מיט אַ פולער באָרד קערלעך־שאָלעכץ. שמעון איז צוגעגאַנגען צו אים. דער טאַטע האָט זיך שוין צום זון קיין סך ניט באַדאַרפט בויגן. ער האָט שמעונ'ען אַ קוש געטאָן, זיך צוריקגעזעצט און מיט אַ ניגון געזאָגט:

— אַ נו קום נאָר אַהער, כלאָפּטשע, און לייג זיך נאָר אַנידער...

— לאָז ער זיך צוקושן מיט ניומטשיק'ן! — האָט חנה'לע אויס־געשרופן. זי איז געשטאַנען אַ ליכטיקע, אַ לייכטע און מיט העלע נייגע־ריקע אויגן באַטראַכט, ווי ניומטשיק קושט זיך מיט שמעונ'ען. שמעון האָט ניומטשיק'ן אַ הילכיקן טשמאַקע געטאָן און ניומטשיק האָט ביים קושן אַרויסגעלאָזט אַזאַ מאָדנע לעכערליכן קלאַנג, אַז חנהלע האָט זיך הילכיק צעלאַכט.

און כייקל האָט דערווײלע גערופן דעם בכור.

* שמעונ'ען

— אַהער גיי, קדישניק טייערער, אויף די קני און לאָז נאָר אַראָפּ די מאַטקעלעך, בחור מיינער! . . .

שמעון האָט פאַרשטאַנען, אַז דער טאַטע שפּאַסט און זיך ניט גע־לאָזט בעטן. די מאַמע האָט זיך דערשראָקן . . .

— משוגע, מיינע שונאים—האָט זי אין מורא געמורמעלט—זי איז צוגעלאָפן צום זון, וואָס איז שוין געלעגן ביים טאַטן אויף די קני און אים פאַרשטעלט מיט זיך. האָט דער טאַטע אויפגעהויבן די האַנט און אַראָפּגעלאָזט דער מאַמען אַ פּלעצל. דאָס איז געווען אַזוי אומדער־וואַרטעט, אַז אַפילו דער אַלטער שייע איז געבליבן מבולבל. כייקל האָט זיך אָבער ניט פאַרלוירן און זיך ברייט פויעריש צעלאַכט. די מאַמע האָט זיך געהאַלטן ביים אַנגעקלאַפּטן אָרט און דורך טרערן געלאַכט, בטל׳ענדיק חלומות צום מאַן.

און שמעון איז אַרויף אויפן קאַסטן און זיך צוגעטוליעט צו דער באָבען. ערשט האָט זי געלאַכט גלייך מיט אַלעמען, און איצט זיצט זי שוין און דרעמלט. . . און חנה׳לע האָט זיך אַריינגעשטופּט אין ווינ־קעלע, צווישן דעם קאַסטן און דער וואַנט געשטאַנען לעבן דעם ברודער, ניט אָפּגעטראָטן פון אים און קיין אויג פון אים ניט אַראָפּגענומען. זי האָט געזען, ווי די קלייען האָבן פון זיין נאָז ניט געסטייעט, און אויף איין באַק — צוויי לישייעס. און אונטער די פּאות האָט זי אַנט־דעקט קליינע, טונקעלע הערעלעך. זיי זיינען שיטערע, געלאָפן אַראָפּ, וואָס נידריקער, אַלץ קירצער. ביי יעדער נייער אַנטדעקונג האָט דאָס שוואַרצאויגיקע שוועסטערל אַרויסגעלאָזט אַ פריידיקן קוויטש. זי האָט זייער געוואָלט ביים ברודער זאָל וואַקסן אַ באָרד, אָבער צו איר באַ־דויערן האָט זיך דער ברודער כמעט ניט געביטן.

די מאַמע האָט אָנגעשריגן אויף חנה׳לען און צום גאַסט האָט זי געזאָגט: — איך פרעג דיר ניט מער, וואָס הייסט, דו ביסט אָפּ אַזאַ צייט אין דער פרעמד, און דו שרייבסט אַפילו ניט אָן אַ בריוול אַהיים?

— כ׳האָב דאָך געשריבן! . . .

— ווען? — האָט די מאַמע געפרעגט.

שמעון איז רויט געוואָרן און ניט געוואוסט, וואָס צו זאָגן: ער האָט די בריוו געהאַט מיט זיך. ער האָט זיך פאַרלוירן מער און מער. אַלע האָבן אויף אים געקוקט מיט חשד.

שמעון איז אַראָפּ פונם קאַסטן, האָט געפונען זיין מאַנטל און פון דער בוזים־קעשענע דאָרטן אַרויסגענומען דעם בריוו. ער האָט בשעת מעשה אַכטונג געגעבן, ער זאָל ניט אַ כאַפּ טאָן דעם בריוו צו זיינע חברים. ער האָט אים געטראָגן פאַר זיך אין דער הויך און געזאָגט:

— אַט איז ער, דער בריוו!...

דער טאַטע האָט אים געגעבן זייער ניט קיין שיינע עצה. שמעון האָט זיך פאַרשעמט און חנה'לע האָט זיך פאַרשטעלט די אויגן און נאָר ניומטשיק האָט זיך ברייט צעלאַכט מיטן געלעכטער פון אַ פינקט־לעכן מענטשן, וואָס וועט קיין פעלער ניט מאַכן.

— איך האָב... איך האָב — האָט שמעון זיך פאַרענטפערט — אָנגעשריבן דעם בריוו און אים שוין געוואָלט אַריינוואַרפן, האָב איך זיך ערשט פאַרביינקט אַהיים און שוין פאַרגעסן אָנ'ם בריוו.

— ווען האָסטו אים געשריבן? — האָט דער טאַטע געפרעגט.

— ווען? — האָט שמעון תמ'עוואַטע איבערגעפרעגט, און, אינ־גאַנצן אַ פאַרלוירענער, געזאָגט: — היינט...

דאָ האָבן שוין אַלע געלאַכט. אַפילו די באָבע האָט זיך דורכגע־וואָרפן אין איר דרעמל און מיטגעלאַכט. חנה'לע האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם בריוו און אים געוואָלט לייענען, איז אָבער דער קאָנווערט געווען פאַרקלעפּט... זי האָט אים שיעור אויפגעריסן... אַ גליק, וואָס די מאַמע האָט באַצייטנס דערזען.

די מאַמע האָט צוגעטראָגן שמעונ'ען אַ פולע זשמעניע קערלאַך און אַליין האָט זי זיך גענומען ווישן דאָס געפּעס.

— דו גיב אים בעסער עסן! — האָט שייע נאָכגעשריגן דער שנור. זי האָט אים געפאָלגט, און ערשט נאָכן עסן האָט שמעון זיך צוריקגעזעצט לעבן דער באָבען, וואָס האָט שוין ווידער געדרעמלט — ער האָט אויפגעקנאַקט אַ קערל און געוועקט די באָבע:

— באָבע, באָבע, נאַ דיר אַ יאָדערל.

זי האָט געעפנט די אויגן און אים באַדאַנקט:

— לאַנג לעבן זאָלסטו.

זי האָט דעם יאָדער באַטראַכט און אים פאַרזיכטיק אַריינגעלעגט אין מויל אַריין. האָט ער איר שוין דערלאַנגט נאָך איינעם. אַזוי פלעגט שמעון שטענדיק טאָן, ווען ער האָט אין שטוב געקנאַקט קערלעך. די באָבע האָט שוין קיין ציין ניט געהאַט, און מען האָט זי באַדאַרפט פאַזשאַלעווען.

חנה'לע האָט אָנגעהויבן פרעגן און שמעון האָט באַדאַרפט ענט־פערן. זי האָט אים פאַרשאַטן מיט פראַגן: ווי אַזוי דאָס דאָרף אָטשע־רעטניע קוקט אויס, צי איז דאָרט אויך דאָ אַ פריץ, צי עס זיינען דאָרט פאַראַן יידן און — וויפל... און וויפל קינדער יעדער פון זיי

האָט, וויפל אײַנגלעך און וויפל מיידלעך, ווי גרויס איז יעדער פון זיי און ווי הייסן זיי... נו, און אַ טייך איז דאָרטן דאָ? ... און אַ וועלדל, און אַ פּרוכט־גאָרטן? ...

דערווייל האָבן זיך שוין די ליכט געלאָשן. דער לאָמפּ האָט נאָך געברענט. אַלע האָבן שוין געוואָלט שלאָפן און מען האָט באַדאַרפט אַריינרופן דעם שומר, דעם קרומען מענעט׳ן, ער זאָל אויסלעשן דעם לאָמפּ. רופן דעם גוי זיינען געגאַנגען שמעון מיט חנה׳לען און אַפילו ניומטשיק האָט זיך מתקנא געווען און נאָכגעלאָפן די קינדער.

זיי זיינען אַרויס אין דרויסן. שמעון איז דער ערשטער אַריבער־געשפּרונגען דעם פּערעלאַז, חנהלע—־נאָך אים און ניומטשיק, ווי אַ מיושבדיקער ייד, איז קוים אַריבערגעקראָכן דעם פּלויטל... ביז וואָס ווען, האָט ער שוין די קינדער פון אויג פאַרלוירן. זיי זיינען געלאָפן אויפן כרוסטקע שניי. ביז זיי זיינען צוגעקומען צום ריוו, וואָס אַרום גאָרטן. דאָרטן, אונטערן ריוו האָט זיך מענעט געמאַכט אַ מין הייל, פאַרדעקט מיט אַ שטרויענער טיר.

— העי, דידו דידוס! האָט חנהלע גערופן — די מאַמע האָט געבעטן, איר זאָלט אונז דעם לאָמפּ אויסלעשן.

פון זיין מקום מנוחה האָט מענעט פאַרשלאָפן הייזעריק געפרעגט:

— און ווער איז דאָרט? — אָט טאָבי נא (אזא טבע האָט ער שוין געהאַט: ביי יעדער געלעגנהייט האָט ער געזאָגט: אָט טאָבי נא: פויערים האָבן אים טאַקי גערופן: „מענעט אָט טאָבי נא.”)

דאָס טירל האָט זיך פון אויבן אָפּגעשפּאַרט און אַ פאַל געטאָן אין שניי אַריין. מענעט איז אַרויסגעקראָכן און ווידער געזאָגט: אָט טאָבי נא... טרעבע איטטי, שטשע זאַגריוס טראַשקי, מע דאַרף הייסט עס גייען: איכל זיך אַביסל אָנוואַרעמען, ער האָט זיך אָנגעבויגן, אויפגעשטעלט דאָס טירל און פאַרשטעלט דעם אַריינגאַנג צום קורין. ער האָט, אַן אָנגעפּעלצטער, ווי אַ פירעקעכדיקער אָוועקגעהינקען צו דער קרעטשמע און די קינדער האָבן פריילעך נאָכגעשפּאַנט נאָך אים. שמעון מיט חנהל׳ען האָבן זיך געהאַלטן ביי די הענט און ניומטשיק איז פאַרלאָפן דעם וועג דאָ פון דער זייט, דאָ פון דער אַנדערער זייט, ביז ער האָט זיך אָנגעבלאָזן און איינגאַנצן געבליבן הינטן.

מען איז אַריין אין הויז.

מענעט האָט אויסגעלאָשן דעם לאָמפּ. די מאַמע האָט אים גע־געבן אַ זשמעניע קערלאַך און אַ שטיק חלה. דער אַלטער האָט כלומרשט ניט געוואָלט נעמען און זיך געלאָזט בעטן: „אָט טאָבי נא־

דזערניאטא אי בולקא, אַט טאַבי נא" אָבער אַז ער האָט שוין די נאַשע־רייען געהאַלטן אין די הענט, האָט ער זיי גלייך גענומען פאַרצערן. ער האָט געקנאַקט די קערלאַך אין מיט גרויסע ביס געריסן די פרישע חלה. ביי יעדן מאָל, וואָס ער האָט זיך אַריינגעביסן אין דער חלה, האָט ער אַרויסגעברומט אַ בייזן און שטומען 'הו'.

דער שומר האָט געוואָלט שמועסן, אָבער די יידן זיינען געווען פאַרשלאָפן האָט ער אומצופרידן געזאָגט: אַט טאַבי נא, זיך געזעגנט און אַוועק אין זיין קורין אַריין.

אין שטוב איז געוואָרן שטיל. מען איז זיך געגאַנגען לעגן שלאָפן. שמעון האָט אין דער פינסטער געטראָפן אין אַלקער אַריין. ער האָט זייער געוואָלט אַ קוק טאָן אויפן מלאכל אין אויסגעהאָפטענעם פאַר־האַנגל. ער האָט עס אָבער איצט ניט געקאָנט זען.

דאָס געלעגער איז געווען קאַלט, אָבער שמעון האָט זיך איינגע־נורעט אין ניומטשיק'ן און די ברידער האָבן זיך גיך דערוואַרעמט. ניומטשיק האָט זיך באַרימט, אַז ער איז שוין אויך אַ לערער, ער לערנט מיט חנה'לען. האָט זיך חנה'לע פון איר געלעגער אָנגערופן, אַז ניומטשיק איז אַ שלעכטער און ער פאַרגיט איר שווערע אַריפ־מעטישע פּראָבלעמען. שמעון האָט אונטערגעהאַלטן דעם שמועס, אָבער ער האָט איצט געטראַכט פון רייקי, פונם אַרעסטירטן ראַבינאָ־וויטש'ן, פון אניוטע'ן... עס האָט אים פאַרשמעקט מיט בעז... און דאָ האָט חנה'לע געשטשעבעטשעט... פון ערגעץ איז אַרויסגעשוואו־מען אַ ווייט, פאַרשנייט פעלד מיט אַ ווייטער, שרעקעדיקער מענטשן־געשטאַלט... און באַלד איז אַרויסגעקומען אַ גרין, האַרבסטיק ביי־נאַכטיק־פאַר'טוי'ט פעלד, מאַרטשוק, בוריקעס־בלעטער, דיניס, יאוו־דאַכע, אָקסאנע, סאַלאָמיע, קאלעניק, טימקאָ מיט די שטילע און קאַלטע קלויסטער־אויגן, קאַרפּאָ, טאנאסקאָ . . . אויסגעשטערנטע הימלען, בלויליכע, דורכזיכטיקע אָוונטן... די חברה זינגט און שמעון אין מיטן, פאַרריסן דאָס ברוינע קעפּל, דער העלד, דער פאַרזינגער... סאנד־ראַצקי'ס ספּריזבע, וועטשערניציעס, יאַוודאָכע ביי שמעונ'ען אויף די קני, ער קושט זי און זאָגט איר צו, אַז ער וועט זיין אַ גוי! ...

פון ערגעץ איז אָנגעשוואומען אַ גרויסער און אַ שווערער זאכא־רענקאָ... דער אינזשעניר טרינקט לחיים זא פּראָצוויעטאַניא קאַמו־ניזמא... זיין פּנים שיינט און אַלע שוויגן לאַנג־לאַנג... דער גלח אינם סאקסאקענעם טולופּ... צוויי סטראַזשניקעס אין פאַרשנייטן פעלד און ראַבינאָוויטש אין מיטן... און דאָס מלאכל האָט זיך שוין

אַזוי ווי שמעון, צוגעוואוינט צו דער פינסטער. עס וויגט זיך קוים אויפן פּאַרהאַנגל און קוקט מיטן איינציקן אויגל. שמעון וואונדערט זיך, ווי אַזוי ער קען זען דאָס מלאכל אין דער פינסטער... אפשר זעט ער עס גאָרניט, און עס קוקט צו אים אַרונטער פון צווישן די אַלע געשטאַלטן, וואָס שוועבן אַצינד פאַר אים?... פונם חידושן זיך ווערט אים עפּעס אַזוי קשה, עפּעס אַזוי... נו, ווי אַזוי?... אָבער וואָס איז דאָס — ער פאַלט צי ער פליט?...

קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק

ווען ער האָט זיך אויף מאָרגן גאַנץ פרי אויפגעכאַפּט, איז ער געווען אַביסל צעטומלט. ער האָט נאָך געהאַט די אויגן רעכט ניט געעפנט... און אַזוי, מיט פאַרשלאָפענע אויגן, קוים־צעעפנטע — געקוקט פאַר זיך און יאָ געזען, און ניט געזען, אָבער ער האָט געשמעקט און געפילט די אַלע היימישע, ליבע ריחות. און עס איז אים אויסגעקומען ניט אַנדערש, ווי אַ חלום, ווייל די גאַנצע נאַכט איז ער גאָר געווען „דאָרט" אין אָטשערעטניע... און דער חלום איז געווען בולט, אַזוי בולט, קלערער, ווי די ווירקלעכקייט. און איצט איז אַלץ געווען טונקל און פאַרנעפּלט, פאַרשלייערט. ער האָט מורא געהאַט צו עפענען די אויגן. פונקט אַזוי האָט עס מיט אים פּאַסירט אין אָטשערעטניע, נאָך אַ גאַנצער נאַכט חלומ'ען פון דער היים — זיך מיטאַמאָל דערפילן ביי יונה'ן אין שטוב...

אַ היפּשע ווײַלע איז ער אַזוי געלעגן שטיל, פאַרטייעט און שפּע־טער פאָרזיכטיק געעפנט איין אויג און גלייך האָט דאָס צווייטע זיך ברייט צעעפנט און ער האָט זיך האַסטיק אַ זעץ אויף געטאָן און דערזען דאָס מלאכל אויפן פאָרהאַנגל אַ שטומס, אַ בלינדס אויף איין אויג און דאָס 'זעענדיקע' אַ פאַרשלאָפנס.

ער האָט אַ קוק געטאָן צום שלאָפנדיקן ניומטשיק'ן. יענער האָט געהאַלטן ביידע פויסטן אויפן האַרצן. זיינע שיטערע גרויסע ברעמען זיינען געווען צונויפגעצויגן איבער דער גראָבלעכער נאָז. אין צווייטן בעט איז געשלאָפן חנהלע, איין פּיסל אַרויסגעסמיקעט פון אונטער דער קאָלדרע, דאָס פּנים איינגעגראָבן אין קישן און זי האָט אַזוי קאָמיש אונטערגעשנאָרכט, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט צעלאַכן.

שמעון האָט זיך געשאַרט פון דער וואַרעמער קאָלדרע און אַראָפּ־געשטעלט די פיס אויפן קאַלטן, לכבוד שבת אויסגעוואַשענעם פּאָל. ער איז צוגעגאַנגען צום פענסטער, אויפגעהויבן דאָס פאָרהאַנגל און געעפנט דאָס קליינע פאַרטקעלע. אַ שטאַרקער שטראָם פראָסטיקע לופט האָט זיך אַריינגעריסן און אַ וויג געטאָן דאָס פאָרהאַנגל מיטן

מלאכל אויף דעם. די קעלט האָט שמעון'ען דעם אָטעם פאַרכאַפּט, און ער האָט אויף גיך פאַרמאַכט דאָס פענסטער. ער האָט זיך צוריק־געלעגט אין בעט, זיך איינגעדעקט און געוואַרט. ער האָט שוין געוואוסט דעם סדר פון די מאָרגנדיקע קלאַנגען און אַלץ איז איצט פאַרגעקומען אַקוראַט אזוי, ווי ער האָט זיך פאַרגעשטעלט.

צוערשט האָט דער קלויסטער־שומר געטאָן עטלעכע קלינג מיטן גרויסן גלאָק, פריר זעלטן, דערנאָך אָפטער און אָפטער און צום סוף געטאָן דריי קלינג, איינס נאָכן אַנדערן — און שטיל געבליבן. נאָכ־דעם האָט זיך דער קרומער מענעט געלאָזט הערן מיט זיין פייפל. דער קהל'עשער שומר האָט צו וויסן געגעבן דעם פאָלק, אַז ער האָט עס די גאַנצע נאַכט אָפּגעהיט.

און אָט בילט שוין ערגעץ אַ הונט. שמעון דערקאָנט דעם הונט און קול. ס'איז מורזשיק.

אויף מורזשיקס בילן רופט זיך אָן בילאָקאָנס וואסקאָ מיט אַ קליין, קוויטשיק קולכל... און אָט צעגייט זיך איבערן גאַנצן דאָרף אַ מונ־טערער געזאַנג פון אַ האָן. באַלד ווערט זיין רופנדיק געזאַנג אונטער־געכאַפּט פון אַ גרויסן כאָר הענער. כייקלס צוויי הענער זיינען אויך אין כאָר און שמעון פרייט זיך, וואָס ער האָט דערקאָנט זייערע שטימען. פון שטאָל רופט זיך אָן די קו מיט אַן אומגעדולדיקן מו און שמעון שטעלט זיך פאָר, ווי ביי דער קו גייט אַ פּאַרע פון די נאָזלעכער.

פון יענער זייט וואַנט, צו דער סטאָלאָווע דערהערט זיך, ווי דער זיידע גענעצט ברייט איין מאָל און צוויי מאָל און דריי מאָל, ביז די באָבע כאַפּט זיך אויף און זי פרעגט אים מיט אַ פאַרלעגערט קול:

— שלאָפסט שוין ניט?

— אַ קאַרגע נאַכט? — פרעגט ער אומצופרידן.

וויל אים די באָבע עפּעס זאָגן און זי הויבט שוין אָן רעדן, נאָר זי פאַרגייט זיך אין אַ גענעץ מיט אַ כריפּ און אַן אָנגעבראָכן קוויטשיקל און דער זיידע גענעצט שוין ווידער. נאָכדעם זאָגט די באָבע:

— האָסט געזען, שייע, ווי ער האָט זיך קיין עין הרע, אַ יאָג געטאָן?

דער זיידע שווייגט.

— שוין באַלד דעריאָגט דעם טאַטן, — זאָגט ווייטער די באָבע.

דער זיידע שווייגט.

— עפּעס אַזוי פאַרטראַכט געוואָרן, — זעצט פאָר די באָבע.

זאָגט שוין דער זיידע ברוגז:

— פאַרטראַכט, פאַרטראַכט!... — גיט אַ געגעץ און וויל מער ניט רעדן. און די באָבע שווייגט און שווייגט און הויבט שוין ווידער אָן:

— איך האָב געמיינט, ער האָט שוין פאַרגעסן זיין טבע, אָבער ער האָט מיר געקנאַקט יאָדערן איינס נאָכן אַנדערן, איינס נאָכן אַנדערן...

פאַרשטייט דאָך שמעון, אַז מע רעדט וועגן אים און ס'איז אים גוט. אָט כאַפּט זיך אויף דער טאַטע און געגעצט הויך. די מאַמע וואַרפט זיך דורך און בייזערט זיך, וואָס דער טאַטע לאָזט זי ניט שלאָפן.

— אַ קאַרגע נאַכט אויף דיר? — פרעגט זי דער טאַטע.

די מאַמע ענטפערט אים ניט.

דער טאַטע זאָגט:

— שטיי נאָר אויף צום גאַסט.

— אוי — טוט זיך די מאַמע אַ כאַפּ, ווי זי וואָלט פאַרגעסן עפּעס אַ גרויסע זאַך, וואָס איז איר שטאַרק־שטאַרק נוגע — מיר זאָל זיין פאַר זיינע ביינער! ער איז נעבאָך געקומען אַן איבערגעפרוירענער, קער אַוואַדע שלאָפן, לאָז טאַקי זיין שטיל!...

ווערט טאַקי שטיל און שפּעטער זאָגט דער טאַטע:

— ניט קיין שבת און ניט קיין יום טוב...

שמעון הערט, ווי דער פאָטער טוט זיך אָן, ווי ער קרעכצט, אַרויסשלעפּנדיק די ענגע שטיוול... דערנאָך גייט ער זיך וואַשן. דערנאָך שפּאַנט ער אין קיך אַריין. דאָרט איז אויפן אָנגעבעטן אויפּנ־אויוון דאָ אַ נעכטיק־אויפגעזאָטענער קופּערנער טשייניק מיט אָקריפּ און צוויי גרינע פלעשער געבריטע מילך. דער טאַטע טרינקט טיי מיט מילך. פאַרן אַוועקגייען קומט ער צו צו די קינדער'ס אַלקער און פרעגט:

— שלאָפסט, זינו?

— ניין, זאָגט שמעון מיט אַ קלאָרער, וואַכנדיקער שטים, אָבער דער טאַטע זאָגט אים:

— שלאָף, שלאָף — און גייט אַוועק.

עס סקריפּעט קאַלט און פראָסטיק די שטוב־טיר; דערנאָך די דרויסנדיקע טיר.

אין אַלקער איז שוין גוט ליכטיק. חנה'לע וואַרפט זיך דורך, זעצט זיך ראָש אויף, פאַרקוקט צו שמעונ'ען און באַגעגנט זיך מיטן ברודערס וואַכנדיקע אויגן.

— שלאָפסט ניט? — פרעגט זי.

— יאָ, — ענטפערט ער און לאַכט. לאַכט שוין חנה'לע אויך. כאַפּט זיך די מאַמע אויף און שרייט פון יענער זייט וואַנט, אַז חנה'לע וועט נאָך אויפוועקן שמעונ'ען. לאַכט חנה'לע נאָך העכער. כאַפּט זיך שוין ניומטשיק אויך אויף, זעצט זיך אויף און קוקט צעטומלט דאָ אויף חנה'לען, דאָ אויף שמעונ'ען.ביידע לאַכן און ער ווערט נאָך מער צעטומלט. לאַכן זיי נאָך שטאַרקער.

— נאַר מע הירזשעט, — זאָגט ניומטשיק, ווי אַן עלטערער מיט אַ שטראָפנדיק קול — אַקוראַט ווי קליינע קינדער!... ער וואַרפט זיך צוריק אין קושן, אָבער שלאָפן קאָן ער שוין ניט, ווייל אַפילו די מאַמע לאַכט דאָרט אויך און שרייט פון דער ווייטן צו שמעונ'ען און פרעגט אים, צי עס אים געווען וואַרעם צו שלאָפן.

יאָ, — שרייט שמעון צוריק — ניומטשיק האָט מיך געוואַרעמט, ווי אַ הריבקעלע.

ניומטשיק שמייכלט צופרידן.

דער זיידע שפּאַנט שוין אַרום איבערן צימער פון יענער זייט וואַנט, היין און צוריק, היין און צוריק.

נאָכדעם נעמט ער זיך זאָגן תהלים אויף אַ קול; נאָכדעם איז ער מעביר די סדרה.

אַלע זיינען אויפגעשטאַנען.

נאָכן טרינקען די טיי מיט מילך האָט דער זיידע אַכטונג געגעבן, אַז די אינגלעך זאָלן מעביר זיין די סדרה. און נאָכדעם האָט זיך דער זיידע אָוועקגעשטעלט ביים טיש, ווי אַ חזן און ביידע אינגלעך האָבן אים נאָכגעדאַוונט.

די ווערטער פונם שבת'דיקן דאַוונען זיינען געווען אַזוינע פריי־לעכע, אַז שמעון האָט זיי געזאָגט מיט גרויס חשק און ביים אויסלאָזן יעדער קאַפּיטל, זיך חזנ'יש געציקלט.

די באָבע מיט דער מאַמען זיינען בשעת מעשה געזעסן אויפן גע־קאָכעטן קאַסטן ביי דער הרובע און זיך מיט תענוג איינגעהערט אינם לעבעדיקן געזאַנג. ביי יעדער ברכה האָבן ביידע אין איילעניש אונ־טערגעכאַפּט אַ ברוך הוא וברוך שמו מיט אַן אָמן. חנהלע האָט זיך אַ גליקלעכע אומגעדרייט, געוואָלט נאָכזאָגן די ברוך הוא'ס מיט די אָמנ'ס און זיך געשעמט. זי האָט גענומען די כרעסטאָמאַטיע „רוס־סקיע פּיסאַטיעלי" און פאַרקוקט אַהין. עס האָט איר זייער באַנג

געטאָן, וואָס זי איז ניט קיין אינגל און קאָן ניט דאַווענען באַגלייך מיט די ברידער.

צום שבת׳דיקן מאָלצייט איז דער טאַטע, ווי געוויינלעך, ניט געקומען.

נאָכן עסן האָבן זיך אַלע געלעגט שלאָפן. די פענסטער האָט מען פאַרהאַנגען מיט שאַלן. אין די חדרים איז געוואָרן פינסטער. שמעון האָט נאָר געוואַרט, אַז זיינע זאָלן אַנשלאָפן ווערן. ער האָט זיך אַפילו ניט געלעגט און איז אַרויס אין דרויסן. עס האָט נאָך אַלץ געבלאָזן דער נעכטיקער ווינט און אַרונטערגעזעצט דעם פרעכטיקן שניי נידריקער און נידריקער. ער האָט אים געגריזשעט און איבערגעלאָזט סימנים, פון צוגעפוילטע, פאַרצערנדיקע ציינער. די בלאַטלאָזע בוימער האָבן אויסגעזען שוואַרץ און אימה׳דיק זיך געוויגט מיט פאַרוויינטע צווייגן.

שמעון איז געגאַנגען צו דער שקאָלע. ער האָט זיך דערוואַרט אויף אַ איבעררייס אין לערנען. די שקאָליאַרעס זיינען אַרויסגעלאָפן אין דרויסן. זיינע חברים — און ניט נאָר זיי — האָבן אים באַמערקט און האָבן אים אַרומגעשטעלט.

— קאַנאַריק! קאַנאַריק! — האָבן אַלע גערופן. אַלע האָבן געוואוסט, אַז שמעון איז שוין געוואָרן אַ פאַלנע ייד, וואָס טאָר זיך מיט קיין צלמ׳דיקן פויער ניט פאַרגייען, און דערפאַר האָבן זיך די פויערישע קינדער געריצט מיטן יידן און איינער פון זיי, אליזאַר טשערעשניא, אַ חברה מאַן גאָר פונם צווייטן ווינקל, אַ קליינער מיט אַ גרויס לאַנג פנים און שמאָלע שלעכטע אויגן, — האָט אַנגעטראַכט:

— אַ נו, יידעלע, זינג פאַר אונז.

— טאָזש טאַק! טאָזש טאַק!! — האָבן אייניקע אונטערגעכאַפּט.

שמעון האָט זיי באַטראַכט, זיי גאַרניט געענטפערט און ווי אַ גרויסער, ווי אַ פרעמדער, אָבער ווי אַן היימישער, וואָס איז אין דער ווייטער פרעמד גרויס געוואָרן, געשמייכלט מיט אַ זיכערן, פריינדלעכן שמייכל.

צווישן די חברה האָט זיך דורכגעשטופּט דיניס. זיין קליין, ברוין פנים מיט די שמאָלע, קאַרע אויגן, דאָס דינע, ברייטלעכע מויל, די עטוואָס טעמפּע נאָז, דער נידריקער שטערן, — אַלץ אין אים האָט געשמייכלט. ער האָט, ווי אַ גלייכער, זיך געוויטעט מיט שמעונ׳ען. צו די שקאָליאַרעס האָט ער, ווי אַ בחור פונם עלטסטן קלאַס אַ זאָג געטאָן מיט פאַראַכטונג:

— סטאַראַניס! (ראַמט אַפּ, הייסט עס, דעם וועג), ער האָט אַ שאַר געטאָן מיט ביידע הענט און די קליינוואַרג האָט אים געפאָלגט. זיי האָבן זיך פּאַמעלעך אָפּגערוקט און אַרום שמעונ׳ען זיינען שוין געשטאַנען: דיניס, פּראָקאָשע, טאַנאַסקאַ, טימקאַ, קאַלעניק, סאָלאַ־מיא, אָקסאַנע וואָוטשאַק און יאַוודאָכע.

אויך זי האָט זיך אין די פּאָר וואָכן אַ יאָג געטאָן און אין די ווינטערדיקע קליידער אויסגעזען אַסך ברייטער, ווי זומער, שיעור ניט ווי אַ מויד. זי האָט געקוקט גלייך שמעונ׳ען אין פּנים אַריין און געפרעגט:

— האָט מען דיך אַרויסגעטריבן פון דאָרטן, צי דו ביזט אַליין אַנטלאָפן? ...

שמעון האָט זיך באַליידיקט. זיין ברוגז׳ע מינע האָט די חברים געמאַכט צום לאַכן.

— האָט זיך פאַרביינקט נאָך דער מאַמעס פאַרטוך — האָט דיניס געזאָגט.

— ניין, האָט קאַלעניק געהאָלפן חוזק מאַכן — ער איז געקומען אַהערצו אָפּמורקען די זשידיווסקי תפלות און נאָכדעם וועט ער צוריקגיין ...

שמעון האָט באַטראַכט זיינע חברים און זיי ניט דערקענט. ער האָט זיך איינגעהערט אין זייער ווילדן געלעכטער און מיט אַנגסט צוגעזען, אַז אַפילו יאַוודאָכע, זיין יאַוודאָכע, לאַכט אויך פון די נאַרישע חכמות. ער האָט שוין געוואָלט אַוועקגיין, אָבער ער האָט געדיינקט די ווערטער פון זיין לערער ראַבינאָוויטש: יענער האָט אים אַמאָל געזאָגט: „די, ווען דו ווילסט נוצן ברענגען, וועלן דיר קיין דאַנק דערפאַר ניט געבן. זיי וועלן דיך פאַרשרייען, מיט שטיינער באַוואַרפן, אָבער דו טאָרסט זיך ניט אָפּשטעלן און גיין פאַראויס אַזוי לאַנג, ביז זיי וועלן דערזען דעם אמת און זיי וועלן איינזען, אַז מיר זיינען אַלע קינדער פון איין פאָלק, וואָס רופט זיך ׳מענטשהייט.׳ ״

שמעון האָט דעריבער מיט אַ ווייכער שטים געזאָגט:

— איך בין געקומען צו אייך צו גאַסט, — און איר חכמה׳ט זיך... אויב איר ווילט, קאָן איך שוין אַוועקגיין.

די חברה האָט זיך איבערגעקוקט, אייניקע צעטומלט, אַנדערע — גרייט זיך צעלאַכן. דיניס האָט געזאָגט:

— אָט אַ נאַרישער קאַנאַריק! באַלד עפּעס ווערט ער ברוגז... קאָנסט דען ניט אונזערע כלאָפּציעס?

— טאַזש טאַק! — האָט פּראַקאַשע גערן אונטערגעכאַפּט און געלאַכט מיט נאַרישע, שטומפּיקע ציין. ער האָט דערלאַנגט די האַנט שמעונ'ען און אויף אידיש איבערגעקרומט:

— נו נו נו נו נו, שולים לייקעם...

ווידער האָבן אַלע קינדער געלאַכט, אָבער טאַקי אַלע, אַפילו די וואָס זיינען געשטאַנען פון דער זייט. און יאַוודאָכע האָט אַזוי געלאַכט, אַז זי האָט זיך אַזש אַרונטערגעזעצט. דיניס איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט זיך באַהערשט. ווידער האָט ער, ווי אַן עלטערער, ווי איי־נער פון די, וואָס ענדיקט שוין אָט, אָט די שקאָלע — אַנגעשריגן אויף די ווילד-געוואָרענע פון געלעכטער חברה און שמעונ'ען דערווייל שטיל אַ פרעג געטאָן:

— דערהאַלטן?

— יאָ, — האָט שמעון סודות'דיק געענטפערט.

— וואָס סוד'עסטו זיך עפּעס? — האָט סאַלאָמיע געפרעגט דיניס'ן.

— דו ווייסט וואָס — האָט איר דיניס געענטפערט.

שמעון האָט אַ קוק געטאָן אויף יאַוודאָכ'ען. זי איז געווען אַזוי רויט פאַרשעמט, אַז ער האָט מורא געהאַט, זי זאָל זיך ניט צעוויינען. זי האָט פאַרדרייט איר קאָפּ און זיך געלאָזט גיין אין שקאָלע אַריין.

דאָ האָט זיך דערהערט דעם לערערס גלאָק און אַלע שקאָליאַרעס זיינען מיט לויפעריי, געשריי און קוויטשעריי אַריין צוריק אין שקאָלע.

קאַפּיטל זיבן און צוואַנציק

שבת צו נאַכט איז אין שקאָלע געווען ספּיעווקעס, כאָר־געזאַנג. דער כאָר, וואָס האָט זונטיק געזונגען אין קלויסטער, האָט יעדן ערב זונטיק רעפּעטירט. דערפאַר האָט דער לערער ביים אַוועקגיין שבת, נאָכן לערנען די טיר פון דער שקאָלע ניט פאַרמאַכט. ער פלעגט קומען מיט די דערוואַקסענע זינגער צוויי דריי שעה אין דער נאַכט. פאַרנאַכט פלעגן זיך איניקע פון דער גרופּע זינגער אָנהויבן צונויפ־קומען. אין כאָר האָבן שוין אויך געזונגען יאַוודאָכע, דיניס און דער קליינער קאָלעניק, און צוליב זיי איז שוין אין שקאָלע געקומען די גאַנצע קאָמפּאַניע. קיין ליכט האָט מען ניט אָנגעצונדן. איז מען געזעסן אין דער פינסטער און זיך דערציילט מעשיות. מערסטנס זיינען די געשיכטעס געווען שרעקלעכע וועגן גנבות, גזלות, שרפות, דערטרונקענע, פאַר׳סמ׳טע, אויפגעהאָנגענע, מכשפים, וואָווקולאָקעס, דאָמאָוויקעס, וועלף, שלענג און אַנדערע שרעקלעכע זאַכענישן . . . אלא ניט האָט מען זיך דערציילט קאָמישע געשיכטעס וועגן יידן, וואָס ווערן אָפּגענאַרט פון קלוגע רעכטגלוביקע...

אויך היינטיקן שבת צו נאַכט איז זיך די חברה צונויפגעקומען. זיי האָבן זיך אויסגעזעצט אויף די לאַנגע בענק ביי דער הרובע און דער עלטסטער און פאַרנעמסטער, דיניס, האָט געגעבן דעם טאָן:

— איך ווייס ניט, — האָט ער געזאָגט — נאָך וואָס מיר קומען אַזוי פרי אַהער, אַז זיי קליבן זיך אויס ערשט אויף האַלבער נאַכט... קומען צוגיין גאַנצע העלדן, ווען איך בין שוין פאַרשלאָפן און דאָס קול איז געלעגערט. זעט, — האָט ער אָנגעוויזן אויפן אָנגעצונדענעם פענסטער — די זון איז נאָך אַפילו ניט פאַרגאַנגען.

— אַפשר וואָלטן מיר טאַקי געגאַנגען אַהיים? — האָט טאַנאַסקאַ געפרעגט און יאַוודאָכע האָט זיך אָנגערופן:

— ווען איך זאָל ניט מורא האָבן פאַר מיין טאַטן, וואָלט איך אינגאַנצן אַהער ניט געקומען.

— נאָך וואָס הייסט ער אונז טאַקי קומען אַזוי פרי? — האָט דיניס בייז געפרעגט: מיינענדיק דעם לערער פון דער שקאָלע.

קיינער האָט אים אויף דער פראַגע ניט געקאָנט ענטפערן, נאָר אַלע זיינען געווען איינשטימיק מיט אים, אַז זיי ווערן באַליידיקט פון די גרויסע. אויפהויבן זיך פונם אָרט און אַהיימגיין האָט קיינער ניט געוואָגט. האָבן זיי זיך דאָ אָפּגענודיעט ביז עס איז געוואָרן פינסטער. קיינער האָט ניט אָנגעהויבן צו דערציילן און קיינער האָט ניט פאַר־לאַנגט קיין מעשיות: דאָס געפיל פון אומצופרידנקייט האָט איבער־געפירט די שטימונג. די אינגלעך האָבן זיך צוגערוקט צו די מיידלעך. זיי האָבן זיך אַרומגענומען. די אויסגעלאָשענע פענסטער האָבן אָנגע־הויבן ווערן שוואַרץ. יאַוודאָכע האָט אַ שווערן זיפץ געטאָן. טימקאָ, וואָס האָט זי געהאַלטן אַרומגענומען, האָט געפרעגט:

— א טי טשאָהאָ? (און וואָס, הייסט עס, איז מיט דיר)?

— גאָרנישט, — האָט זי ניט אויפריכטיק געזאָגט.

פּראָקאָשע האָט זיך אויף זייער געשפּרעך מיט זיין נאַרישן גע־לעכטער אָנגערופן:

— אוי אוי אוי, קאַנאַריק, קאַנאַריק!... — האָט ער יאַוודאָכע'ן געקיבעצט.

אַלע האָבן פאַרשטאַנען די אָנצוהערעניש און קיינער האָט זיך פאַר יאַוודאָכע'ן ניט אָנגענומען.

— ער'ז קליגער פון דיר — האָט אים יאַוודאָכע אָפּגענטפערט.

פּראָקאָשע איז איר ניט געבליבן שולדיק קיין ענטפער, און דער געשפּרעך איז שוין אַוועק וועגן שמעונ'ען. אַלע חוץ דיניס'ן און קאַלעניק'ן האָבן געהאַלטן, אַז דער ייד איז גרויס געוואָרן ביי זיך, און קיין יידן טאָר מען נאָך אַלעמען ניט גלויבן, אַ ייד איז פאָרט אַ ייד און בלייבט אַ ייד, זאָל עס אַפילו זיין איינער, וואָס וואַקסט אויס צווישן אונז, רעכטגלויביקע... דיניס האָט אַרויסגעוויזן אַסך בריה'ש־קייט, אָננעמענדיק זיך פאַר אַ יידן.

— איר האָט אַ טעות: געבוירן מיט אונז, איז ער אונזערער. היינט איז ער געקומען, גרויסט ער זיך. מאָרגן איז ער שוין אַן אַנ־דערער. ער איז אין אָטשערעטניע און דאָס איז אויך אַ דאָרף, ווידער אונזערע מענטשן. ער פון אונז לאַכט ניט. סע מיר, באַלד עפּעס, קרומען מיר אים נאָך. און רוסיש קאָן ער בעסער פון אונז אַלע.

דאָ האָבן זיך די קינדער דערמאָנט, ווי שמעון איז איינמאָל אַריינ־געקומען אין שקאָלע בעתן לערנען. דער לערער האָט אים פאַרהערט, געקוואָלן פון שמעונ'ס ענפערס און געזידלט דעם גאַנצן קלאַס.

— מיר — האָט שוין קאַלעניק דערציילט — אויף יעדע שורה אויסלייגן אַ טעות און צוויי, און קאַנאַריק — אַ גאַנץ בלעטל אָן איין טעותל!

עס האָבן זיך אין גיכן דערהערט טריט און אַלע האָבן אין זיי דערקענט קאַנאַריק'ן.

— מע דערמאָנט דעם וואָלף, און ער — אין שטוב אַריין — האָט פּראָקאָשע פריילעך געזאָגט. ער האָט זיך אָבער געפילט שולדיק קעגן יידן... איצט, אויב ער קומט ווידער צו זיי, נאָך אין דער הייליקער צערקאָוונע שקאָלע אַריין, איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש... אַפילו דיניס האָט זיך אויפן יידן אַצינד ניט געריכט. ער איז אַריינגעקומען, זיך שטיל געגריסט אויף רוסיש, און אַלע האָבן באַנייס דערפילט, אַז אים איז עפּעס צוגעקומען אַזוינס, וואָס מען קען עס ניט דערזען, נאָר מען דערפילט עס באַלד... אַזוי קומט אַ דאָרפסמענטש אַהיים פון אַ גרויסער שטאָט, וואו עס זיינען פאַראַן אַסך קלוגע און געלערנטע מענטשן; אַזוי קומט אַ זעלנער פון זיין דינסט. זיינע פּאַסטעמקעס זיינען אַנדערש, זיין שפּראַך איז דורכגעפלאָכטן מיט פרעמדע, שיינע ווערטער... אָבער שמעון?... אָבער קאַנאַריק?... סך הכל איז ער גאָר געווען אין אַטשערעטניע, אַ דאָרף, ניט מער ווי אַ דאָרף — און זעט, ווי ער קוקט אויס! אין דער פינסטער פילט מען, ווי ערנסט און פאַרטראַכט ער איז אַזוי ווי אַ מאַנסבל!

— זדראווסטוואויטיע, — זאָגט שמעון און פאַרנויגט זיך איידל.

— גוט, וואָס דו ביסט געקומען, — זאָגט אים דיניס. ער רוקט זיך אָפּ פון סאָלאָמיע'ן און מאַכט אָן אָרט פאַר שמעונ'ען. שמעון זעצט זיך לעבן דיניס'ן. אַלע שווייגן.

— וואָט טשטאָ, — הויבט אָן שמעון.

— טא שטשאָ? — פרעגט דיניס.

שמעון טראַכט און טראַכט און זאָגט:

— איר גייט אַהער זינגען און איר זענט זיכער, אַז איר טוט גוטס. מיר האָבן גע'גנב'עט היטשקע פאַר אונזערע בהמות און מיר זיינען אויך געווען זיכער, אַז מיר באַגייען אַ פאַרברעכן... דער סוף איז אָבער, אַז מיר ווייסן ניט, ווען מיר טוען גוטס און ווען מיר טוען שלעכטס.

שמעון איז שטיל געבליבן. אַלע האָבן געשוויגן.

דיניס האָט זיך דער ערשטער אָנגערופן:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ דרשה?

— ניין, האָט שמעון געענטפערט — דאָס איז ניט קיין פּראָפּאָ־וויעד, נאָר אַ באַלאַטשקע מיט אייגענע מענטשן.

— וואו האָסטו זיך אויסגעלערנט אַזוי באַלאַקען? — האָט יאוור־דאָכע געפרעגט.

— דו וואָלסט עס מיך ניט באַדאַרפט פרעגן — האָט שמעון אָפּ־געענטפערט.

— פאַרוואָס איך? — האָט יאוודאָכע געפרעגט.

— דו ווייסט פאַרוואָס, — האָט שמעון געזאָגט און איז רויט געוואָרן. — עס איז פינסטער, — האָט ער פאַרטגעזעצט — און דו זעסט ניט ווי איך בין רויט. איך זע דיך אויך ניט און איך בין זיכער, אַז דו ביסט אויך רויט פון בושה.

פון די רייד האָט פּראָקאָשע זיך צעלאַכט. — לאַך ניט! — האָט אים שמעון געשטראָפט — לאַך ניט, זאָג איך דיר! און מיר דאַרפן ניט רויט ווערן און זיך ניט שעמען, אויב מיר טראַכטן עפּעס איינער פונעם צווייטן, ווייל מיר דאַרפן פאַרשטייען, אַז מיר זיינען אַלע קינדער פון איין גרויס פאָלק, וואָס רופט זיך מענטשהייט.

— אָט געזאָגט! האָט דיניס באַוואונדערט דעם ייִדישן חבר.

און שמעון, ווי נאָר ער האָט די שיינע, דערהויבענע ווערטער אַרויסגעזאָגט, האָט זיך דערפילט נאָך שטאַרקער און שוין זיכער געוועדט מיט אַ שטילער שטים, אַזוי אַז מען האָט אים קוים געהערט. אַלע האָבן זיך צונויפגערוקט אַרום אים און ער האָט זיי דערציילט די גאַנצע געשיכטע פון זייער בריוו, ווי ער האָט אים געלייענט ביי ראַבינאָוויטש'ן אין הויז און וואָס יענע גרויסע געלערנטע מענטשן האָבן וועגן דעם בריוו געזאָגט. אַלע זייערע רייד האָט שמעון איצט איבערגעגעבן פאַר זיינע פריינט. ער האָט יענע גרויסע איבערלעבונג איצט ווידער איבערגעלעבט און זי איבערגעגעבן זיינע פאַרגאַפטע צוהערער.

ער האָט געענדיקט. די באַרוישונג איז געווען אַזוי גרויס, אַז קיינער האָט גאָרניט געפרעגט, אַפילו דער שטענדיקער לאַכער פּראָ־קאָשע איז געווען ערנסט. נאָר אָט האָט סאַלאַמיע אַ פרעג געטאָן:

— וואָס זיינען דאָס פאַר מענטשן? — יידן, צי רעכטגלויביקע?

— פאַראַן צווישן זיי פאַרשיידענע — האָט שמעון פאַרקלערט געענטפערט.

— אָבער יידן אויך דאָ? — האָט שוין יאוודאָכע זיך אָנגערופן.

— יאָ, — האָט שמעון געענטפערט.

דערויף האָט יאוודאָכע געזאָגט:

— וואו א ייד, קאָן שוין קיין גוטס ניט זיין.

שמעון האָט אין דער פינסטער זיך איינגעקוקט אין איר. זיין האַרץ האָט אים געזאָגט. אָ, ווי עס האָט אים ווי געטאָן!

— פאַרוואָס? — האָט ער געפרעגט.

— דערפאַר, וואָס אַ ייד איז אומריין, — האָט יאַוודאָכע געענט־פערט זיכער, ווי זי וואָלט זאָגן, אַז ס'איז איצטער נאַכט.

פּראַקאָשע האָט זיך שוין געשטיקט פון געלעכטער און קאַלעניק האָט אויך געוואָלט עפּעס אַריינזאָגן, אָבער שמעון האָט געפרעגט:

— פאַרוואָס זשע האָסטו געשריבן אַ בריוו צו אַן אומריינעם? פאַרוואָס, פאַרוואָס, זאָג!?

— אָ, — איז יאַוודאָכע ניט בטול געוואָרן — דו ביסט עפּעס אַנדערש: דו ביסט ניט קיין ייד מיט פאות און ציצית'לעך און אַלע אַנדערע זשידיווסקי פּריטשעפּקעס. דו ביסט אויסגעוואַקסן צווישן אונז, — דערפאַר ביסטו אַנדערש.

— ניין, ניין, — איך בין ניט אַנדערש, — האָט שמעון, אַ דער־היצטער, געזאָגט — און דאָס וואָס דו רעדסט, אַז יידן קאָנען קיין גוטס ניט ברענגען, איז אויך אַן אומגערעכטע זאַך.

— יידן האָבן פאַרמוטשעט אונזער גאָט, און דערפון נעמען זיך אַלע שלעכטיקייטן, — האָט זיך שוין דיניס, ווי אַ בר דעת אָנגערופן.

— ווער רעדט פון גאָט? — האָט שמעון אומגעדולדיק געזאָגט.

— די ערשטע זאַך איז דאָך גאָט, — האָט דיניס געענטפערט.

— טאַזש טאַק — האָט סאַלאָמיע גערן אונטערגעכאַפּט און זיך איבערגע'צלמ'ט.

שמעון האָט מער קיין ווערטער ניט געפונען. געקומען איז ער צו זיינע אומווּסנדיקע פריינט, ווי אַ קליגערער פון זיי, אָבער ער האָט זיי גאָרניט געקאָנט זאָגן, ער האָט קיין כח ניט געהאַט זיי אַריינ־ברענגען דאָס גרויסע ליכט, ווייל זיי זיינען — ווי ראַבינאָוויטש האָט אים געזאָגט — פאַרבלענדט פון אַן אַלטער, פאַרשימלטער פינסטערניש, וואָס שטיקט זיי פון אַלע זייטן און לאָזט קיין איינציקן שטראַל ליכט צו זיי ניט צו.

„וואו נעמט מען ראַבינאָוויטש'ן אַהערצו? — האָט ער פאַר־צווייפלט געטראַכט — ער וואָלט זיי שוין אַזוי אָפּגעענטפערט, אַז זיי וואָלטן באַלד דערפילט דעם כח פונם אמת!..."

דיניס האָט געזאָגט:

— און דאָס וואָס סע ציט דיך צו אונז, באַווייזט טאַקי, אַז דו ביסט ניט ווי אַלע אַנדערע יידן, ווייל דו ביסט דער איינציקער און

דיין שוועסטער כאַנקע, די צווייטע, וואָס זענט מיט אונז, ווי מיט גלייכע.

— דיניס, דיניסע! — האָט שמעון אויסגערופן — דו זאָגסט אויף מיין פאָלק אַזאַ שלעכט וואָרט און דו ווילסט נאָך, אַז זיי זאָלן זיין מיט אייך גלייכע. אפשר וואָלט איך אויך באַדאַרפט זיין אַזוי ווי זיי... איך האָב שוין גע'פועל'ט זיין אַזוי ווי זיי, זיך מיט אייך מער ניט אַנקערן, אַפילו ניט רעדן מיט אייך, — האָב איך אָבער עפּעס אַנדערש געלערנט...

— וואָס האָסטו געלערנט? — האָט דיניס איבערגעפרעגט.

און שמעון האָט איבערגעחזרט זיין באַליבטע פראַזע:

— איך האָב געלערנט, אַז מיר זיינען אַלע קינדער פון איין גרויס פאָלק, וואָס רופט זיך „מענטשהייט."

— סאַלאָמיע האָט אַ זיפץ געטאָן און געזאָגט:

— ס'זאָלן נאָר ניט זיין קיין יידן צווישן דער מענטשהייט, וואָלט שוין גוט געווען.

— „טא שטשאָ!" האָט איר שמעון דערויף געזאָגט — אַליין ווייסטו גאָרניט און פון קלוגע מענטשן ווילסטו זיך ניט לערנען.

האָט זיך שוין יאַוודאָכע אַנגענומען סאַלאָמיע'ס קריוודע:

— אַזאַ קלוגער ביסטו געוואָרן?

— איך? — האָט שמעון איבערגעפרעגט — איך דערצייל אייך בלויז איבער, וואָס יענער האָט געזאָגט.

— האָט עס אַ פּראַוואָסלאַוונע געזאָגט? — האָט שוין דיניס געפרעגט.

— אַוואַדע אַ פּראַוואָסלאַוונע! — האָט זיך שמעון דערפרייט.

— עס קען ניט זיין! — האָט יאַוודאָכע זיך ניט געגלויבט.

האָט זיך שמעון געשוואוירן איין מאָל און צוויי מאָל און דריי מאָל, — אָבער מען האָט אים אַלץ ניט געגלויבט...

— סיידן דאָס איז אַ פאַרשטעלטער ייד — האָט שוין דער ליאָכ־ישער טאַנאַסקאַ זיך אַנגערופן.

אין שקאָלע איז שוין געווען גוט פינסטער. מען האָט זיך איינס ס'אַנדערע ניט אַרויסגעזען. אַ ווײַלע איז מען געזעסן שטיל און זיך איינגעהערט. שמעון האָט זיך דערמאָנט אָן די שבת־צו־נאַכטסן, וואָס ער האָט דאָ פאַרבראַכט און די אַלע מעשיות, וואָס ער האָט זיך דאָ פון די חברים אָנגעהערט און — אַליין דערציילט, און ער האָט איצט געפילט, אַז ניט ער, ניט זיי וועלן היינט עפּעס דערציילן, אַז די נייע מייסע, וואָס ער האָט זיי געבראַכט וועגן קינדער פון איין פאָלק, וואָס

רופט זיך מענטשהייט, אַז די נייע וואונדערליכע געשיכטע דאַרפן זיי ניט. עס האָט אים זייער ווי געטאָן. ער האָט זיך געוואָלט אויפהויבן, אַוועקגיין און מער קיינמאָל, קיינמאָל אַהערצו ניט קומען!... עס האָט זיך טאַקי געלוינט אָפּנאַרן טאַטע־מאַמע און די ליבע, זיסע חנהל'ע, איר זאָגן, אַז ער גייט שוין קיין אָטשערעטניע... ער האָט זיי ניט געוואָלט מצער זיין...

„ראַבינאָוויטש! — האָט ער איצט גערופן צום לערער, ווי ער האָט אַמאָל און אויך נעכטן אין פעלד גערופן צו גאָט — ראַבינאָוויטש, קלוגער, גוטער מענטש, ווען דו זעסט, פאַר וועמען דו ליידסט!..."

שמעון האָט געזאָגט:

— מע דאַרף גיין.

— וואָס האָסטו קיין צייט ניט? — האָט אים דיניס געפרעגט.

— איך דאַרף מאָרגן אויפשטיין פרי, גיין קיין אָטשערעטניע...

ער האָט זיך אויפגעשטעלט, העפלעך געזאָגט 'דאָסווידאַניאַ' און אין דער פינסטער זיך אַרויסגעשאַרט.

ער איז געגאַנגען פון דער שקאָלע, באַרג אַרויף, אַהיים. ערשט, ווען ער איז אַרויפגעקומען דעם באַרג, האָט ער זיך אומגעקוקט.

די פענסטער אין שקאָלע זיינען שוין געווען באַלויכטן. ער האָט זיך איינגעהערט און סע האָבן זיך צו אים דערטראָגן די איינטאָניקע, אויסגעצויגענע קלויסטער־לידער.